STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04896

TSVEY VELTN

Max Tennen

Permanent preservation of this book was made possible
by Bruce & Diane Gale
in honor of
their sheyne kinder, Jennifer, Jamie, Jason & Aaron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מאקס טענעז

צוויי וועלטן

(18 יאָר אין איראָפּע; 48 יאָר אין אַמעריקע)

אַ באַזוך אין 12 איראָפּייאישע הויפּט־שטעט,
איינשליסנדיג דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

פון

מאַקס טענען

מיט אַ פאָרוואָרט פון

א. גאָלדבערג

נ י ו י אָ ר ק
.1937

TWO WORLDS

(18 Years in Europe; 48 Years in U.S.A.)

A Visit to the Twelve Main European Cities

by

MAX TENNEN

With a Foreword
by A. GOLDBERG

New York
1937

Copyright, 1937
By Max Tenen
New York

~~1190398~~ Y 681, c.1

פאָרוואָרט פון א. גאָלדבערג*)

דאָס אידישע פאָלק ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען: „עם הספר”. ס'איז קיין ספק ניט, אַז לויט זיינע ווערטפולע ביישטייערונגען צו די קולטור־אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט, פאַרדינט עס כשר דעם דאָזיגן בכבודיגן טיטול.

הגם, וואָס אַנבאַלאַנגט אונזער אייגענער ליטעראַטור, בפרט דאָ, אין אַמעריקע, וואו אידישע ביכער וואַלגערן זיך פאַרשטויבטע און פאַרלאָזענע אויף די פּאָליצעס פון בוכהאַנדלונגען — און אידן קויפן זיי נ י ט — קלינגט אַביסל דער עפּיטעט „בוך־פאָלק” ווי אַ פּאַראַדאָקס...

צוריקשמועסנדיג אָבער, ווען מ'זאָל נעמען אין באַטראַכט די פּראָפּאָרציאָנעל־גרויסע צאָל שרייבער, וואָס דאָס אידישע פאָלק פּראָדוצירט, לגבי די אומות העולם, זיינען מיר נאָך אַלץ דאָס „עם־הספר'דיגסטע” צווישן די פעלקער — אין מאַטעמאַטישן זין...

איך האָב געפונען פאַר נויטיג צו מאַכן אַט־דעם „זייטיגן” אַריינפיר צו מיין קורצן אָפּשאַץ פון מ. טענענ'ס פאַרליגנדיגן בוך „צוויי וועלטן”, צוליב פאָלגנדיגן טעם:

אין אונזערע ליטעראַרישע קרייזן קוקט מען געוויינטלעך „קרום” אויף אַ נייעם אומבאַקאַנטן שרייבער, און מען איז „בודק חמץ” זיין ווערק אין אַלע „חורין וסדקין”. מען איז „מקבל בסבר פנים יפות” נאָר אַזאַ שרייבער, וועלכער קומט נאָך די „תרי"ג מצוות” און אַלע „לא תעשה'ס” פון דעם אַרכאַאישן שריפט־שטעלערישן „שולחן ערוך” — אַניט — איז ער ניט זוכה אַריינצוקומען אין דעם „סאַנקטום־סאַנקטאָרום”, אָדער „קדשי־קדשים” פון דער ליטעראַטור...

האַלט איך, אַז די דאָזיגע דראַסטישע קוואַליפיקאַציעס, פאַר־

---

*) א. גאָלדבערג איז באַקאַנט ווי דער פּיאָנער־רעדאַקטאָר פון עקאָנאָמישע פאַך־צייטשריפטן. זיינער אַ ביבליאָגראַפיש־היסטאָרישער טראַקטאַט: „אידישער פאַך־זשורנאַליזם אין אַמעריקע”, איז דאָ ניט לאַנג געווען געדרוקט אין דעם „פּרעסע זאַמלבוך”, יאָר 1937, אַרויסגעגעבן פונם א י ד י ש ן ו ו י ס נ ש אַ פ ט ל ע כ ן א' י נ ס ט י ט ו ט. (לכבוד דעם 250טן יובילוי פון דער אידישער פּרעסע). ער האָט אויך רעדאַקטירט און זיך באַטייליגט אין ליטעראַרישע זשורנאַלן אין פאַר־שיידענע שפּראַכן. — מ. ט.

געשריבן פון די תלמידים פון דער שטרענגער „בית־שמאי" שול אין דער ליטעראַטור, זיינען געווען גילטיק אין די „גוטע אַלטע ציַיטן" — די ציַיטן ווען די ליטעראַטור איז באַהערשט געוואָרן פון דעם בירגערלעך־טראַדיציאָנעלן — „קונסט לשם קונסט" פּרינציפּ.

מיט דער אנטשטייאונג אָבער פון דער נייער־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אידייאָלאָגיע און ריכטונג איז דער פּאַרעלטערטער „שולחן־ערוך" בטל געוואָרן.

אַלץ וואָס די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור פּאָדערט פון אַ שרייבער, איז — אינטעליגענץ, אַביסל טאַלאַנט און פאַרשטענדניש פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און סאָציאַלע באַדינגונגען. אויב אַ שרייבער פאַרמאָגט אָט־די עלעמענטאַרע קוואַליפיקאַציעס, האָט עפּעס וואָס צו זאָגן — און קאָן עס אויסדריקן אין אָריגינעלער פאָרמע, איז ער באַרעכטיגט מצרף צו ווערן צו דער פּראָלעטאַרישער שרייבער־משפחה — אפילו ווען זיין שפּראַך און אַנדערע טעכנישע אייגנשאַפטן זיינען ניט פולקאָם.

אָט די קריטישע מאָס דאַרף מען אויך אָנווענדן בנוגע מ. טענענ'ס „צוויי וועלטן". מאַנכע וועלן אפשר אויסזעצן, אַז זיין סטיל איז ניט קיין הונדערט פּראָצענט „ליטעראַרישער"; זיין שפּראַך איז ניט ראַפינירט און „געהויבעלט" גענוג, און דער בוי פונם זאַץ איז בא אים אָפטמאָל, אַ שווערער, אַ האַמעטנער.

האַלט איך אָבער, אַז ווען אפילו דאָס אַלץ זאָל זיין ריכטיג, באַזיצט דער דאָזיגער שרייבער געוויסע מעלות, אין זיין אַרט שרייבן, וואָס פאַרגיטיגן בכפל־כפלים די דאָזיגע טעכנישע חסרונות. קודם־כל, פאַרמאָגט ער אַ שאַרף אויג און אָפענעם אויער אויפצוכאַפּן אינטערעסאַנטע, באַלערנדיגע לעבנס־סצענעס, בילדער און עפּיזאָדן; צווייטנס, מערקט זיך אין אים אַ גוט־אַנטוויקלטער עסטעטישער חוש פאַר דאָס שיינע, דערהויבענע אין לעבן, פון איין זייט, און פאַרן אמת און סאָציאַלער גערעכטיגקייט — פון דער צווייטער.

מ. טענען שילדערט פאַר אונז זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, אין משך פון וואָסערע 66 יאָר, אין צוויי קאָנטינענטן, — 18 יאָר אין אייראָפּע און 48 יאָר אין אַמעריקע. אָבער אין הינטערגרונט פון זיינע סוביעקטיווע דערפאַרונגען און איינדרוקן וויקלט ער פאַר אונז פאַנאַנדער אַ געזעלשאַפטלעכע פּאַנאָראַמע פון סאָציאַלע באַדינגונגען און קאָנפליקטן. אין אַנדערע ווערטער: די צוויי־געאָגראַפישע־וועלטן זיינען בא אים

צוזאמענגעוועבט און צונויפגעפלאָכטן מיט נאָך „צוויי וועלטן" — גייסטיג־אינטעלעקטועלע.

דער שרייבער ברייננט ארויס, אויף א פשוט'ן, אייגנאַרטיגן, אפשר אומקינסטלערישן אופן, אָבער לעבעדיג און אינטערעסאַנט — דעם שאַרפן קאָנטראַסט פון די דאָזיגע צוויי אנטקעגנגעזעצטע וועלטן. ער מאָלט פאר אונז א גאלעריי מיט אינטערעסאַנטע טיפּן מכל המינים; ער באקענט אונז מיט דעם גייסטיג־אָרימען, פארבלאָזן, מאנאטאָנעם לעבן פון די איינוואוינער פון זיין חשכ'דיגער קליין גאַליציש שטעטל — ווי זיי זיינען פארזונקען אין פאנאטיש־רעליגיעזע אבערגלויבנס, אָן א ברעקל זון־שיין פון מאדערנעם פּראָגרעס און קולטור.

פון דער צווייטער זייט, מאָלט ער פאר אונז, אויף זיין אייגנ־אַרטיגן שטייגער, מיט אײנפאכע, אָבער בונטע פארבן, דאָס רוי־שיגע, ברוּיזנדיגע לעבן פון דער אידישער „איסט־סאַיד" אין ניו יאָרק, מיט קנאַפּע צוויי דורות צוריק; דעם קעסל־גרוב פון קלאסן־קאמף פון די אידישע ארבעטער; די מערקווירדיגע קול־טורעלע טעטיגקייט צווישן זיי אין יענעם פעריאָד, א. א. וו.

בדרך אגב, ווייזט ער אויך אָן ווי אזוי ער, דער שרייבער אליין, האָט דורכגעמאַכט, צוזאַמען מיט פיל אנדערע קאמעראַדן זיינע, די וואונדערבארע מעטאמארפאזע — ווי אזוי ער, אַן אָרימער „גאַליציאַנער" שניידער־אינגל, אָן עלעמענטאַרער בילדונג און קולטור, איז פארוואנדלט געוואָרן אין א באוואוסטזיניגן פּראָלע־טאַריער, סאָציאַליסט און פריידענקער.

באזונדערס אינטערעסאַנט, באַלערנדיג, און אין פיל ערטער ממש שפּאַנענדיג, זיינען די לעצטע קאפּיטלען אין „צוויי וועלטן". מיט א פליים, גרונטלעכקייט און אַלץ־אומפאסנקייט, וואָס מערקן זיך בא פראָפעסיאָנעלע רייזנדיגע שריפטשטעלער און פאָרשער, ווערן דאָרטן באַשריבן די צוועלף אייראָפּיאַישע הויפּט־שטעט, וואָס מ. טענען האָט באזוכט אין די לעצטע 5־6 יאָר.

די דאָזיגע קאפּיטלען אנטהאלטן, בלא גוזמא, א גאַנצן אוצר מיט רייכן אינפאָרמאַטיוון און סטאַטיסטישן מאַטעריאַל בנוגע די וויכטיגסטע וועלט־צענטערס. ער גיט אונז א קורצע, אָבער זאכלעכע און באַלערנדיגע באַשרייבונג פון די דאָזיגע 12 שטעט — זייער היסטאָריע, געאָגראַפיע, קאמערץ און אינדוסטריע, קולטור־אינסטי־טוציעס, א. א. וו. — א העכסט וויכטיגער מאַטעריאַל וואָס מען געפינט זעלטן אין איין בוך.

זייענדיג אין ראַטנפארבאַנד, האָט ער באזוכט א ריי פאַבריקן,

געהאט אינטערוויוס מיט די פּראָלעטער און געשפּרעכן מיט אר־בעטער־מענער און ארבעטערינס־פּרויען; האָט אויסגעפונען די גרויס פון פּראָדוקציע פון יעדער פאַבריק, די ארבעטער שטונדן און לוין, די סאָציאַלע און סאַניטארישע באַדינגונגען א. א. וו. באַזוכנדיג די „יאסלעס" און ענלעכע קינדער־אנשטאלטן, ווערט דער שרייבער־באַאָבאַכטער אַליין באַגייסטערט ווי אַ קינד ווען ער זעט ווי דער סאָציאַליסטישער געדאַנק ווערט איינגעפלאַנצט, אינם פּראָלעטארישן פאַטערלאַנד, אין די מוחות און הערצעלעך פון די קליינע, צאַרטע קינדערלעך, וועלכע טראָגן נאָך כמעט זייערע מוטערס מילך אויף די ליפּעלעך...

ער איז אנוועזנד אין אַ סאָוועטישן געריכט און זיין פריייד איז גרעניצלאָז ווען ער הערט ווי די פּראָצעסן ווערן געפירט פון אַ אידישן ריכטער אין דער אידישער שפּראַך!

מיט אָט אַזעלכע העכסט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און בילדער איז אָנגעפּיקעוועט דאָס גאַנצע בוך. ס'איז אוממעגלעך זיי דאָ צו ציטירן; איך בין אָבער זיכער, אַז דער לעזער וועט דאָרט געפי־נען אַ רייכן אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל, וואָס וועט באַרייכערן זיין באַגאַזש פון פּראַקטישן וויסן.

איך וויל שליסן מיט פאָלגנדיגער באַמערקונג; עס איז מיין איינדרוק און איבערצייגונג, אַז מ. טענענ'ס בוך וועט געלייענט ווערן פון פאַרשיידענע קלאַסן לעזער מיט פיל אינטערעס — און אין גאָר פיל ערטער מיט אמת'ן עסטעטישן גענוס.

דעריבער האַלט איך, אַז דאָס דאָזיגע פשוט'ע ווערק, גע־שריבן אויפריכטיג, אמת'דיג און ניט באַפאַרבט און באַפּוצט מיט ליטעראַרישע „צאַצקעס", איז אַ גאַנץ־נוצלעכער ביישטייער צו אונזער אידיש־פּראָלעטארישער ליטעראַטור.

אינהאַלט פון בוך:

זייט

מיינע קינדער יאָרן — 9
ווי מיין שטעטל האָט אויסגעזען — 10
מיינע עלטערן גיבן מיך אַריין אין חדר — 11
איך קום אָן אין אַ גרעסערן חדר — 13
מיר פאָרן קיין לעמבערג — 15
איך ווער אָן אַרבעטער — 17
איך ווער אַ שניידער — 19
איך ווער אַ קירזשנער — 20
איך הויב אָן לייגן תפילין — 22
איך ווער אַ מייסטער פאַר זיך — 23
איך פאָר קיין זלאטשאָוו — 26
איך אַנטלויף פון זלאטשאָוו — 28
איך פאַרלאָז מיין שטעטל און פאָר קיין אַמעריקע — 31
איך קום אָן אין אַמעריקע — 33
איך גיי אַרבעטן ביי קאשקעטן — 34
איך ווער אַ הויזן אפרייטאָר — 36
איך ווער אַ מאַנטל שניידער — 38
איך ווער אַ מענער שניידער — 39
איך ציִ זיך אַריבער קיין ברוקלין — 41
איך גיי חתונה האָבן — 45
איך ווער אַ טאַטע — 46
איך ווער אַ פּעדלער — 48
איך ווער אַ ראַדיקאַל — 50
איך ווער אַ קאָנטראַקטאָר — 60
מיין פרוי שטאַרבט — 64
מען רעדט מיר אַ שידוך — 65
מיין צווייטע חתונה — 70
אַמעריקע טרעט אַריין אין דער וועלט־מלחמה — 71
איך ווער אַ גראָסערימאַן — 73
איך ווער צוריק אַ קאָנטראַקטאָר — 75
מיין צווייטע פרוי שטאַרבט — 78
איך פאָר קיין אייראָפּע — 81

איך קום אַן אין פּוילן — 84
איך קום אַריין צו מיין ברודער אין הויז — 89
איך פאָר אויף קבר אבות — 93
איך קום אַן אין מיין שטעטל — 94
איך פאָר קיין לעמבערג אין טעאַטער — 98
איך פאָר קיין פּאמורן — 103
איך פאָר קיין יאסענאוויץ — 105
איך פאָר קיין ווין — 108
איך פאָר קיין פּאַריז — 117
איך פאָר קיין בערלין — 122
איך פאָר צוריק קיין אַמעריקע — 128
איך פאָר דעם צווייטן מאָל קיין איירָאָפּע — 129
איך קום אַן אין נעאפּאָל — 130
איך פאָר קיין רוים — 132
איך פאָר קיין מילאַן — 135
איך פאָר קיין ווענעדיק — 136
איך פאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — 140
איך פאָר קיין אדעס — 144
איך פאָר קיין כאַרקאָוו — 147
איך פאָר קיין מאָסקווע — 151
איך פאָר קיין לעניגראַד — 158
איך פאָר קיין לאָנדאָן — 163
איך קום צוריק אין אַמעריקע — 165

מיינע קינדער יאָרן

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1871, מערץ דעם דריטן, (10 טאָג אין אדר), אין שטעטל בילקאָמען, (געווען גאַליציע, איצט פּוילן), ביי אָרעמע, פּשוט׳ע, פרומע עלטערן. מיין טאַטע, מאיר, איז געווען אַ נידעריגער, מאָגערער איד, מיט לאַנגע פּאות און אַ שוואַרצער שפּיציגער באָרד, מיט אַ יאַרמולקע שטענדיג אויפן קאָפּ. ער איז געווען אַ באַוואוסטער שניידער אין שטעטל, אַ מייסטער פאַר זיך, געאַרבעט פאַר די פּויערים. קיין פרעמדע געזעלן האָט ער נישט באַשעפטיגט אויסער וואָס די קינדער האָבן אים צוגעהאָלפן. געזעסן טאָג איין און טאָג אויס ביי זיין טיש, וואָס איז געשטאַנען לעבן פענצטער, אין דער ברייטער גאַס אריין, אָנ־ווייזנדיג אַז דאָ וואוינט אַ שניידער. מיין טאַטע האָט שווער און פלייסיג געאַרבעט צו פאַרזאָרגן די פאַמיליע מיט חיונה, קליידער און שכר לימוד פאַר די קינדער.

מיין מוטער, פעשע, איז געווען אַ הויכע, שיינע אידענע. אירע שיינע, קאָרע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ זעלטענער גוטס־קייט. (זי איז געווען גרייט אָוועקצוגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל צו אַן אָרימאַן). אַ גוטמוטיגער פריינטלעכער שמייכל האָט תמיד געשפּילט אויף איר צאַרטן געזיכט. זי איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, און אויך געווען פרום אַזוי ווי מיין טאַטע. מיר זיינען געווען זיבן קינדער אין דער פאַמיליע: צוויי מיידלעך און פינף אינגלעך פון וועלכע איך בין דער מוזשינעק.

מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַן אייגענע הילצערנע הויז, באַ־דעקט מיט אַ צוויי־פאַכיגן דאַך. די פאָדערשטע העלפט פון דער הויז איז געווען באַשלאָגן מיט גאָנטעס, און די צווייטע העלפט מיט שטרוי געפלאָכטן. די הויז איז באַשטאַנען פון דריי חדרים: איין גרויסע שטוב מיט דריי פענצטער, און פיר טירן, אַן אַלקער מיט איין פענצטער און איין טיר, אַן הינטער־שטיבל מיט צוויי פענצ־טער און צוויי טירן מיט אַ קעמערל. דער אַלקער מיטן שטיבל פלעגן זיי פאַרדינגען, און אין דער גרויסער שטוב אַליין געוואוינט.

די ווענט זיינען געווען אָפּגעשמירט מיט ווייסע קאַלך; אַ

סטעלע פון ווייסע ברעטער אָן אַ דיל. איבער די פענצטער זיינען געהאנגען צו צוויי מעשענע רערן-לייכטער און אַ מעשענער הענג-לייכטער מיט אַכט רערן איז אַרונטערגעהאנגען פון דער סטעלע אין מיטן דער שטוב. אויף איין וואנט איז געהאנגען אַ הילצערנע לאַנגע שאַפּקעלע מיט שיינע גרויסע טעלער.

די מעבל איז באַשטאַנען פון אַ העלער פּאָלירטער קליידער-שאַפע, אַ מאַסיוון קאַסטן פון איינפאַכע ברעטער, געמאַכט צו האַלטן וועש, אַ בעט מיט 2 באַנקבעטלעך צום שלאָפן, אַ לאַנגער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק אַרום אים און נאָך עטלעכע קליינע בענקלעך צום זיצן; אַן אויוון פון ציגל צום קאָכן און באַקן, און אַ באַנק אַרום אים כדי אין ווינטער-צייט די פּלייצעס אָנצואוואַ-רימען, און נאָך אַנדערע מכשירים.

ווי מיין שטעטל האָט אויסגעזען

פיר גלייכע רייען הייזער, ווי אַ פּריצישער הויף, און אין מיטן די שטיבער מיט זייערע געוועלבן אַרום און אַרום, וואָס האָבן באַשיינט דאָס גאַנצע שטעטל; אַ ברונעם אין מיטן מארק, ווי אַ געצעלט אין די זומער דאַטשעס, מיטן דעכל אין דער הויך מיט אַ רעדל אויף וועלכן עס זיינען געהאַנגען צוויי הילצערנע עמערס מיט אַן אייזערנער קייט, וואָס האָט זיי געפירט אַראָפּ און אַרויף, מיט קאַלטע און ריינע וואַסער, מיט וועלכע די מענטשן פון שטעטל האָבן זיך מחיה געווען יאָר איין און יאָר אויס; אַ ברייטער טייך הינטער דער שול-גאַס, מיט שטענדיגע שטרוימענדיגע געשמאַקע טרונק-וואַסער, אַוואו דאָס קליינוואַרג האָט זיך אויך געבאָדן און געקילט אין די הייסע זומער-טעג, און ווינטער אויף זיין גלאַטן אייז זיך געגליטשט; און פרויען וועש געוואַשן. איינ-פאַר-הייזער — אַ טייל הילצערנע און אַנדערע געמויערטע — פאַר טוריסטן און סוחרים, וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן אין שטעטל צוליב דעם האַנדל מיט זייערע גרויסשטעטישע שענקען און רעסטאָ-ראַנען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט פיל שפע דעם שטעטל, וואו דריי הונדערט אידישע פאַמיליעס האָבן געצויגן חיונה פון די צוויי-וואָכנדיגע יאַרידן, וואָס פלעגן דאָרטן פאָרקומען.

ריידנדיג וועגן דער עקאָנאָמישער זייט, איז כדאי צו באַמערקן, אַז מיין געבורטס שטעטל-בילקאַמען ווי קליין זי איז געווען אין געאָגראַפישן זין, האָט זי אָבער פאַרמאָגט אַ גאַנצע רייע אינדו-סטריעס: צוויי גאַרבאַרניעס (לעדער פאַבריקן); אַ פאַבריק צו

מאכן עטרות; א וועבעריי פון גארטלען; שפינעריי פון פאָדעם; א פאבריק פון ליימענע געשיר (גאנטשעריי); א דרוקעריי פון לייוונט; ברויזן פון שנאפס און ביר, שטריק מאכעריי, א. אז. וו.

מיינע עלטערן גיבן מיך אריין אין חדר —

איך בין אלט געוואָרן פיר יאָר, האָבן מיינע עלטערן מיך אריינגעגעבן אין א חדר. דער חדר האָט זיך געפונען אין א קליינער הילצערנער שטוב מיט א שטרויענעם דאך, די ווענט מיט געלע ליים אָפגעשמירט; מיט דריי פענצטער און צוויי טירן. דער מלמד מיט זיין פאמיליע האָבן געוואוינט אין זייטיגן שטיבל און אין דער גרויסער שטוב איז געווען דער חדר מיט א סטעלע פול מיט שפינוועבס אין יעדן ווינקל, און אָן א דיל. איין טיר האָט געדינט פאר אן אריינגאנג אין שטוב אריין, און די צווייטע צום חדר צו דער הינטער־גאס מיט א לוזשע שמוציגע, גרינע וואסער, אין וועלכער מיר אינגלעך פלעגן אריינוואַרפן שטיקלעך טשערעפּעס, אָדער שטיינדלעך, מאכנדיג „קאטשקעלעך", ווי מיר קונדסים פלעגן עס רופן. צוויי לאנגע טישן מיט לאנגע צוויי בענק פון אלטע ברעטער וואָס האָבן זיך געהאלטן אין איין שאָקלען ביים לערנען...

דער מלמד, „רב אווראמטשע" איז געווען א הויכער, מאָגערער איד מיט לאנגע, גלייכע פאות, מיט א שיטערער לאנגער גרויער באָרד, שטענדיג מיט א שווארצער סאמעטענער יארמולקע אויפן קאָפּ; תמיד אָנגעטאָן אין אן ארבע כנפות, געזעסן ביים טיש מיט א פישביינערנער טייטל אין איין האנט און אין דער צווייטער א רימענעם קאנטשיק. (ווען די קינדער פלעגן א קוקט טאָן אויף דעם קאנטשיק, איז זיי פארגאנגען דער מאמעס מילך...) זיין פרוי שיינדל איז געווען א נידעריגע, דיקע אידענע, פרום ווי איר מאן.

ביי דעם צווייטן טיש איז געזעסן דער באהעלפער „הערש פון דער מעזשארניע", א בלאסער מאָגערער אינגל פון א יאָר 15-16, מיט קורצע גלייכע פאות, וואָס האָבן זיך בשום אופן נים געלאָזן איינדרייען, מיט א פלאכער שווארצער סאמעטענער יארמולקע אויפן קאָפּ. אויף זיין פנים האָבן שוין אָנגעהויבן ארויסשפּראָצן שיטערע האָר, אן אָנווייז אויף א באָרד. דער באהעלפער איז אויך געזעסן און געלערנט מיט זיינע תלמידים נאָר אָן א קאנטשיק אין האנט. ער פלעגט אויך ברענגען די קינדער אין חדר אין דערפרי און זיי

אָפּטראָגן אהיים אויף זיינע פּלייצעס. זיינע „שכירות" האָט ער געקראָגן אי פון דעם מלמד און אי פון די באַלעבאַטים—טעג־עסן און עטלעכע גרייצער ראש־חודש געלט, און אַמאָל עפּעס געמאַכט ווען אַ אינגל האָט אָנגעהויבן לערנען חומש. אַזעלכע חדרים ווי רב אוואַמטשע'ס זיינען געווען אין בילקאַמען דריי, אויסער אַ צאָל גרעסערע חדרים. אַנדערע בחורים פלעגן לערנען אין די קלויזן, ווי אין ראַטינער קלייזעל, אין נאַשאַטינער קלייזעל, און אַנדערע אין דער בעלזער קלויז. דאָס זיינען געווען חדרים וואו די חסידים האָבן געדאַוונט. אין דער שול און אין בית־מדרש האָבן קיינע בחורים ניט געלערנט.

איך האָב געלערנט באַ אוואַמטשע דעם דרדקי מלמד ביז חומש, ווען איך האָב שוין באַדאַרפט אָנהייבן חומש לערנען, האָבן מיינע עלטערן מיך אריינגעגעבן צו אַ גרעסערן מלמד וואו מיין ברודער ישראל־איסר האָט געלערנט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען חומש, האָבן מיינע עלטערן געמאַכט אַ סעודה צוליב מיר, און זיי האָבן איינגעלאַדן די קרובים, די שכנים און אַנדערע גוטע פריינט פון שטעטל. (דעם מלמד און באַהעלפער האָט מען ניט געדאַרפט איינלאַדן, ווייל זיי זיינען אליין געקומען און מיטגעבראַכט אייניגע תלמידים פון די בעסטע). ווען דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט דער באַ־העלפער געגעבן אַ באַפעל צו מיר און צו נאָך איינעם פון די תלמידים, אַז מיר זאָלן ארויפגיין אויפן טיש און זיך שטעלן איינער אנטקעגן דעם צווייטן. געגעבן דעם צווייטן אינגל אַ חומש און אים אַ וואונק געטאָן ער זאָל מיך אָנעמען ביי מיין מאָרדעטשקע און מיך פרעגן דעם טייטש פון דער ערשטער פרשה ויקרא. אַזוי האָט ער געטאָן, און איך האָב אים ריכטיג פאַרטייטשט, און מיינע עלטערן און דער גאַנצער עולם (פון דעם מלמד מיטן בעהעלפער איז דאָך שוין אָפּגערעדט) האָבן זיך פשוט געפרעגלט פון נחת פון מיינע גרויסע בקיאות אין חומש...

אַז מיר זיינען אַראָפּ פון טיש, האָט זיך דער עולם גענומען צו דער סעודה, און האָט זיך מחיה געווען עסנדיג און טרינקענדיג מכל טוב. אָנגעוואונשן מיינע עלטערן זיי זאָלן דערלעבן מיך צו פירן אין שול אריין צו מיין בר־מצוה און מיך פאַר'קנס'ן, און צו מיין חתונה זאָלן זיי דערלעבן צו מאַכן אַ סעודה פאַר אַלע אָרימעלייט פון שטעטל.

Free Public Library, Newark, N. J.

איך קום אָן אין אַ גרעסערן חדר

דעם אמת זאָגנדיג איז דער צווייטער חדר מיינער ניט געװען גרעסער ווי דער ערשטער. אַ קליין הילצערנע שטיבעל, געשטאַנען צווישן די קלייטן, מיט איין טיר און צוויי פענצטער, איינע צו דער זייט און די צווייטע אין דער פאָדערשטער וואַנט. אָט דאָס קליינע שטיבל איז געווען פאַרן חדר מיטן וואוינונג צוזאַמען. אויסגעמעבעלירט געווען זייער אָרים: אַ טונקעלע פאַרלירטע קליידער־שאַפע מיט שופלאָדן פאַר וועש, אַ בעט צום שלאָפן, אַ באַנקבעט (דאָס איז געווען אַ בעט צום שלאָפן און אַ באַנק אויף וועלכער די אינגלעך זיינען געזעסן); אַן אויוון צום קאָכן און באַקן, און נאָך עטלעכע מכשירים. אָט דאָ האָב איך געקראָגן מיין „העברעיש" בילדונג.

דער צווייטער מלמד מיינער, זלמן־הערש, איז געווען אַ נידעריגער איד מיט אַ גרויסן שטערן, שטענדיג מיט אַ שפּיציגער סאַמעטענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, מיט לאַנגע פּאות און אַ שוואַרצער געדיכטער קורצער באָרד. געלערנט האָט ער גוט, מ'פלעגט אָרויס פון זיין חדר אַ קענער.

זיין פרוי פייגע איז געווען אַ הויכע, שלאַנקע, מאַגערע, בלאַסע אידענע, געהאַנדלט מיט הייוון. דערמיט האָט זי צוגעהאָלפן איר מאַן צו דער פרנסה. (אַז מען האָט געשיקט אַ קינד צו איר נאָך הייוון, האָט מען דעם קינד געמוזט זאָגן: גיי צו „פייגע שלמה'טשקעס", ווייל אויף דעם נאָמען פייגע איז ביי אונז אין שטעטל געווען אַ גערעטעניש...)

דער מלמד האָט מיט מיר שוין געלערנט חומש מיט רש"י און גמרא, איז מיר די רש"י און די גמרא אָנגעקומען זייער שווער צו לערנען צוליב מיין קראַנקן אויג. איך האָב געהאַט אַ פּיסמעל לעבן דער רעכטער זייט פון מיין אויג, שטענדיג אָנגעפילט מיט מאַטעריע, וואָס האָט מיר זייער דאַקוטשעט ביים לערנען. דער רבי מיינער האָט דאָס באַמערקט, און האָט מיר געהייסן זאָגן מיין מאַמען, אַז ער וויל איר זען.

ווען מיין מאַמע איז מיט מיר אין חדר אריינגעקומען, האָט דער רבי איר אָפּגעגעבן אַ פריינטלעכן „סקאַצל קומט", און איר געבעטן זיצן. איך מיטן רבי'ן האָבן זיך געזעצט אויף דער לאַנגער באַנק, פרעגט אים די מאַמע צוליב וואָס ער האָט געשיקט נאָך איר. רופט זיך אָן דער רבי מיינער: „פעשע, איר האָט מיר אריינ־

געגעבן אייער צווייטן אינגל, דאַנק איך אייך דערפאַר. אייער מיכאל איז אַ גוטער תלמיד, נאָר זיין קראַנקע אויג דערקוטשעט אים, איבערהויפּט ווען עס קומט צו רש״י און גמרא, ווייל דאָס איז געדרוקט אין זייער קליינע אותיות. וויל איך אייך זאָגן, אַז אויב איר ווילט, אַז איך זאָל מיט אים לערנען, וועט איר מוזן עפּעס טאָן, אַז ער זאָל קאָנען לערנען, ווייל קיין אומזיסטע געלט וויל איך נישט. נעם איך אריין אַ אינגל, וויל איך אים לערנען, אַז ער זאָל אַרויס פון מיין חדר אַ קענער״. דערציילט זי אים, אַז דער טאַטע מיינער איז מיט מיר שוין געווען עטלעכע מאָל ביי דעם רבי׳ן רב נחומ׳ל ער זאָל מיך „בענטשן מיט אַ רפואה״ איך זאָל געזונט ווערן, און זי איז מיט מיר געווען אַ סך מאָל ביי דעם אַלעסקער רבי׳ן און מען זעט נישט קיין הילף. אדרבה, רבי, אפשר קאָנט איר אונז געבן אַן עצה וואָס צו טאָן, אַז מיין קינד זאָל אויסגעהיילט ווערן?

דער רבי מיינער איז געזעסן מיט זיינע צוויי גראָבע פינגער אין גאַרטל, און זיך מיט גרויס ערנסטקייט צוגעהערט צו מיין מוטערס האַרציגע ווערטער. אויסהערנדיג איר, רופט ער זיך אָן צו איר: „פעשע, איך וואָלט אייך ראַטן אַריבערצופאָרן מיט מיכאל׳ן קיין לעמבערג צו אַן אויגן-דאָקטאָר און הערן וואָס ער וועט אייך זאָגן, וועט איר ווּיסן וואו איר האַלט אין דער וועלט״. מיין מוטער איז דעם רבי׳נס עצה געפעלן געוואָרן און זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט איבעררייִדן מיטן טאַטן וועגן דעם.

אַריינקומענדיג אין הויז, איז נאָך איידער די מאַמע האָט אים פּאַספּייעט צו זאָגן עפּעס, גיט דער טאַטע גלייך אַ זאָג: אוואָדע דיך געשיקט רופן צוליב זיין שקאָצעריי, (ווייל איך בין געווען אַ צעלאָזענער אינגל). „מאיר נישט געטראָפן״, ענטפערט די מאַמע. דערציילט זי אים, אַז דער מלמד האָט איר געזאָגט, אַז מיכאל׳ן קומט אָן דאָס לערנען רש״י און גמרא זייער שווער צוליב זיין קראַנקן אויג, האָט ער אונז געגעבן אַן עצה אַוועקצופאָרן מיט אים קיין לעמבערג צו אַן אויגן-דאָקטאָר און הערן וואָס ער וועט אונז זאָגן.

מיין טאַטן האָט ער עסק ניט געשמעקט. פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך הוצאות, און אויף געבן געלט איז דער טאַטע מיינער נישט געווען קיין גרויסער בעלן. זאָגט ער: פעשע, דו ווייסט מיט וויפיל געלט דאָס שמעקט? צופאָרן קיין לעמבערג אין צווייען מיט דער באַן איז נישט צופאָרן קיין אַלעסק;

און איינצושמיין אין א לעמבערגער האטעל קאסט אויך מער ווי ביי טויבע שמואל'ס אין בילקאמען, היינט וואס וועסטו טאן ווען דער דאקטאר וועט דיר נאך דערציילן א מעשה, אז ער מוז אים נאך מאכן אן אפעראציע? ער קאן זיך אנמעסטן מי יודע וויפיל געלט דערפאר!

די מוטער איז געזעסן א פארביטערטע און זיך צוגעהערט צו מיין טאטנס טענות. רופט זי זיך אן: מאיר,, דו בינסט געגאנגען מיטן קינד צום רבין רב נחומל'ען, האסטו נאר פארלוירן צייט; אדער מיין פארן אזוי פיל מאל מיט אים קיין אלעסק האט אונז אפגעקאסט א שטיק מיט געלד נישט נאר דאס פארן אליין, נאר אויך דעם רבי'נס „פדיון" — אלע מאל א האלבן ראנעש אדער גאר א גאנצן, און וואס איז דער תכלית? ביי דעם רבין איז געבליבן אונזער בלוט און ביי דעם קינד דער ווייטאג. איך זאל נישט זינדיגן מיט די רייד. איז אפשר טאקע כדאי צו טאן ווי זיין מלמד עצה'ט אונז, פארט א איד א למדן. און אז עס זאל אפילו קאסטן הונדערט ראנעש אדער מער, קאן מען דען דאס קינד לאזן פארבלייבן א קאליקע אויפן גאנצן לעבן? מיט אירע קלוגע און הארציגע ווערטער, האט זי ווייכער געמאכט דעם טאטנס הארץ און געפועל'ט אז ער זאל אונז אוועקשיקן קיין לעמבערג צום דאקטאר.

זיך דערוואוסט, אז מיין מאמע גייט פארן קיין לעמבערג און מיך אויך מיטנעמען, האב איך אליין נישט געוואוסט וואס צו טאן פאר פרייד. סטייטש, קיינער פון מיינע חברים איז נאך נישט געפארן מיט דער באן און איך וועל יא פארן! איין מאל בין איך געווען אין נאזשידעוו, ביי דעם באן הויף, און געזען ווי די באן איז אדורכגעלאפן מיט די מענטשן, האב איך זיי מקנא געווען און זיך אויך געוואונטשן אמאל צו פארן מיט דער באן. בין איך אוועק צו מיינע חברים זיי אנזאגן די שמחה, אז מיין מאמע און איך גייען פארן קיין לעמבערג מיט דער באן. האבן זיי מיר מקנא געווען און זיך אויך געוואונטשן, אז זייערע מאמעס זאלן אויך פארן און זיי מיטנעמען. די מאמע מיינע האט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע, זיך געזעגנט מיט אירע פריינט, און איך מיט מיינע חברים, און מיר זיינען אוועקגעפארן.

מיר פארן קיין לעמבערג

אז מיר זיינען אריין אין א וואגאן מיט די צוויי לאנגע בענק

און פּאָליצעס אין דער הויף פאַר דעם באַגאַזש, בין איך גלייך צו־געגאַנגען צום פענצטער זיך צוקוקן ווי די באַן וועט לויפן (ווי מיט יענע מענטשן אין נאָושידעוו). האָב איך גאָר געזען לויפן די וועלדער מיט די פעלדער. קום איך צו צו דער מאַמען און אַנטויש־טער און דערציייל איר, אַז ווען איך בין געווען אין נאָושידעוו האָב איך אַליין געזען ווי די באַן איז אַדורכגעלאָפן מיט די פּאַסאַ־זשירן, און איצט זע איך גאָר לויפן די וועלדער מיט די פעלדער. טרייסט זי מיך: וואַרט, מיין קינד, וועסטו זען, ווען די באַן וועט זיך אָפּשטעלן, אַז נישט די וועלדער מיט די פעלדער זיינען גע־לאָפן נאָר די באַן איז געלאָפן.

אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אין לעמבערגער באַן־הויף האָבן מיר דאָרטן געטראָפן אַ גרופּע מענטשן שטייענדיג און ריידנדיג. איז די מוטער מיינע צוגעגאַנגען צו זיי, אויסגעפינען וואו עס געפינט זיך אין דער שטאָט אַ כשר'ע גאַסט־הויז. האָבן זיי איר רעקאָמענדירט צו נתן אַקערן אויף דערברייטער גאַס. האָט זי געדונגען אַ פּאַקיר ביי אַ מאַן מיט אַ האַרב. די מוטער האָט זיך געזעצט פון הינטן און איך לעבן קוטשער... (געוואָלט זען ווי דאָס אויסגעדאַרטע ווייסע פערדל וועט שלעפּן דאָס וועגעלע מיט אונז דרייען). דער בעל־עגלה האָט דערלאַנגט אַ קנאַק מיט דער לע־דערנער ביימש און די אויסגעדאַרטע שקאַפּע האָט גענומען שטעלן פיס אַז פונקען זיינען געפלויגן פון אונטער אירע אייזערנע פּאָד־קאָוועס, לויפנדיג אויף די ברוקירטע שטיינערנע גאַסן. פאָרנדיג אַ פריילעכער דעם ערשטן מאָל, האָב איך געזען אַזויפיל מענטשן אין איין שטאָט: סאָלדאַטן, פּאָליציאַנטן, אָפיצערן; אויך אַזוי־פיל הייזער, קראָמען, האָטעלן, א. אז. וו. צוגעקומען צום גאַסט־הויז, קומט אַרויס דער הער נתן אַקער, אַ שיין געפּאַקט אידל מיט אַ שוואַרצער געשוירענער באָרד, מיט קורצע פּאות, מיט אַ סאַמע־טענער קאַפּל אויפן קאָפּ, עלעגאַנט געקליידעט. גיט זיך אַ נייג פאַר דער מאַמען און גייט איר ווייזן אַ צימער. אָפּגעדונגען אַ שיין, ליכטיג אויסגעמעבעלירט חדר, דערציילט זי אים צוליב וואָס פאַר אַ צוועק מיר זיינען געקומען. דערציילט ער, אַז זיינען אַ באַ־קאַנטער אויגן־דאָקטאָר האָט שוין פיל מענטשן געהאָלפן, און ער ראָט איר מיט מיר אויך אַהין צו גיין. אויף מאָרגן זיינען מיר אוועק צו דעם אויגן דאָקטאָר.

אַריינגעקומען אין דעם רייך אויסגעפּוצטן „אָפיס", איז צו אונז צוגעקומען דער דאָקטאָר, אַ הויכער שלאַנקער מאַן מיט אַ

גרויען קאָפּ לאַנגע האָר מיט באָקן-בערד, די נאָז אָנגעזאָפּט מיט אויגן-גלעזער און אַ גאָלדענער ראָם מיט אַ זיידן שווארץ בענדל ביי דער זייט, מעשה אַריסטאָקראַט, און אונז געהייסן וואַרטן. ווען איך האָב גענומען באַטראַכטן וואָס דאָרטן האָט זיך געפונען, האָט די מאַמע געשריען, אַז איך זאָל נישט נעמען יעדע זאַך באַקוקן, נאָר זיך אויך אָוועקזעצן. דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, באַטראַכט מיין פּיסטל און געפרעגט ווי אַלט איך בין און זייט ווען איך לייד שוין אויף מיין קראַנקער אויג. ענטפערט איר די מוטער, אַז איך בין אַלט 6 יאָר, און לייד שוין עטלעכע יאָר אויף דער אויג. גיט ער אַ זאָג: מאַדאַם, איר וועט מוזן פאַרבלייבן אין לעמבערג עטלעכע וואָכן צייט ביז איך וועל אייער קינד אויסקורירן. זי איז מיט מיר פאַרבליבן 9 וואָכן צייט און מיך אַהיים געבראַכט אַ געזונטן אויפן אויג.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, בין איך אַוועק צו מיינע חברים און זיי דערציילט ווי שיין די שטאָט לעמבערג זעט אויס מיט אירע הויכע געמויערטע הייזער און גרויסע געוועלבן. וואָס אין זיי געפינען זיך הונדערטער פאַרשיידענע שיינע זאַכן צו פאַרקויפן, און מיט וועמען איך האָב זיך געשפּילט, און אַז מען פאָרט אויף דער באַן, דאַכט זיך גאָר אויס, אַז די וועלדער מיט די פעלדער לויפן, א. אז. וו. זיך אָפּגערוט אַ טאָג פון מיין רייזע און בין צוריקגעגאַנגען אין חדר אַריין, האָב געלערנט ביז איך בין אַלט געוואָרן 10 יאָר. דאַן האָט מיך מיין טאַטע געשיקט צו דער אַרבעט.

איך ווער אַן אַרבעטער

דער ערשטער פאַך מיינער איז געווען אין אַ גאַרבאַרניע, וואו מ'אַרבעט אויס פעל פון פאַרשיידענע חיות פאַר שיך און שטיוול צו מאַכן. האָט מען מיך אָוועקגעשטעלט ביי קאָרע האַקן. דער פּראָצעס פון דער אַרבעט איז אַזאַ: עס שטייט אַ שמאָלער לאַנגער געשטעל און אין אים איז איינגעפּאַסט אַ ראָד מיט שטאָלענע ציין, אויף איין זייט פון דעם געשטעל איז איינגעפּאַסט אַ ברעטל, אויך מיט אַזעלכע ציין, און ווען דאָס ראָד דרייט זיך, קומען זיך די ציין צוזאַמען. שטייט אַ אינגל און לייגט די קאָרע אויפן ברעטל, און דער צווייטער דרייט דאָס ראָד. אַזוי אַרום ווערט די קאָרע צעהאַקט. נאַטירלעך, איז דאָס ראָד-דרייען שווערער, פלעגן מיר זיך בייטן מיט דער אַרבעט. איין מאָל ווען איך האָב געאַרבעט

באַ דער קאָרע־לייגן, איז פאַרבייגעגאַנגען דעם גאַרבער׳ס אינגסטע מיידל, איר טאַטע אברהם איז געווען אַ נידעריגער, פעטער, פרומער איד, מיט אַ שוואַרצער געדיכטער באָרד מיט לאַנגע פאות, אַ בעל־מטופל מיט זיבן קינדער, צוויי זין און 5 טעכטער. גאָלדע איז געווען די אינגסטע פון אירע שוועסטער. איר מוטער מלכה איז געווען אַ הויכע, בלאָנדע, פרומע פרוי, שטענדיג געליטן פון אירע קראַנקע אויגן. ווען איך האָב זיך פאַרקוקט אויף דער שיינער גאָלדע, האָבן די ציין פון דער מאַשין מיר געגעבן אַ ריס די הויט פון מיין רעכטער האַנט און דאָס בלוט האָט זיך גענומען גיסן. אויף מיין געשריי איז גלייך צוגעקומען מאָטל, דעם גאַרבער׳ס אינגסטער זון, מיר אָפּגעווישט די פאַרבלוטיגטע האַנט, צוגעלייגט ווייסע ריינע וואַטע, אַרומגעבונדן די האַנט מיט אַ ווייסן טוך און מיך אַהיים געשיקט.

ווען די מאַמע מיינע האָט מיך דערזען מיט מיין פאַרבונדענער האַנט, אַ זי שיער ניט געפאַלן אין חלושת פון האַרצווייטאָג, מורא האָבנדיק אַז אפשר האָב איך פאַרלאָרן אַ פינגער אָדער אַ האַנט, ווייל אַזעלכע אומגליקן האָבן פאַסירט אַרבעטנדיג ביי דער מאַשין. אביסל געקומען צו זיך, פרעגט זי מיך וואָס עס האָט פּאַסירט. ווען איך האָב דערציילט, אַז איך האָב נאָר געקראָגן אַ ריס אין דער הויט אָבער קיין פינגער ניט פאַרלאָרן, האָט זי זיך אביסל באַרואיגט און געזאָגט צום טאַטן: מאיר, מער לאָז איך אים ניט גיין אין דער גאַרבאַרניע, מעג זיך טאָן וואָס עס וויל, דו ווייסט וויפיל אינגלעך עס זיינען שוין געוואָרן קאַליקעס אַרבעטנדיג דאָרטן.

מיין טאַטן האָט דאָס נישט געשמעקט, ווייל דאָס איז געווען די איינציגע מלאכה אין אונזער שטעטל וואָס מען האָט נישט באַדאַרפט צוצאָלן צו דער לער, נאָר מען האָט נאָך געקראָגן אַ קליינעם געהאַלט אויך. מיר אַליין איז דער מוטערס געדאַנק אויך נישט געפעלן געוואָרן, ווייל מיר האָט זיך שוין געוואָלט זען גאָלדען יעדן טאָג.

זייענדיג אין דער היים צוליב מיין קראַנקער האַנט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַרבעטנדיק אין דער גאַרבאַרניע, האָבן מיינע עלטערן געקלערט צו וועלכן פאַך מיך איצט אָוועקצוגעבן. זיינען זיי געקומען צום שלוס מיך שיקן צו אַ מענער שניידער. אָבער צו וועלכן? האָט מיין מוטער געזאָגט, אַז אַם פראַקטישסטן וואָלט געווען צו קאָפּל׳ען, ווייל ביי אים וועל איך ווערן אַ בעל־מלאכה. רופט זיך אָן דער טאַטע: ער איז אַ צו גרויסער יחסן. ער וועט זיך

אָנמעסטן, אַז מיכאל זאָל כאַטשבי אַרבעטן ביי אים דריי יאָר פּאַר אומזיסט און זיך נאָך הייסן צוצאָלן געלט אויך. דו קאָנסט נישט קאַפּל'ען? — אַ הויכער, קלוגער איד מיט אַ גרויסן שטערן מיט אַ שניי־ווייסער באָרד. דער בעסטער מענער־שניידער געוועזן אין דער שטאָט. איז געבליבן מיר אריינצוגעבן צום קליינעם אַלטער'ל.

ווען מיין טאַטע איז מיט מיר אַריינגעקומען צו אַלטער'ן אין הויז אַריין, האָט יענער אים אָפּגעגעבן אַ שיינעם ברוך־הבא און אים געגעבן אַ בענקל צום זיצן, (מיך האָט ער געלאָזט שטיין). „רב אַלטער", זאָגט מיין טאַטע, „איך בין געקומען אייך פרעגן: צי איר ווילט צונעמען מיין אינגל אויף דער לער?" רופט ער זיך אָן: „אויב עס וועט זיך מיר באַצאָלן, וועל איך אים צונעמען". ווען אַ שניידער נעמט צו אַ אינגל פאַרלאַנגט ער, אַז דאָס לערן־אינגל זאָל ביי אים אַרבעטן דריי יאָר אומזיסט און ער הייסט זיך נאָך צוצאָלן געלט אויך; נאָר אַזוי ווי ער איז אייער קינד, קאָן ער דאָך אַוואַדע שוין עפּעס נייען, וועל איך אים צונעמען נאָר אויף צוויי יאָר צייט. די ערשטע זעקס חדשים זאָל ער עסן אין דער היים, און די איבעריגע צייט ביי מיר".

איך בין געשטאַנען ביי דעם האַנדל ווי אַלע אַנדערע „סחורות", נישט אויסגערעדט אַ וואָרט, אַזוי ווי אַ שטומער. דער טאַטע מיי־נער האָט פאַרלאַנגט, אַז נאָך די צוויי יאָר זאָל אַלטער מיר געבן 5 ראַנעש, אָבער נישט געקאָנט פּועל'ן. אַזוי בין איך פאַרבליבן אויפן באַלעבאָס' באַדינגונגען און זיך געזעצט צו דער אַרבעט.

איך ווער אַ שניידער

איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ לענגערע צייט ביי אַלטער'ן און בין פון אים אַוועקגעגאַנגען. מיך האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן פאַר־וואָס זאָל איך אָפּאַרבעטן צוויי יאָר צייט און גאָרנישט קריגן באַצאָלט. קומט אַלטער צו לויפן צו מיינע עלטערן מיט טענות: סטייטש, איך בין אַוועקגעגאַנגען פאַר דער צייט! דער טאַטע מיינער איז געזעסן און געאַרבעט, זיך נישט אָפּגערופן מיט אַ וואָרט.

אַלטער, זעענדיג אַז איך טויג זיך אויס אין דער אַרבעט, האָט מיר פאַרשפּראָכן צו געבן עטלעכע ראַנעש ווען איך וועל אויסזיין די צייט. האָט דער טאַטע מיר געהייסן צוריקגיין.

איך קום צוריק, באַמערק איך ווי מיין באַלעבאָס איז אָנגע־ברוגז'ט, אָבער איך מאַך זיך נישט וויסנדיג. פאַרנאַכט איז אַלטער אַוועק אין בית־מדרש דאַווענען מנחה־מעריב. די ווייב זיינע מיט

די קינדער האָבן זיך צוגעלייגט אויפן בעט שלאָפן, און איך בין אוועק אהיים.

איך קום צוריק צו אַלטער׳ס הויז זע איך ווי אין שטוב איז פינצטער, צינד איך אָן דעם לאָמפּ און איך זע די שניידערקע, פריידע, מיט אירע קינדער ליגן אין בעט און שלאָפן. זעץ איך זיך נייען. קומט אָן דער באַלעבאָס, ער טוט אויס די בעקעשע מיטן קאפעליוש און פרעגט ביי מיר אויב איך האָב שוין געגעסן וועטשערע. ענטפער איך אים, אַז נאָך ניט. האָט ער אויפגעוועקט זיין פרוי אַז זי זאָל אויפשטיין מיר געבן וועטשערע.

ווען זי האָט אויפגעעפנט אירע אויגן און דערזען ווי דער לאָמפּ האָט זייער ליכטיג געברענט, גיט זי אַ זאָג צו איר מאַן: וואָס פלאַקערט עפּעס דער לאָמפּ אַזוי? ענטפערט ער איר, אַז איך ניי שווארצע ארבעט, מוז איך האָבן אַ סך ליכט. גיט זי אַ זאָג: „זאָל ער נעמען די אויגן אין די הענט אריין, וועט ער בעסער זען“.

אָפּגעגעסן די וועטשערע, האָט זיך מיר געשלעפערט, און דאָ איז דאָנערשטאָג נאַכט, און די מלבושים מוזן פארטיג ווערן אויף שבת, און איך פאַל אויף דער נאָדל. איז ער אין כעס געוואָרן און געשריען אויף מיר. ווען עס וואָלט נישט געווען מאָרגן ערב־שבת, אָרט מיך נישט, האָט ער געזאָגט. אָבער ער האָט גאָרנים אויס־געפירט: געמוזט אַליין זיצן ביז אין ווייסן טאָג אריין און אויס־פארטיגן די ארבעט.

איך האָב ווידער אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן און בין אוועק־געגאַנגען, אָבער דאָס מאָל האָט שוין נישט געהאָלפן אַלטער׳ס קומען צו מיינע עלטערן, ווייל איך בין מער נישט צוריקגעקומען.

איך ווער אַ קירזשנער

מיין ברודער ישראל־איסר האָט געאַרבעט ביי אַ קירזשנער, וועלכן מ׳האָט גערופן קלמן מייליאַך מעבאַלעס, אַ הויכער, מאָגע־רער פרומער איד מיט אַ שוואַרצער שיטערער באָרד מיט צוויי געקרייזלטע פּאות. ארבעטנדיג ביי דעם פאַך האָט ער זיך געקאָנט מיט אַלע קירזשנערס פון שטעטל. זאָגט ער צו מיר: „מיכאל, דו ווילסט מיך פאָלגן, ווער גאָר אַ קירזשנער. איך וועל אריבערגיין צו נאַכטשע משה־צירלס און אים פרעגן אויב ער וועט דיך צונע־מען צו דער ארבעט.

דער נאַכטשע איז געווען אַ שיינער הויכער מאַן, אָן אַ באָרד

און אַן פּאות. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ שטרענגער מענטש, אָבער נישט קיין שלעכטער. געקליידעט האָט ער זיך ווי אַ פּריץ, געגעסן און געטרונקען פון דאָס בעסטע, געהאַט אַ שם אין דער שטאָט פאַר אַ גוטן קירזשנער.

זיין פרוי, רעבל, איז געווען נאָך שענער פון איר מאַן. אויך ליב געהאַט גוט אַריינצועסן. אין פרומקייט איז זי געווען מיט איר מאַן צוגלייך, זי האָט אויך ליב געהאַט שיין צו קליידן זיך, און ווען זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען אין גאַס האָבן זיי אויסגעזען ווי „אַריסטאָקראַטן". געוואוינט האָבן זיי באַ זיינע עלטערן אין אַ שיין ליכטיג שטיבל אויסגעמעבלירט לויט דער לעצטער מאָדע. איז מיין ברודער אַוועק צו נאַכטש'ען און אים געפרעגט אויב ער וויל צונעמען זיין ברודער מיכאַל'ן צו דער אַרבעט. ענטפערט ער אים: זאָל דער טאַטע דיינער קומען מיט אים, וועל איך מיט אים ריידן אויף וואָסערע באַדינגונגען איך וויל אים צונעמען.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען צו נאַכטש'ען אין הויז, האָט ער אָפּגעגעבן מיין טאַטן אַ שיינעם ברוך־הבא און געזאָגט: „הערט־זשע מיך צו, רב מאיר, איך וועל אים נעמען אויף צוויי יאָר, דאָס ערשטע יאָר וועט ער קריגן נאָר עסן, און דעם צווייטן יאָר וועט ער קריגן עסן און 5 ראַנשעם שכירות. אויב איר זייט צופרידן קאָן ער זיך שוין זעצן צו דער אַרבעט". פרעגט דער טאַטע ביי מיר אויב איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף זיינע באַדינגונגען, ענטפער איך אים שטילערהייט: קיין געלט צוצאָלן דאַרפסטו דאָך נישט, קיין עסן וועט מיר ביי רעבלען אויך נישט אויספעלן, וועל איך זיך זעצן צו דער אַרבעט.

זיך געזעצט לעבן נאַכטשע'ן אַרבעטן, האָב איך באַוואונדערט ווי שנעל ער איז אין דער אַרבעט. אַזוי ווי איך בין געווען אַ לאַנג־זאַמער אַרבעטער, איז דאָס אים ניט געפעלן. טאַקע גוט געמאַכט די אַרבעט, אָבער נישט שנעל גענוג. אַזוי ווי וואָס שנעלער דער אַרבעטער אַרבעט, אַלץ מער פאַרדינט דער באַלעבאָס, פלעגט ער מיך כסדר צויאָגן, און מיר איז די אַרבעט געפאַלן זייער שווער. קיין עסן האָט מיר טאַקע נישט אויסגעפעלט, אָבער דאָס יאָגעניש איז ניט געווען אַריבערצוטראָגן.

האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ לענגערע צייט ביי נאַכטשע'ן און איך זע, אַז עס נעמט ניט קיין ענד צו דער יאָגעניש זיינער, ער וועט נישט לאַנגזאַמער ווערן און איך וועל נישט שנעלער ווערן. אויסער דעם איז פאַר דער צייט וואָס איך האָב ביי אים געאַרבעט,

האָט ער קיין נייע פּעלצן ניט געמאַכט. וואו איך זאָל זיך קאָנען אויסלערנען דעם פאַך, נאָר געשלעפּט זיך מיט אים איבער די דער־פער פאַרלאַטען אַלטע פּעלצן, האָב איך זיך מיישב געווען, אַז איך קאָן דאָך אַליין לאַטען אַלטע פּעלצן, און קיינער וועט פון מיר נישט אַרויסיאָגן די נשמה. האָב איך זיך אויפגעהויבן און בין אַוועק פון אים.

איך הויב אָן לייגן תּפילין

צו מיין בר־מצוה האָט מיין מוטער אָפּגעבאַקן אַ גרויסן האָניק־לעקעך, אים צעשניטן, אַריינגעלייגט אין אַ ווייסן טישטעכל, און עס דערלאַנג דעם טאַטן איידער מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש דאַוונען. איך האָב זיך אָנגעטאָן טאַקע ווי אַ בעל־שמחה: אין אַ האַריגן שוואַרצן קאַפּעליוש, אַ נייער בעקעשע, די שטיוועלעך אָפּגעשמירט מיט זשעגעכץ, די פּאות איינגענעצט אין פּלוי־מען יויך, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן שטייף; אָנגעטאָן אַ ווייס העמדל מיט קנעפּעלעך אין קאָלנער, אַזוי ווי אַ חתן־בחור. אַז איך בין שוין געווען פיקס און פאַרטיג צו גיין, האָט דער טאַטע מיינער גענומען אַ פלאַש בראָנפן (שטאַרקן אויקעוויט) און דעם לעקעך און מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש אַריין. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט דער עולם שוין געוואַרט אויף אונז, האָבן שוין געוואוסט, אַז איך הויב היינט אָן תּפילין לייגן. (אַזוי איז דאָס שוין אין די קליינע שטעטלעך: וואָס עס זאָל נישט פאַר־קומען, ווייסט מען שוין אין שטעטל אַפריער. וועגן אַ ברית, אַ בר־מצוה, אַ פאַרקנאַסונג, אַ חתונה א. אז. וו.).

אַז מ'האָט מיר אָנגעטאָן די תּפילין האָב איך זיך געפילט ניט באַקוועם. ווען דער „של־ראש" איז אַרויף אויפן קאָפּ האָט ער ניט געלאָזט איינליגן דעם קאַפּעליוש אויף זיין אָרט. דורך דער צייט פון דאַוונען, האָב איך געהאַלטן אין איין שלעפּן דעם קאַ־פּעליוש צום „של־ראש", אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. פון דעם „של־יד" בין איך אויסגעשטאַנען נאָך גרעסערע צרות. ער האָט זיך איינגעגעסן אין מיין לייב מיט זיין לאַנגער רצועה און מיר געמאַכט ברוינע און בלויע צייכנס. די לינקע האַנט מיינע און דער לענגסטער פינגער זיינען בא מיר געווען געפּענטעט מיט דעם לאַנגן רימען. ער האָט מיך ווי געבייצט: נו, ווי געפעלט דיר עפּעס צו זיין אַ איד? נאָכן דאַוונען, אַז איך האָב זיך שוין געהאַט באַפרייט פון מיי'נע צוויי נייע לעדערנע „פאַרפּאַלגער", דערווייס

איך זיך ערשט, אז פון היינט אָן און ווייטער וועלן די עברות פאַלן אויף מיין אייגן קאָפּ. דאָס האָט מיר שוין גאָרנישט געשמעקט צו הערן, ווייל ביז דאַן בין איך אין דעם פּרט ניט געווען קיין גרויסער מקפּיד און זיך ניט געקאָנט פאַרשווערן ווייטער נישט צו זינדיגן אַביסל... אין דער צייט וואָס איך האָב דורכגעלעבט צרות און ווייטאָגן פון די תפילין, האָט זיך דער עולם אין בית־מדרש אָנעם געטאָן צו דער פלאַש בראָנפן מיט לעקעך, זיך גוט פאַרשניאַפּסקעט און פאַרגעסן דערווייל אויף דאגות פרנסה, איצט, ווען איך בין שוין פון לאַנג אָן געוואָרן אַ פאַלקאָמענער אטעאיסט, אַ פרייגעזאָנענער מענטש, הייסט עס, דערמאָן איך זיך אָפט אין דעם בילד פון דעם ווייטן „אַמאָל" ווען ווערנדיג בר־מצוה, האָט מען מיך איינגעקלאַמערט אין רימענע קייטן — די תפילין — רצועות.

דער וועלט באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, דענקער און פילאָזאָף, זשאַן זשאַק רוסאָ, האָט אַמאָל געשריבן: „די מענטשהייט איז געבוירן געוואָרן פריי, נאָר שפּעטער האָט מען זי ארומגערינגלט מיט קייטן". אָט דער אפאָריזם איז זייער גוט צוגעפּאַסט צו דער בר־מצוה און תפילין־לייגן פּראָצעדורע ביי אונז אידן. ביז 13 יאָר איז אַ אידיש אינגל פריי פון מצוות. פּלוצים אָבער, ווען ער ווערט „בר־מצוה", קלאַמערט מען אים איין אין לעדערנע „קייטן" (תפילין מיט רימענע רצועות) און ער ווערט אַ שקלאַף פון דער רעליגיע אויף זיין גאַנץ לעבן. אויף יעדן טריט און שריט הערט ער כסדר דעם דייטשיש־יונקערישן „פאַרבאָטן!" דאָס בידנע אינגל טאָר זיך נישט דערלויבן קיין שום פאַרגעניגנס, מען באַרויבט אים פון אַלע זיינע מענטשלעכע רעכט צו טאָן דאָס וואָס ער וויל, פּונקט ווי ער וואָלט געווען דער ערגסטער פאַרברעכער.

צום גליק, ווערט רעליגיע וואָס איז פאַרגליכן צו אפּיום, וואָס פאַרגיפטעט דעם מענטשן, צוביסלעך פאַרשוואונדן, און ניט ווייט איז דער טאָג ווען זי, צוזאַמען מיט אַנדערע אבערגלויבנס, וועט ווערן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגנהייט און די מענטשהייט וועט ווערן באמת פריי.

איך ווער אַ מייסטער פאַר זיך

אז איך בין אַוועק איבער די דערפער זוכן אַרבעט, איז דאָס מיר אָנגעקומען שווערלעך צוליב מיין יוגנט און ניט דערוואַקסנקייט. איינינגע גוים האָבן האָבן פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל זיי מאַכן

די אַרבעט ביליגער ווי די אַלטע קירזשנערס. און אַנדערע האָבן מיר אײַנגאַנצן ניט געוואָלט באַצאָלן, כאָטש נעם און שלאָג זיך מיט זיי. אונטערדעסן האָב איך מײַן מוט ניט פאַרלאָרן, האָב פאַרגעזעצט מײַן אַרבעט און פאַרדינט צו ביסלעך געלט. נאָר דאָס וואָס די מוטער מײַנע איז געווען אין איין שרעק טאָמער וועלן מיך די גויים דערהאַרגענען — דאָס האָט מיך נישט געלאָזט אײַנרוען. אַז איך בין פרײַטאָג אַהיים געקומען פון דאָרף, בין איך נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, אַז די מאַמע זאָל מיך שוין זען אַ לעבעדיגן. אַז איך בין אַרײַנגעקומען אין הויז און די מאַמע האָט מיך דערזען, איז אין איר אַרײַן אַ נײַע נשמה פאַר פרייד. איך פלעג איר טרייסטן: איך גיי דאָך נישט אין דאָרף אַרײַן צו שלאָגן זיך מיט די גויים, נאָר צו פאַרדינען עטלעכע גרייצער, אָבער אַ מאַמעס האַרץ בלייבט אַ מאַמעס האַרץ.

אַרומגייענדיג אַזוי איבער די דערפער, האָב איך אָנגעטראָפן ראובן־וואָלף דעם קירזשנער. האָט ער זיך מיט מיר פאַנאַנדער־גערעדט פאַר וואָס איך בין אַוועק פון נאַכטשען פאַר דער צײַט. האָב איך אים דערציילט דעם אמת. פרעגט ער בײַ מיר אויב איך וויל קומען צו אים אַרבעטן, דערקלערנדיג מיר, אַז ער גייט אין דאָרף אַרײַן נאָר צו קויפן פעלצן, אָבער ניט צו אַרבעטן; און ווען אַ גוי גיט אים אַרבעט, נעמט ער צו די פעלצן אַהיים. דער ראובן-וואָלף איז געווען אַ שיינער, הויכער, פרומער מאַן מיט אַ שוואַרצער שיטערער באָרד, און פון דער נאַטור איז ער געווען אַ נערוועזער מענטש. זײַן פרוי שיינדל-עטיע איז געווען אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיגע באַשיידענע פרוי און פרום אַזוי ווי איר מאַן. געוואוינט האָבן זיי בײַ אירע עלטערן אין הויז. געהערט האָב איך אַז ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה און אַ געניטער סוחר, געקויפט פעלצן, זיי איבערגעאַרבעט און פאַרקויפט אויף די יאַרידן. איז אויך גע־פאָרן מיט סחורה קיין אינעוו, צום גרויסן יערלעכן יאַריד, וואָס האָלט אָן עטלעכע מאָנאַטן אין יאָר, און גרויסע סוחרים פאָרן אַהין צוליב דעם האַנדל. פיל פּריוואַטע באַלעבאַטים זײַנען אַהין אויך געפאָרן קויפן וואַרעמס פאַר זייערע קינדערס חתונה-קליידער. האָב איך אים צוגעזאָגט צו געבן אַ תשובה אין עטלעכע טעג אַרום.

אַהיימקומענדיג פרײַטאָג פון דאָרף, דערצייל איך מײַנע עלטערן פון מײַן צוזאַמענטרעפן זיך מיט ראובן־וואָלפן און אַז ער וויל איך זאָל גיין אַרבעטן צו אים. אַז די מוטער מײַנע האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט „מיט הענט און מיט

פּיס“, ווי ווייבער זאָגן, און האָט געזאָגט דעם טאַטן, אַז „מיר־טשעשעם“ שבת-נאַכטס, אַז מיר וועלן דערלעבן, זאָל ער צוגיין צו קינע רייזשעס אײדעם, דאָס הייסט צו ראובן־וואָלפֿן, זיך מיט אים פֿאַרגלייכן וועגן מיר, אַז איך זאָל אָנקומען אַרבעטן צו אים. און זי זעצט פֿאָר: מאיר, דו ווייסט גאַנץ גוט ווי מיר איז דער קאָפּ צעשפּאָלטן געוואָרן אין שטיקער אײדער איך האָב אים שוין דערלעבט צו זען אין דערהיים פֿון דאָרף אַ לעבעדיגן, און בײַ ראובן־וואָלפֿן וועט ער אַרבעטן טאַקע בײַ אים אין הויז. האָט דער טאַטע איר צוגעזאָגט, אַז שבת נאַכט נאָך הבדלה מאַכן, וועט ער מיט מיר אַהין אַריבערגיין.

אַרײַנגעקומען, האָבן מיר זיי אָפּגעגעבן „אַ גוט-וואָך!“; זיי אונז — „אַ גוט־יאָר“ און אונז געבעטן זיצן. רופֿט זיך אָן ראובן-וואָלף צו מײַן טאַטן: רב מאיר, איר זייט אַוודאי געקומען הערן אויף וואָסערע באַדינגונגען איך וויל אייער מיכאלן צונעמען צו דער אַרבעט. איך וועל אים צונעמען אויף צוויי יאָר און מיכאל וועט בײַ מיר קריגן עסן און קליידונג. קיין געלט זאָג איך אייך ניט צו; און אויב איר באַשטייט דאַרויף, קאָן ער קומען מאָרגן, אַז מיר וועלן דערלעבן, אין דער פֿרי און זיך זעצן צו דער אַרבעט. האָט אים דער טאַטע צוגעזאָגט צו געבן אַ תשובה. אַז מיר זײַנען אַהיים געקומען, דערציילט ער דער מאַמען וועגן די באַדינגונגען, און זי איז צופֿרידן, אַז איך זאָל גיין צו אים אַרבעטן. זי זאָגט: וואָס האָט ער געהאַט גייענדיג איבער די דערפֿער? ניט מער ווי די פּיס זיך אויסגעדרייט און די שטיוועל צעריסן. דאַן פֿרעגט דער טאַטע בײַ מיר אויב איך בין צופֿרידן אָפּצואַרבעטן צוויי יאָר צייט אָן אַ גרייצער געלט. מײַן ענטפֿער איז געווען, אַז איך וועל זײַן צופֿרידן וואָס די מאַמע וועט נישט דאַרפֿן זײַן אין איין שרעק טאָמער וועלן די גויים מיך הארגענען; און דאָס צווייטע וועל איך זיך אויסלערנען צו מאַכן אַ פּעלץ און ניט בלײַבן קיין לאַמוטניק.

נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צייט, איז מײַן ליבע מוטער געשטאָרבן. אַז מײַן ברודער אברהם־בער איז געקומען מיר אָנזאָגן די טרויעריגע בשורה, בין איך געבליבן שטיין אַ פֿריי־טשמעלעטער. בין אַרומגעגאַנגען פֿאַר אַ לענגערער צייט ווי אַ דערשלאָגענער און געהאַלטן אין איין טראַכטן. אין שטעטל פֿלעגן זיי מיך אַלעמאָל רופֿן דער שטיפֿער, אָבער זינט די מוטער מײַנע איז געשטאָרבן, איז די גאַנצע פֿריילעכקייט מײַנע פֿון מיר פֿאַרשוואונדן.

ווען איך בין אויסגעווען די צייט בײַ ראובן־וואָלפֿן, האָט ער

געוואָלט אז איך זאָל זיך אָפּשטעלן בא אים ווייטער ארבעטן, אָבער איך בין ניט פּאַרבליבן, געוואָלט גיין ארבעטן אין א גרעסערער שטאָט, כדי צו פאַרטרייבן מיין מרה שחורה אביסל.

איך פאָר קיין זלאטשאוו

אין זלאטשאוו האָט געוואוינט מיין מוטערס א פּלימעניק איטשע, א הויכער מאָגערער, פרומער איד, א בעל־מטופּל מיט 8 קינדער, 5 אינגלעך און 3 מיידלעך. פון דער נאַטור איז ער געווען א גוטער מענטש, ער האָט געהאַט א שיינע רויטע באָרד מיט לאַנגע נעקרייזלטע פּאות, נאָר אויסגעקוקט האָבן זיי קורץ — מעשה „גרויסשטאָטיש". אפילו די קאַפּאָטעס וואָס די גרויסשטאָטישע אידן האָבן געטראָגן האָבן אויך אויסגעקוקט אַנדערש. אין די קליינע שטעטלעך האָבן די אידן געטראָגן לאַנגע בעקעשעס מיט די קעשענעס פון הינטן, אָבער די גרויסשטאָטישע בעקעשעס זיינען געווען קורצער, מיט א שפּאַלט, מיט די קעשענעס פון פאָרנט, און גערופן האָט מען זיי „שופּקעס".

די פרוי זיינע, נעשע, איז געווען א נידעריקע, בלאָנדע, מאָגערע, פרומע פרוי. א גוטע צו איר מאַן און א געטרייע מוטער צו אירע קינדער, און אויך א גוטע הויז־ווירטן. אין האַנדל האָט זי איבערגעשטיגן איר מאַן. א קלוגע סוחר'טע געווען מיין מומע נעשע, געקויפט אויפן מארק וואָס האָט זיך איר נאָר געטראָפן. געוואוינט האָט מיין פעטער איטשע הינטער דער שול אין א קליינער היל־צערנער הויז מיט פיר פענצטער און מיט איינפאַכע מעבל. אויס־געזען האָט די שטוב ענלעך צו נח'ס תבה. א האַלבע איז זי געשטאַנען אין דער ערד און די צווייטע העלפט אויף דער ערד, אזוי אז די פענצטער פון דער שטוב זיינען אויסגעקומען מיט דער גאַס צוגלייך. פלעגן די הינער זיי אָפּגעבן דעם ערשטן גוט־מאָרגן, אריינקוקנדיג אין שטוב אריין און קלאַפּנדיג מיט זייערע שנאָבלען. הפּנים געזוכט שפּייז.

ווען איך בין אריינגעקומען צו מיין פעטער איטשע'ן אין דער תבה־הויז האָט ער מיר אָפּגעגעבן שלום־עליכם און מיר גע־פרעגט וואָס איך טו עפּעס אין זאלטשאוו. דערציי̇ל איך אים, אז איך בין געקומען זוכן א שטעלע. רופט ער זיך אָן צו מיין מומע נעשען: נעשע, דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך וועל מיט אים צוגיין צו בנימין קירזשנער, אפשר וועט ער אים צונעמען. רופט זיך אָן די מומע מיינע: איטשע, איך וועל דיר איינשפּאָרן

אַ גאַנג. איך וועל זיך זעען מיט חיה'ן אויפן מאַרק און מיט איר איבעררײדן. איך ווייס, אַז חיה האָט די גאַנצע דעה בײַ איר מאַן, אַז וואָס זי זאָגט, איז געזאָגט. ווען חיה האָט זיך דערוואוסט פון מיר, איז זי גלײַך געקומען צולויפן, רופנדיק איך זאָל מיט איר צוגיין צו איר אין הויז און דער מאַן אירער וועט מיך צונעמען צו דער אַרבעט.

אַרײַנגעקומען אין דעם שמאָלן שטיבל מיט איין פענצטער, האָט זיך איר מאַן אויפגעהויבן, מיר אָפּגעגעבן שלום און פרעגט דער פרוי זײַנער ווער איך בין. גיט זי אַ זאָג אין שפּאַס אַ בילקאַ־מינער „יושקע״ (אַזאַ צונאָמען) אַ קירזשנער אינגל, געקומען קיין זלאַטשאָוו זוכן אַ שטעלע. דער רויטער איטשע איז זײַן פעטער. נעם אים צו צו דער אַרבעט. און אַליין איז זי צוריק אַוועק אין מאַרק אַרײַן. ער האָט מיר געגעבן אַ בענקל צום זיצן און מיך גענומען אויפן קרייץ פאַרהער: מײַן נאָמען, ווי אַלט איך בין, ווי לאַנג איך אַרבעט שוין בײַ קירזשנערײַ און בײַ וועמען איך האָב די לעצטע צײַט געאַרבעט. פרעג איך אים וויפיל וועט איר מיר געבן אַ יאָר. ענטפערט ער מיר, אַז ער וויל מיך צונעמען אויף צוויי יאָר צײַט און מיר געבן עסן, קליידער און 10 גולדן געהאַלט. געמיינט האָב איך אַז זיי וועלן מיר קויפן נײַע קליידער, האָב איך אײַנגעשטימט אויף זײַנע באַדינגונגען און זיך געזעצט אַרבעטן.

בנימין איז געווען אַ יונגער מאָגערער מאַן פון מיטעלן וואוקס, געהאַט אַ שפּיציק בערדל און אויסגעקוקט ווי אַ פראַנצויז. קיין שטאַרק פרומער איז ער ניט געווען, ער איז געווען אַ האָרעפּאַשנער אַרבעטער, אַז מ'האָט אים נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון דער אַרבעט. פון דער נאַטור איז ער געווען זייער אַ גוטער.

די פרוי זײַנע חיה איז געווען אַ שיינע יונגע פעטע פרוי. גע־האַנדלט מיט פּריצים, געבאַקט פאַר זיי קיישל־ברויט און זיי האָבן איר באַצאָלט מיט זייערע געניצטע קליידער. אַ רעגולערע בירזשע געווען בײַ איר. בײַ זיי אין הויז איז שטענדיק געווען קליידער. האָבן זיי מיך געקליידעט אַזוי, אַז איך האָב אויסגעקוקט ווי אַן אָרימער שלאַכטיטש. האָב שוין געהאַט אָפּגעאַרבעט אַ יאָר און אַ האַלב און האָב נאָך ניט געהאַט קיין נײַעם אַנצוג אויף מײַן לײַב. האָב געטראַכט ווי וועט שוין זײַן אַז זיי וועלן מיר דאַרפן געבן 10 גולדן געהאַלט? באַשלאָסן זיי צו פאַרלאָזן פאַר דער צײַט.

איך אנטלויף פון זלאטשאוו

איינמאל אין א שיינעם פרימארגן איז בנימין אוועק אין דארף אריין און חיה צו די פריצים. איר ברודער מאיר מיט די סטאַליארסקע געזונטע הענט איז אוועק דאוונען. האב איך גענומען די פיס אויף די פלייצעס און בין אהיים געגאנגען. געגאנגען בין איך נאר ביז אויסער דער שטאט און נאכדעם געלאפן, מורא געהאט פאר איר ברודער מאיר'ן, ווייל ווען ער וואלט מיך געכאפט אין זיינע לאפעס, וואלט ער מיך געוועזן צעקוועטשט ווי אן עפל און וואלט מיך צוריקגעבראכט מיט שאנד.

ווען איך בין אריינגעקומען צו מיין טאטן אין הויז, האב איך נישט געקאנט כאפן דעם אטעם פון דער ווילדער לויפעניש מיינער, און קיין ווארט נישט געקענט ארויסריידן. דער טאטע פרעגט מיך: וואס טוסטו עפעס אין דער היים אין א פראסטן מיטוואך? איידער איך האב אוספייעט ענטפערן, האט זיך אריינגעמישט מיין שטיף־מאמע ליבע. זי איז געווען א שיינע, הויכע פרומע פרוי און א גוטע ווירטן. זי איז געווען זייער א גוטע, איינע פון די בעסערע מענטשן. נעבאך געווען אן עקרה. „מאיר", זאגט זי, „דו זעסט נישט ווי פארשוויצט און פארסאפעט ער איז? לאז אים זיך אפרוען פון גאנג, וועט ער דיר אלץ דערציילן. געקומען צו זיך, דערצייל איך אים פאר וואס איך בין אהיים געקומען. זאגט מיין טאטע: דו וואלסט אויסגעוועזן די צייט, וואלטן זיי דיר געווען באצאלט, און דאס וואס דו דערציילסט מיר, אז זיי האבן דיך געקליידט אין די געניצטע פריצישע קליידער, איז אויך נישט קיין סכנה. האסטו דאך אויסגעזען ווי א פריץ. היינט עסן, ווי דו האסט מיר אליין דערציילט, האט דיר חיה געגעבן נאך צופיל, האסטו נישט באדארפט אוועקגיין פאר דער צייט. אזוי איז מיין מיינונג. דאן פרעגט ער בא מיר וואס איך דענק ווייטער צו טאן. זאג איך אים, אז איך וויל איצט פארן אין אמעריקע. אז ער האט דאס דערהערט, איז ער געווארן אויסער זיך, (געוואוסט אז דאס שמעקט שוין ווידער מיט געלט) רופט ער זיך אן: וואס איז דיר עפעס איינגעפאלן אמעריקע פון דער העלער הויט? וואס, בילקאמען איז שוין פאר דיר צו קליין? דו דארפסט שוין האבן אמעריקע, דייטש מיינער? (אזוי איז דאס תמיד געווען בא אונז אין שטעטל: האט איינער אנגעטאן א קורץ רעקל און אריבערגעלאזט די הויזן איבער די שטיוול, האט מען אים שוין גערופן דייטש) — „קיין געלט אויף

פאָרן האָסטו נישט", האָט מײן טאַטע פאָרטגעזעצט, „קײן פּאַס װעסטו אױך נישט קריגן, בעסער שלאָג זיך אַרױס אַמעריקע פון דײן קאָפּ און בלײב צוריק אין בילקאַמען. ראובן־װאָלף װעט דיך צוריקנעמען „מיט בײדע הענט". רוף איך זיך אָן צו מײן טאַטן: די רײזע־קאָסטן װיל איך אַז דו זאָלסט מיר אױסלײען און װען איך װעל קומען אין אַמעריקע און אָנהױבן אַרבעטן, װעל איך דיר אָפּ־שיקן דאָס געלט מיט פּראָצענט; און קײן פּאַס דאַרף איך נישט, װײל אַז איך מיט טײבעל'ען װעלן קומען אױפ'ן גרעניץ, װעט זי זאָגן, אַז איך בין איר ברודער און העלף איר אַרױס ביז האַמבורג, װײל זי איז אַ שװאַכע פרױ מיט דרײ קלײנע קינדער, און פון האַמבורג װעל איך זיך אומקערן צוריק אַהײם.

מײן טאַטע האָט געזען, אַז אים איז שװער זיך אױסצודרײען, רופט ער זיך אָן צו דער שטיפמאַמען מײנער: ליבע, װאָס זאָגסטו עפּעס צו אים װי ער האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר װי אַ קליעשטש נאָר איך זאָל אים געבן געלט צו פאָרן אין אַמעריקע? רופט זיך אָן די שטיפמאַמע צו מײן טאַטן: מאיר, דו האָסט געזען, אַז אין בילקאַמען האָט ער נישט געװאָלט פאַרבלײבן און פון זלאַטשאָװ איז ער אױך אַװעק, אפשר איז טאַקע זײן מזל אין אַמעריקע? איך האָב אָנגעקװאָלן פון אירע װערטער.

אײדער דער טאַטע מײנער האָט מיר געגעבן דאָס געלט, האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל מיט אים גײן צום רבין רב נחומ'ל'ען און הערן װאָס ער װעט זאָגן. איך פאַרלאָז זיך אױף אים, װאָס ער װעט זאָגן, אַזױ װעט דאָס זײן. איך האָב אפילו ניט גע־האַט קײן גרױס חשק צו גײן, געװאוסט אַז דער רבי װעט מיר נישט הײסן פאָרן, װײל ער האָט שטענדיג געשריען, אַז די שטײנער אױף די גאַסן אין אַמעריקע זײנען אױך טרײף, נאָר אַזױ װי מײן טאַטע האָט דאָס פון מיר דורכאױס פאַרלאַנגט, בין איך מיט אים אַהין געגאַנגען.

אָט־דעם רבי'ן איז כדאי צו באַשרײבן. געהײסן האָט ער נחום, נאָר גערופן האָט מען אים „נחומ'ל". אַזױ האָט זיך עס געפירט אין די קלײנע שטעטלעך מיט די רביים: האָט אײנער געהײסן הענאָך האָט מען אים פאַרצױגן אױף הענאָכל; איציק — איציקל; שלמה — שלמהלע, א. אַז. װ. דער רבי נחומ'ל איז געװען אַן אױסנאַם פון אַנדערע רביים — אַ קלײן דאַר אידל, מיט אַ װײס שפּיציק בערדל מיט לאַנגע פּאות ביזן גאַרטל, שטענדיג מיט אַ ספּאָדעק אױפן קאָפּ; דאָס העמד מיטן ברײטן װײסן קאָלנער צעבראַשטשעט פון אױבן,

א לאנגער טלית־קטן. אנגעטאן איז ער געווען אין א קאלירטן כאלאט מיט א שווארצן גארטל ארומגעבונדן, א פאר ווייסע גראבע זאקן מיט פאנטאפל אויף די פיס, און א פאר ווייסע הויזן.

די וואוינונג זיינע איז באשטאנען פון איין קליין שטיבל מיט איין פענסטער, איז דאס שוין געווען זיין חדר אויך אוואו ער האט געלערנט. די מעבל: א שמאל בעטל מיט א ביסל שטרוי מיט א לייוונטענער ווארעטע איבערגעדעקט אן בעט־געוואנט, אויסער א קליין קינדער־קישעלע צוקאפנס; א גרויסע שאפע מיט ספרים, א לאנגער טיש מיט א גרויסער באנק אוואו דער רבי איז געזעסן מיט זיין לאנגער ליולקע־ציבוק אין מויל און געלערנט יומם ולילה.

די גאנצע שפייז זיינע איז באשטאנען פון אביסל זופ מיט רעטשענע גרויפן פארשאטן, איז געווען מער וואסער ווי גרויפן. ער איז געווען, ווי מען זאגט, איינער פון די ל"ו צדיקים: האט געפלאגט דעם קערפער אויף דער וועלט, אז די נשמה זאל קומען א ריינע אויף „יענער וועלט". ער פלעגט זאגן, אז די וועלט איז נאר א פאדער־הויז. די אמת'ע וועלט איז די הימלישע. (אזוי גלויבן אויך אלע פרומע אידן). נישט גערעדט קיין סך און נישט גענומען קיין געלט. ער האט געזאגט, אז עס שטייט אין דער הייליגער תורה, אז „כסף וזהב מטהר ממזרים", דעריבער וויל ער ניט גע־ניסן דערפון.

אז מיר זיינען אריינגעקומען אין דער פאדערשטער גרויסער שטוב אוואו דער עולם דאוונט, און צוגעגאנגען צו דער טיר פון רבי'נס חדר, זיינען מיר אויפגענומען געווארן פון דעם גבאי, (טאקע מיין טאטנס א פלימעניק) אברם־בער, א הויכער שלאנקער איד מיט א שווארצער בארד מיט לאנגע פאות. א בייזער איד געווען, (אפשר ווייל א כהן. מען זאגט, אז די מערסטע כהנים זיי־נען בייזע אידן). זאגט ער: פעטער, איך וועל אריינגיין צום רבין און אים זאגן, אז איר זענט געקומען אים פרעגן אן עצה, און אז ער וועט אייך הייסן ארייגלאזן, וועל איך אייך ארייגרופן. דער רבי האט אונז געהייסן ארייגלאזן, איז דער טאטע צו צום רבין און פרעגט אים אויב איך זאל פארן קיין אמעריקע. אזוי שנעל ווי דער רבי האט נאר דערהערט דאס ווארט „אמעריקע", איז ער אויפגעציטערט געווארן און גלייך אויסגעשריען צוויי מאל: טרייף! טרייף! און מער האט ער נישט גערעדט, און מיר זיינען אהיים געגאנגען. גייענדיג, זאגט דער טאטע צו מיר: דו האסט געהערט

וואָס דער רבי האָט געזאָגט. נו, וואָס זאָגסטו איצט? זאָג איך אים, אז ער זאָל זיך ניט צוהערן און מיר געבן געלט צום פאָרן, און אויב דער רבי זאָגט, אז דאָרטן איז טרייף, טו זאָל ער אהין נישט פאָרן; אָבער ווען מיר זיינען געקומען אהיים, און די פראַגע וועגן אמעריקע איז ווידער פאַרהאַנדלט געוואָרן, האָט מיין שטיפ־מאַמע זיך געשטעלט ענערגיש אויף מיין זייט און האָט דורכאויס באַשטאַנען דאַרויף, אז איך זאָל פאָרן אין אמעריקע. דער טאַטע האָט אפילו געפּרוּווט פּראָטעסטירן קעגן ניט פאָלגן דעם רבין; אָבער די שטיפמאַמע האָט לאָגיש אַרגומענטירט, אז פאַר אים, דעם טאַטן, איז דעם רבינס וואָרט אפשר א געזעץ, אָבער פאַר אַן 18־יאָריגן אינגל איז עס ניט אַזוי אי־אי־אי, דער עיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיין צוקונפט. און דער טאַטע האָט זיך אונטער־געגעבן. געקראָגן האָב איך 76 ראַנעש, וואָס האָט מיר באַדאַרפט קלעקן פון דער היים ביז אמעריקע.

איך פאַרלאָז מיין געבורט־שטעטל און פאָר קיין אמעריקע

אַז דער טאַטע מיינער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, האָט ער מיר אָנגעזאָגט למען־השם, נישט צו פאַרגעסן צו קומען זיך שטעלן צום פּריזיוו, אַז ער זאָל נישט דאַרפן באַצאָלן שטראָף. מיט מיין ברודער מיכלען און זיין פרוי שיינדלען, און מיין ברודער אברהם־בער און זיין פרוי שרקהן, און מיט מיין שוועסטער חוהן האָב איך זיך שוין געהאַט געזעגנט און באַ מיין שוועסטער גענומען איר מאַנס אדרעס אין ניו יאָרק. נאָר מיט מיין ברודער ישראל־איסרן האָב איך זיך ניט געזעגנט, ווייל ער איז געווען אין מיליטער דינסט און געשטאַנען איז ער אין לעמבערג.

אַז איך מיט טייבעלע דעם שוחט'ס זיינען געקומען אויפן גרעניץ, קומט צו דער וואַכמאַן צו אונז (אַ הויכער, געזונטער גויעץ מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס), און הייסט זיך ווייזן אַ פּאַס. איך האָב גענומען דאָס אינגסטע קינד טייבעלעס אויף מיינע הענט און זי האָט פון בוזעם אַרויסגענומען איר פּאַס. נעמט ער דעם פּאַס לייענען און בויגט איין זיין פערדישן קאָפּ אין פּאַס אַריין. האָב איך זיך דערווייל אַריבערגעכאַפּט דעם גרעניץ. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרן לייענען דעם פּאַס, הויבט ער אויף זיין גראָבן קאָפּ און זעט, אַז איך מיטן קינד זיינען שוין אויף דער אַנדערער זייט גרע־ניץ. טייבעלע האָט אים געזאָגט וואָס איך האָב מיט איר אָפּגע־

רעדט, זייענדיג אין איר הויז. האָט דער גוי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און מיר זיינען ווייטער געפאָרן.

אָריינגעקומען אין האַמבורג, זיינען מיר אַריין אין קאָנטאָר פון דער שיף-קאָמפּאַניע אויסצוגעפינען ווען די שיף אונזערע פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע. האָבן זיי אונז דערקלערט, אַז מיר וועלן דאַרפן צוּוואַרטן אין האַמבורג אַ מעת-לעת. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אימיגראַנטן-הויז און דאָרטן געוואַרט ביז אונזער שיף איז אָפּגעפאָרן.

געפאָרן מיט דער שיף זיינען מיר 14 טעג, די ערשטע 8 טעג פון דער רייזע בין איך געווען קראַנק, געליטן פון דער נודנער ים-קראַנקהייט. עס האָט מיר זייער שטאַרק באַנג געטאָן דער גאַנצער עסק, שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג צו קומען אַ לעבעדיגער אין אַמעריקע . אויפגעפּאַסט אויף מיר האָבן צוויי שיינע יונגע מיידלעך-שוועסטער, בעסער ווי דער פּראַוויאַנט מייסטער פון דער שיף. האָב מיט זיי קאָנטשאַפט געשלאָסן אין אימיגראַנטן-הויז אין האַמבורג. זיי פלעגן קומען מיך באַזוכן יעדן טאָג אין מיין קאַבינע. אַנדערע פּאַסאַזשירן פון אונזער קלאַס האָבן אויף זיי געקוקט מיט אייפערזיכטיגע אויגן, ווען זיי האָבן געזאָגט אַז זיי גייען זעען זייער קראַנקן שיף-ברודער, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז איך בין אַ גאַליציאַנער. די מיידלעך האָבן קיין ברודער נישט געהאַט, האָבן זיי גענאַרט נאָך איינעם. איין זאַך האָט אונז אַביסל געשטערט, דאָס איז געווען די שפּראַך. איך האָב די מיידלעך ניט געקאָנט אויסלערנען צו געברויכן דעם „שין" פאַרן „סין", אָדער פאַרקערט. ענדלעך האָב איך זיי דאָך אויסגעלערנט. (מען זאָגט, אַז אַ ליט-וואַק איז אַ „צלם-קאָפּ", עס ווענדט זיך אָבער וועלכן איר טרעפט אָן). געפאָרן זיינען זיי צו אַ שוועסטער אין ניו יאָרק. ווען מיר זיינען אַרונטער פון דער שיף, האָבן מיר זיך געזעגנט ווי שוועס-טער און ברידער — נישט ווי אַ ליטוואַק מיט אַ גאַליציאַנער...

ווען איך בין געזונט געוואָרן אויפן שיף, האָב איך גענומען אונטערהאַנדלען מיט ברויט. ווי קום איך צו אָמ־דעם האַנדל אויף דער שיף? עס איז אַזוי געווען: יעדער פּאַסאַזשיר פון מיין קלאַס האָט געקראָגן צו צוויי פּאָרציעס ברויט יעדן טאָג, איינע אַ שוואַרצע פּאָרציע און די צווייטע אַ ווייסע. זיינען געווען אַ צאָל מענטשן וואָס האָבן ניט געקאָנט עסן דאָס שוואַרצע ברויט, און אַנדערע די ווייסע. האָבן זיי צוגעליטן הונגער. בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן זיי דאָס ברויט איבערצובייטן, דאָס הייסט, איך האָב אָפּגע-

קויפט בא איינעם און פארקויפט צום צווייטן. א גאנצע „בירזשע“ פון ברויט איז בא מיר געווען! איך בין געווען צופרידן וואס דורך מיין איינפאל האבן די לייטע נישט געליטן פון הונגער, און איך האב דערביי פארדינט א פאר דאלער אויך, און וועל נישט קומען קיין אמעריקע מיט ליידיקע קעשענעס. האט מען מיך אבער די לעצטע נאכט בא׳גנב׳עט און בא מיר ארויסגענומען פון די קעשענעס דעם גאנצן „פארמעגן“, וואס איך האב געמאכט אין דעם מסחר מיטן ברויט, און איך בין געקומען אין אמעריקע אן א סענט געלט.

איך קום אן אין אמעריקע

ווען מיר זיינען אנגעקומען אין קעסטל-גארדן, האבן מיר דארטן שוין געטראפן דוד מאירן ווארטנדיג אהיימצונעמען זיין פאמיליע. דוד מאיר איז א נידעריגער מאגערער מאן, דאס געזיכט גלאט ראזירט. ער איז אן אינטעליגענטער מענטש און א גוטער פון דער נאטור. געארבעט האט ער בא העמדער אלס אפרייטאר. אזוי איז דאס שוין: קומט א שוחט׳ס אן איידים קיין אמעריקע, ווערט ער דא א העמדל-נייער; קומט א בעל-עגלה, ווערט ער א בעל-תפילה אדער גאר א חזן. מיך האט געזאלט אראפנעמען פון קעסטל-גארדן מיין שוואגער ישראל, (מיין שוועסטער׳ס מאן). האט ער זיך אבער פארשפעטיגט.קומט ער צו פארן, זאגט מען אים, אז דעם בילקאמינער שוחט׳ס איידים האט אראפגענומען זיין פרוי מיט די קינדער, האט ער מיך אויך אראפגענומען.

אז טייבעלע האט דערזען איר מאן אן א בארד און אן פאות, זאגט זי צו מיר: „מיכאל, איך דערקען ניט מיין דוד-מאיר׳ן“. גענומען האט ער אונז צו דער וואוינונג וואס ער האט געהאט צוגעגרייט פאר זיין פאמיליע, אין 29 לודלאוו גאס — צוויי צימערן אויפן פינפטן עטאזש, צו דער פראנט. דאס וואסער אין דער האל, און די לאוואטאריע (וואש-צימער) אין דעם הויף. אויסגעמעבעלירט גאנץ ארום, ווי א העמדל-אפרייטאר קאן זיך דערלויבן לויט זיינע פארדינסטן — א בעט צום שלאפן און א ביורע, דאס איז געווען די שלאף-צימער מעבל. אין דעם גרויסן צימער האט זיך געפונען א דיוואן, וואס איז געווען ביינאכט א בעט, און בייטאג א באנק צום זיצן, א קליינער טיש מיט פיר פראסטע בענקלעך, א לאנגער שפיגל איז געשטאנען אויף דער פאדלאגע, א קעראסין-אויוועלע צום קאכן איז געשטאנען אויף א זעלצער-קעסטל; א קעראסין-

לאמפ. וואס איז געשטאנען אויפן מראמארנעם „מענטל־פּיס“, האט באלויכטן די צוויי צימערן. איידער מיר זיינען ארויפגעקראכן די 5 גארנדיגע שטיגן, זיינען מיר פארמאטערט געווארן גייענדיג. ווען טייבעלע איז אריינגעקומען אין שלאף־צימער, פרעגט זי איר מאן: „ווער וואוינט דא?“ ענטפערט ער איר, אז ביידע צימערן באַלאנגען צו זיי. איז זי געווען צופרידן. נאר דאס וואס דער מאן אירער האט זיך געלאזן אראפּנעמען די בארד מיט די פאות — דאס איז איר ניט געווען געפעלן.

אין אוונט איז געקומען מיין שוואגער צו טייבעלען, און מיר זיינען אוועק אין 47 קלינטאן גאס, וואו ער האט געוואוינט אויפן דריטן עטאזש פון א הינטער־געביידע. בא בראדער לאנדסלייט, וויינשטיין, האט מען זיי גערופן. דער מיסטער וויינשטיין איז געווען א הויכער שיינער מאן, א מענער־שניידער, טאקע געארבעט מיט מיין שוואגער אין איין „שאפּ“ (ווערקשטאט). זיי האבן שוין געהאט צוויי פאנסיאנערן אין דריי קליינע צימערן, און איך בין געווען דער דריטער. איר קענט זיך פארשטעלן ווי איינג עס איז דארטן געווען: זיבן מענטשן אין דריי קליינע צימערן, און די היץ איז געווען שרעקלעך. אז איך בין אפּגעווען צוויי טעג, אין דעם גהינם, האב איך געוואלט גיין צו דער ארבעט, האט דער שוואגער מיינער מיר גע'עצה'ט אויסצורוען זיך א וואך צייט פון דער רייזע און דאן גיין צו דער ארבעט.

איך גיי ארבעטן ביי קאשקעטן

דורך דער וואך האבן מיך באזוכט אייניגע לאנדסלייט, וואס האבן געארבעט בא פארשיידענע פאכן, און יעדער איינער פון זיי האט געוואלט, אז איך זאל גיין ארבעטן וואו ער ארבעט. צום סוף פון דער וואך, קומט נאשע מינטשעס און רופט מיך צו דער ארבעט. גייענדיג, פרעג איך אים ווי עס הייסט די גאס וואו ער ארבעט. זאגט ער מיר „גרין סטריט“. דאן פרעג איך אים: וועלכן טייל ארבעט ער מאכט, זאגט ער מיר פרעסעריי. זאג איך אים, אז איך האב א חשק צו ארבעטן בא דער מאשין, ווייל עס איז לייכטער, די רעדלעך דרייען זיך און די היטעלעך נייען זיך.. גיט ער מיר אן עצה צו ווערן א פרעסער, זאגנדיג: אז דו וועסט זיך זעצן ארבעטן לעבן מיר, וועל איך דיר ווייזן ווי אנצוגיין מיט דער ארבעט, וועט דיר זיין לייכטער זיך אויסצולערנען. פרעג איך אים: וויפיל וועל איך קריגן פאר דער ערשטער וואך? דערקלערט ער

מיר, אַז זיין באַלעבאָס גיט אַ „גרינעם״ די ערשטע וואָך צוויי דאָלער, נאָר אַזוי ווי איך וועל דיך לערנען, וועסטו אפשר קריגן צוויי־פופציק. דעם באַלעבאָס׳ נאָמען איז מיסטער גרינשטיין. זאָג איך אים: אַ לאַנגער נאָמען מיט קורצע שכירות... טרייסט ער מיך: דו וועסט אָפּאַרבעטן עטלעכע וואָכן, וועט ער דיר געבן מער.

אַריינגעקומען אין דעם קאַפּן „שאַפּ״, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַ לאַנגער „שאַפּ״, ווי אַ פעלד — אפשר אַ האַלבער קוואַרטאַל די לענג — מיט פיר פענצטער, צוויי צום פראָנט וואו דער „אָפיס (קאַנטאָר) מיטן שוי־צימער געפינען זיך, און צוויי צו דער הינטער־זייט פאַר די צושניידערס מיט די פי־נישערס. די אָפּרייטערס מיט די פרעסערס אַרבעטן אין מיטן „שאַפּ״ אַ גאַנצן טאָג באַ גאַז־לאָמפּן. די סחורה איז געווען סינ־נעטינע. אַז זי האָט דערפילט די היץ פון אייזן, האָט זי געלאָזט די פאַרב פון זיך. אַז איך בין אַוועק פון דער אַרבעט, האָב איך אויס־געקוקט ווי אַ קוילן־גרעבער...

דער מיסטער גרינשטיין איז געווען אַן אונגאַרישער איד מיט אַ פעטן בייכל, מיט אַ ליסן קאָפּ, מיט צוויי לאַנגע שפּיציגע וואָנ־צעס. די ליולקע פון מויל האָט ער ניט אַרויסגעלאָזן דעם גאַנצן טאָג. אַרומגעגאַנגען איבערן שאַפּ און געהיט אַז די אַרבעטער זאָל אים ניט נאַרן אין דער אַרבעט... זיי האָבן געאַרבעט אויף דער וואָך, 10 שעה אַ טאָג. איך האָב דאָרטן אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן, און בין אַוועק — ניט געקענט פאַרטראָגן די שמוץ פון דער פאַרב אויף זיך. געוואוינט האָב איך דאַן שוין אין ווילעט גאַס באַ זלאַ־טשאָווער לאַנדס־לייט, מיטן נאָמען גאָלדשיידער. דער מאַן איז געווען אַ פרעסער באַ הויזן.

אַז איך בין אַוועק פון די קאַפּן, פרעגט מיך דער מיסטער גאָלדשיידער: מאַקס, אפשר ווילסטו גיין אַרבעטן באַ הויזן, באַ דער מאַשין? ענטפער איך אים: יע. פאַרשפּרעכט ער מיר אָנצו־פרעגן זיך באַ די אָפּרייטאָרס וואו ער אַרבעט, אויב וועלכער פון זיי וויל צונעמען אַ „גרינעם״ אויף דער לערע. אין אָוונט קומט ער אהיים פון שאַפּ אַ צופרידענער און ער דערציילט מיר, אַז איי־נער פון די אָפּרייטאָרס האָט אים געזאָגט אַז איך זאָל מאָרגן קומען צו דער אַרבעט.

איך ווער א הויזן אפרייטאר

דער הויזן שאפ איז געווען אין אטארני סטריט, אין א הויף, א קלענערער שאפ ווי דער פון די קאפן, אבער א ליכטיגערער. דא האב איך שוין געארבעט בא דער נאטורס ליכט, ניט בא גאז־לאמפן, דעם גאנצן טאג, און די סחורות זיינען אויך געווען בעסערע.

אריינגקומען אין שאפ, גייט מיסטער גאלדשיידער צו צום אפרייטאר, וועלכער האט געהאט א מאדנעם אויסזען: דער אויבער־שטער קערפער זיינען, איז בא אים געווען לענגער ווי דער אונטער־שטער, א קורץ־פיסיגער. אויסגעזען צו זיין א „מארצאווע" אינגל, א בחור אין די יארן, (ווי מ'זאגט אין גאליציע) געהאט א שטיקל פליך אויפן קאפ, צוויי שפיציגע בלאנדע װאנצעס, זיינען זיי גע־שטאנען ארויף, אזוי ווי צוויי הערנער, צוויי גראבע רויטע באקן, אז מען האט זיינע קאלמיקישע אייגעלעך באלד ניט ארויסגעזען. פון דער נאטור איז ער געווען ניט קיין שלעכטער, נאר טאמער האט אימיצער געװאגט אפצושפאטן ווי ער האט גערעדט, איז געווען חושך, ער האט גערעדט שטשיפעלאווע. שטעלט מיך גאלדשיידער פאר: הערשקאוויטש, דאס איז דער בחור וואס איך האב מיט דיר גערעדט. פרעגט ער מיך מיין נאמען און הייסט זיך מיר אוועק־זעצן אנטקעגן אים בא דער מאשין צו דער ארבעט.

דער באלעבאס, מיסטער גאלד, איז געווען א גאליציאנער פרומער איד, מיט א לאנגער שווארצער שיטערער באָרד מיט צוויי געקרייזלטע פאות באהאלטן הינטער די אויערן — מעשה „אמע־ריקאנער", שטענדיג מיט א סאמעטענער יארמולקע אויפן קאפ. גערעדט דעם גאנצן טאג אן אן אויפהער, ארבעטן האט ער גע־געהייסן אן אנדערן.

אפגעארבעט די ערשטע וואך, דערלאנגט מיר הערשקאוויטש דריי דאלאר און ער זאגט מיר צו, אז יעדע וואך וועט ער מיר געבן א האלבן דאלאר מער; און אויב דו וועסט ארבעטן מיט מיר ביז איך וועל דיך אויסלערנען מאכן א פאר הויזן, דאן וועט דער מר. גאלד דיר גיבן ארבעט פאר זיך און דו וועסט ארבעטן מיט אונז צוזאמען. הערשקאוויטש דערציילט מיר, אז ער עסט אין א רעסטאראן, וואו מען קריגט היימישע מאכלים און ניט טייער אויך — 12 סענט א מאלצייט. דער פלאץ געפינט זיך אין עסעקס גאס אין א קעלער. אריינגעקומען אין דעם רעסטאראן האב איך געזען עטלעכע קליינע טישלעך, בא דער רעכטער זייט פון דער

וואַנט, איבערגעדעקט מיט קאָלירטע טישטוכלעך, (אַז די קוויטיג־קייט זאָל זיך ניט אַרויסזען...), מיט עטלעכע פּראָסטע בענקלעך אַרום. מער ווי פיר קונדן האָבן ניט געקאָנט זיצן בײַ איין טיש. די פּאָדלאָגע איבערגעדעקט מיט אַ טונקעלן וואקס־טוך („אויל־קלאָט") און אין מיטן רעסטאָראַן אַ גאַז־ליכט מיט אַ גרויסן ברענער.

די קעכין איז געווען די באַלעבאָסטע אַליין, אַ רומענישע פרומע בלאָנדע פרוי. געשטאַנען אין קיך מיט אַ ווייסער פאַטשיילע אויפן קאָפּ, און דאָס פּנים איר׳ס האָט געפלאַמט פון דעם גליענ־דיקן אויוון. אַז עס איז געקומען מיטאָג־צײַט, בײַ דעם עסן אויס־טיילן אויף די טעלער, האָט זיך פון איר געגאָסן דער שווייס מורא׳דיק.

דער קעלנער איז געווען דער אייגנטימער אַליין, אַ נידעריגער פרומער איד מיט אַ פעטן בייכל, מיט אַ גרויסן שטערן, מיט אַ רויטער באָרד אַ געדיכטער, וואָס ער האָט אַפּנים קיינמאָל ניט געקעמט (מורא געהאַט ער זאָל חלילה קיין האָר פון איר ניט אויסרייסן). דער קאָפּ זיינער איז געווען הויך באַוואָקסן, אַז די פעטע יאַרמולקע זיינע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיין קאָפּ, דאָס העמד אונטערן האַלז פאַנאַנדערגעשפּילעט, די אַרבל פאַרקאַטשעט. די הענט זיינע באַוואָקסן אַזוי ווי אַ בער. אַ שירץ האָט ער גע־טראָגן וואָס איז אַמאָל געווען ווייס. מיטאָג־צײַט, ווען ער האָט דערלאַנגט דאָס עסן צו די טישן פאַר זיינע קונדן, זיינען בײַ אים געשטאַנען די טראָפּנס שווייס אויפן שטערן אַזוי ווי אַרבעס.

מען האָט דאָרטן געקראָגן פאַר די 12 סענט — אַ פאַרשפּייז, געהאַקטע אייער מיט ציבעלעס, געהאַקטע לעבער מיט שמאַלץ, רעטאַך מיט שמאַלץ, אַ שטיקל שמאַלץ־הערינג מיט צי־בעלעס, אָדער אַ שטיקל געמאַרינירטע הערינג, אַ טעלער זופּ, צו דער זופּ וואָס איינער האָט פאַרלאַנגט: קאַשע, רייז, לאָקשן, אָדער פאַרפל. זופּ־פלייש, קאַלב־פלייש, געהאַקטע פלייש, אַ צוויירע אוגערקע, אַ צוויירן פּאָמידאָר, צוויערע קרויט אָדער חריין. קאָמפּאָט — אַ שיסעלע מערן־צימעס, אָדער געקאָכטע פלוימען, אָדער אַ גלאָז טיי. האָט איינער געוואָלט אַ פלעשל געזאָדענע וואַסער, האָט דאָס אים געקאָסט צוויי סענט עקסטרא; סאַספּאַריטע, רויטע יאַג־דעס, אָדער אימבער־אויל.

איך וועל זיך צוריק אומקערן צום „שאָפּ". אין דעם „שאָפּ" האָב איך געביטן מיין נאָמען, ניט געוואָלט מען זאָל מיך רופן „חיה" אַנשטאָט חיוט, ווי אַנדערע טוען אין אַמעריקע.

איך האב אפגעארבעט אין דעם הויזן „שאפ“ עטלעכע וואכן און זיך שוין געהאט ארויפגעארבעט אויף 6 דאלאר א וואך. קומט צו מיר א לאנדסמאן מיטן נאמען נאכטשע שלום-הערש׳ס, און זאגט: מיכאל, וואס באדארפסטו ארבעטן בא דער מאשין פאר 6 דאלאר א וואך און זיך אפהאקן דיינע פיס. קום מיט מיר ארבעטן, איך וועל דיר געבן 8 דאלאר די ערשטע וואך און יעדע וואך וועל איך דיר געבן א דאלאר מער, און ארבעטן וועסטו בא דער האנט. איך האב געענדיגט די וואך בא הערשקאוויטש׳ן און בין אוועק.

איך ווער א מאנטל-שניידער

דער מאנטל-„שאפ“ איז ניט געשטאנען אין א „יארד“ (הויף)-הויז, נאר מיט דער גאס-צוגלייך און זיך געפונען אין קלינטאן גאס אין א גרויסער ליכטיגער געביידע. דער באלעבאס, שווימער, איז געווען א הויכער, שיינער יונגערמאן מיט שיינע שווארצע אויגן, אויך א גאליציאנער, אבער שוין גאר אנאנדערער ווי דער מיסטער גאלד איז געווען — אן א בארד און אן פאות. ער האט געראויכערט לאנגע, גראבע ציגארן אזוי ווי די פלעקער. גערעדט האט ער נאר ענגליש, האט געקענט אידיש אויך ריידן, (ווייל וועלכער גאליציאנער איד קאן דאס נישט ריידן קיין אידיש?) נאר אזוי האט אים שוין געפאסט צו דער ראליע זיינער. און צווייטנס, האט ער באשעפטיגט אן אמעריקאנער מיידל אלס מאדעל. א שיין מיידל געווען און ער פלעגט מיט איר אפזיצן שעה׳ן לאנג בא זיך אין „אפיס“, און צוליב וואס פארא צוועק ווייס איך נאך נישט ביז היינט-צו-טאג. איך גלויב, אז קיין תהילים האט ער מיט איר דארטן ניט געזאגט... איך האב אפגעארבעט פיר וואכן צייט בא מיין לאנדסמאן און זיך אויסגעלערנט מאכן א פלושענעם מאנטל. האב איך זיך בארעכנט, אז איך קאן בעסער ארבעטן פאר זיך, פארדינען מער און זיין באלעבאס פאר זיך.

איך בין צוגעגאנגען צו מיסטער שווימער׳ן, זיך געהייסן געבן ארבעט, און האב געקראגן א מאנטל צו מאכן. איך האב דעם מאנטל אויפגעמאכט און אים דערלאנגט שווימער׳ן, האט ער אים אנגעטאן אויף דער מאדעל-מיידל און אים באטראכט, איז ער אים געפעלן געווארן. איידער ער האט מיר געגעבן מער ארבעט, האב איך אים געמוזט צוזאגן, אז איך וועל פון אים נישט אוועק-גיין אין מיטן סעזאן. איך האב אפגעארבעט די ערשטע וואך און

האָב פאַרדינט 14 דאָלאַר, און יעדע וואָך מער און מער. ביז ענדע סעזאָן האָב איך שוין פאַרדינט 20 דאָלאַר אַ וואָך. האָב באַלד אָפּגעשיקט מײן טאַטן זײן געלט מיט פּראָצענט, אַזוי ווי איך האָב אים פאַרשפּראָכן, זיך אַביסל באַקלײדט און געקויפט פאַר זיך אַ גאָלדן זײגערל מיט אַ קײטל. לײדער האָט דער ערשטער סעזאָן מײנער בײַ די מאַנטלען לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. בין געבליבן אָן אַרבעט און אָן געלט.

איך רײד זיך פאַנאַנדער מיט רחמיאל'ן, וואָס וואוינט טאַקע מיט מיר צוזאַמען, אַ מאַן פון אַ יאָר 45, אָן אַלמן, (געהאַט אַ פרוי און אַ קינד, זײנען זײ בײַ אים געשטאָרבן), איז ער נעבאַך גרוי און אַלט געוואָרן פאַר דער צײט פון ערגערניש. אַ פרומער מאַן געווען, אָט דער רחמיאל, געטראָגן אַ באָרד, נאָר אַ געשווירענע, די שטימע זײנע איז געווען אַ הײזעריקע, און טאָמער האָט ער גע-רעדט אַ ביסל העכער, איז די שטימע זײנע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוויטש. געאַרבעט האָט ער בײַ מענער־רעק. האָב איך אים געפרעגט וואָס פאַראַ פאַך דאָס איז, דערצײלט ער מיר, אַז בײַ מענער-אַרבעט פאַרדינט מען ניט אַזוי פיל אַ וואָך ווי בײַ די מאַנטלען, נאָר מען אַרבעט דעם גאַנצן יאָר; און ווען אײנער איז פײַאיק אַלס שנײַדער, קאָן ער זיך אַרויפאַרבעטן אויף 16 דאָלאַר אַ וואָך, און בײַ דער מאַשין אויף 18 דאָלאַר אַ וואָך. האָב איך געטראַכט, אַז די 16 דאָלאַר אַ וואָך מאַכן דורכן יאָר אויס מער ווי יענע 32 בײַ די מאַנטלען, ווײל, ווי זאָגט מען, די „זיבן מאָגערע בהמות עסן אויף די זיבן פעטע בהמות". האָב איך אים געבעטן ער זאָל אָנפרעגן בײַ זײן באַלעבאָס אויב ער וואָלט מיך אויך נעמען צו דער אַרבעט. רחמיאל האָט אָנגעפרעגט זײן באַלעבאָס וועגן מיר און ער האָט אים געזאָגט אַז איך זאָל קומען צו דער אַרבעט.

איך ווער אַ מענער־שנײַדער.

דער „שאָפּ" פון די מענער-רעק איז געווען אין לואיס גאַס אויפן פינפטן עטאַזש אין אַ הויף, מיט אײַזערנע טרעפּ אַרויפצו־גײן פון דרויסן. אין ווינטער צײט ווען די טרעפּ זײנען געווען באַדעקט מיט אײַז, איז געווען אַ מורא אויף זײ צו גײן אַז מען זאָל ניט גע'הרג'עט ווערן. איך בין אַרויפגעקומען אין דעם גרויסן, ליכטיגן „שאָפּ", פון מיסטער רודאָלף שאָל. ער איז געווען אַ שײנער, הויכער מאַן מיט שוואַרצע באַקן

בערד, אזוי ווי קייזער פראנץ יאזעף. (טאקע געווען זיינער א פא־טריאט). מיסטער שאל איז אויך געווען א גאליציאנער איד, אבער שוין גאר, גאר אנאנדערער ווי יענע צוויי גאליציאנער באלעבא־טים מיינע. ניט געווען אזוי פרום ווי דער מיסטער גאלה, און ניט קיין אפיקורס ווי שווימער. ער איז אפילו יא געגאנגען אין שול אריין ראש־השנה און יום־כיפור, אבער דעם גאנצן יאר האט ער פארגעסן דעם וועג אהין. זיין פרוי, שרה, א נידעריגע, שווארצ־חנ׳עוודיגע פרוי מיט שווארצע אויגן און פעך שווארצע האר, איז געווען פרום ווי איר מאן. פון דער נאטור זיינען זיי ביידע געווען ניט קיין שלעכטע מענטשן. זי איז געזעסן אין „שאפ" און געהאלפן אין דער ארבעט, און אויך געגאנגען צו די פאבריקאנטן נאך ארבעט, און אויך געלט געבראכט פאר דער ארבעט צו באצאלן די ארבעטער.

מר. שאל, זאגט רחמיאל צו זיין באלעבאס, דאס איז דער בחור, וואס איך האב מיט אייך גערעדט וועגן אים. זאגט מר. שאל: רחמיאל, גיט אים ארבעט און א בענקל צום זיצן און זאל ער זיך זעצן לעבן אייך און ארבעטן צוזאמען.

אפגעארבעט די וואך, דערלאנגט מיר דער באלעבאס צוויי דאלאר פופציג סענט, און ער זאגט מיר צו, אז ווען איך וועל זיך איינארבעטן, וועט ער מיר געבן מער. דאס הייסט, אז איך האב זיך באדארפט פארלאזן אויף זיין יושר... איר קאנט זיך פארשטעלן ווי איך האב דאמאלסט געפילט — אראפצוגיין פון 20 דאלאר א וואך אויף $2.50. טאקע קיין גרויסער באדארפער בין איך דע־מאלט ניט געווען: לאזשי האט מיר געקאסט 2 דאלאר מיט 50 סענט א מאנאט, האב איך געקראגן וועש געוואשן און קאפע יעדן פרי־מארגן, און געשלאפן בין איך מיט רחמיאל׳ן אין איין בעט. אזוי האב איך זיך אפגעשטעלט ארבעטן בא שאל׳ן און זיך טאקע בא אים ארויפגעארבעט אויף דעם העכסטן פרייז פון דעם פאך. ווען איך האב אפגעארבעט בא שאל׳ן א שטיקל צייט, האט די פרוי זיינע מיר געוואלט ריידן א שידוך מיט איר דינסט־מיידל לינע פון א יאר 20. א הויכע, שיינע, בלאנדע מיידל, מיט א געקרויזטן שיינעם קאפ האר, מיט ראזע באקן ווי שיינע מאראנצן; בלויע אויגן האט זי געהאט — האבן זיי ארויסגעלויכטן פון איר שניי־ווייסן געזיכט, און צו איר שיינקייט איז זי נאך געווען א גרויסע בריה אין הויז אויך. עס איז נאר געווען א פארדראס פארוואס זי איז געווען די דינסט און ניט די באלעבאסטע. נאר גיי האב טענות

צו דער וועלט פאר וואס עס איז ניט אזוי ווי עס באדארף זיין!
זי איז געווען ארים געקליידעט און דאך אויסגעקוקט רייך. ליידער האב איך זיך געמוזט אפזאגן פון דער שיינער לינע׳ן, ווייל איך האב געוואלט אפריער דערגרייכן מיין ציל, דאס הייסט, זיך ארויפארבעטן אויף דעם העכסטן פרייז אין דעם פאך, אז איך זאל זיין אימשטאנד צו פארדינען אויף א לעבן פאר א פרוי, און דאן הייראטן. איך האב דאס לינע׳ן דערקלערט, איז זי געווען וויליג צוווארטן ביז יענער צייט, אבער פאר מיר איז געווען צו שווער ארומצוגיין א לאנגע צייט מיט דער שיינער לינע׳ן און ניט זיין פארהייראט מיט איר. האב איך זיך אפגעזאגט פון דעם שידוך.

ווען איך האב אפגעארבעט א לענגערע צייט בא שאל׳ן אין ניו יארק, האט ער באשלאסן אריבערצוציען זיין „שאפ" קיין ברוקלין, און האט פון מיר פארלאנגט, אז איך זאל מיט אים מיט-גיין. ער זאגט צו מיר: מאקס, איך „גלייך" דיין ארבעט, און אזוי שנעל ווי איך וועל זיין פארטיג מיטן „שאפ" איינארדנען, וועל איך דיך אוועקשטעלן בא דעם הויפט-פאך פון דער ארבעט, דאס הייסט, אלס „בייסטער", און דו וועסט קריגן 16 דאלאר א וואך, אזוי ווי איך צאל אלע „בייסטערס", און דו וועסט קיין חרטה ניט האבן. איך האב זיך געלאזט איינריידן פון שאל׳ן און בין מיט אים געגאנגען קיין ברוקלין.

איך צי זיך אריבער קיין ברוקלין

דער „שאפ" איז געווען אין 89 סיגל גאס אין א הויף אויפן דריטן עטאזש, און איך האב זיך אריבערגעצויגן אין א נייער קווארטיר, אין 61 מאר גאס, אויך אין א הויף-הויז בא אונגארישע מענטשן. זיי האבן באוואוינט דריי שיינע ליכ-טיגע צימערן, אויסגעמעבלירט מיט פראסטע מעבל. די פאמיליע איז באשטאנען פון פינף: דריי מיידלעך און זיי צוויי. די עלטסטע מיידל, אסתר, איז געווען א דינסט-מיידל. די מיטלסטע — מאלע, האט געהאלפן דער מוטער אין הויז, און די אינגסטע, שרה, איז נאך געגאנגען אין שול. דער באלעבאס פון הויז, דוד זאלמאנאוויטש, איז געווען א הויכער מאגערער פרומער איד מיט א בלאנדער קור-צער בארד. שטענדיג מיט דער ליולקע אין מויל. קיין ארבעטער איז ער ניט געווען. אלץ וואס ער האט געטאן איז געווען, וואס ער האט געלערנט מיט עטלעכע קליינע קינדער און געבראכט הויזן פון א שאפ פאר זיין ווייב פיינע-בייל׳ן צו פארפערטיגן, און דער-

נאָך זיי אָפּגעטראָגן. מיך האָבן זיי געהאַלטן ווי אַן אייגענעם זון. ווען איך האָב אָפּגעוואוינט עטלעכע מאָנאַטן בײַ די זאַלמאַ-נאָוויטשעס, האָבן זיי מיר געוואָלט ריידן אַ שידוך מיט זייערער אַ לאַנדס־מיידל פון רייכע עלטערן, וואָס האָבן געהאַט עטלעכע אייגענע הייזער און אין איין הויז אַ געשעפט פון עסנוואַרג. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך וועל זען די מיידל און אויב זי וועט מיר זיין געפעלן, וועל איך זיי געבן אַן ענטפער.

עס איז ניט אַוועק קיין צוויי טעג, קומט דער פאָטער פון דער מיידל באַזוכן זיין לאַנדסמאַן, (אַזוי האָט דאָס געהייסן, אַז ער שטאָטעט אים אָפּ אַ וויזיט). זאַלמאַנאָוויטש שטעלט מיך פאַר אים פאָר, און מיסטער קליין פאַרציט מיט מיר אַ געשפּרעך און פרעגט מיך ווי לאַנג איך בין אין אַמעריקע, וויפיל איך פאַרדין אַ וואָך, א. אַז. וו. אַזוי ריידנדיג, פרעגט ער צו איך וואָלט וועלן פאַרלאָבט ווערן צו זיין מיידל. זאָג איך אים, אויב זי וועט מיר זיין געפעלן, און אפשר וועל איך איר ניט געפעלן ווערן. לאַדט ער מיר איין צו זיך אין הויז אַריין, כדי זיך באַקענען מיט זיין טאָכ־טער. איך האָב אים פאַרשפּראָכן אַרויפצוקומען שבת נאָך מיטאָג.

אַריינגעקומען צו זיי אין הויז שבת, האָט מיך דער מיסטער קליין פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרוי און פאַר דער מיידל און פאַר אירע חבר׳טעס, וואָס זיינען געקומען זען דעם בחור וואָס מען רעדט אסתר׳ן. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט עטלעכע שטונדן און בין אַהיים געגאַנגען. קום איך אַהיים, פרעגן מיר די זאַלמאַנאָווי־טשעס וואָס פאַר אַן איינדריק די מיידל האָט אויף מיר געמאַכט. ענטפער איך זיי: ניט קיין גוטן. קוקן זיי איינער אויפן אַנדערן מיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט, „מיר האָבן דאָס פריער געוואוסט״. רופן זיי זיך אָן צו מיר: מאַקס, טוט ווי איר פאַרשטייט.

אין אָוונט, איך זע דער מיסטער קליין איז ווידער דאָ אַ פרײ־לעכער, און ער רעדט שוין צו מיר מעשה מחותן, ווי זאָגט אַ גלייך ווערטל: „איין צד איז אַלע מאָל פאַרטיג, מען דאַרף נאָר פרעגן דעם צווייטן צד״. איך האָב שוין פאַרשטאַנען נאָך וואָס דער מיסטער קליין איז געקומען, אָבער ער האָט נעבאָך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן ענטפער ער וועט פון מיר קריגן. ער פאַרציט ווידער אַ שמועס מיט מיר און דערציילט מיר אין וואָס פאַראַ „שמאַלץ־גרוב״ איך וועל אַריינפאַלן אויב איך וועל הייראַטן מיט זיין טאָכ־טער. „ווען דו וועסט אַ חתן ווערן פאַר מיין אסתר׳ן, וועסטו קיין שניידער מער ניט זיין. איך וועל דיך מיטנעמען אין מאַרק אַריין

און דיך מאַכן פאַר אַ געשעפטסמאַן; און ווען דו וועסט חתונה האָבן, וועל איך דיר געבן אַ הויז אין נדן און מיין אסתר וועט דיר צוהעלפן אין געשעפט, אזוי ווי זי העלפט מיר איצט צו". איך האָב אים אויסגעהערט און פאַרשפּראָכן, אַז זיין לאַנדסמאַן מיסטער זאַלמאַנאָוויטש וועט אים געבן אַ באַשטימטן ענטפער.

אין דריי יאָר אַרום, נאָך מיין זיין אין אַמעריקע, קומט מיר אָן אַ בריוו פון מיין טאַטן, אַז איך זאָל אהיים קומען זיך שטעלן צום פּריזיוו, און טאָמער וועל איך נישט קומען, שרייבט ער מיר, וועט ער מוזן באַצאָלן שטראָף פאַר מיין אַפּוועזנהייט באַם פּריזיוו. ענטפער איך דעם טאַטן מיינעם, אַז איך וועל נישט קומען, ווייל איך וויל נישט דינען דעם קייזער צוויי אָדער דריי יאָר אומזיסט. דורך דער צייט וועל איך בעסער זיין אין אַמעריקע, פאַרדינען געלט און זיין אַ פרייער מענטש; און דאָס וואָס דו שרייבסט, אַז אויב איך וועל ניט קומען, וועסטו מוזן באַצאָלן שטראָף, שרייב איך דיר, אַז ווען די זשאַנדאַרן וועלן קומען נאָך מיר, זאָלסטו זיי געבן מיין אַדרעס וואו זיי קענען מיך געפינען, און זאָלן זיי זיך מטריח זיין און קומען נאָך מיר. אָבער ביז היינט צו טאָג זיינען זיי נאָך ניט געקומען... פון דאַן אָן האָט דער טאַטע מער נישט געשריבן איך זאָל קומען זיך שטעלן צום פּריזיוו.

אָפּגעוווען אַ שטיקל צייט אין ברוקלין, האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ רוסישער שיינער בלאָנדער מיידל פון אַ יאָר 19, אַ געבוי-רענע איז זי געווען אַ זאַביעלער, גראָדנער גובערניע, איצט פּוילן. איך האָב געאַרבעט אין 89 סיגל גאַס אין דער הויף-הויז, און די מיידל האָט געוואוינט אין דער פראָנט-הויז, זיינען די פענצטער פוןביידע הייזער אויסגעקומען איינע אנטקעגן די אַנדערע, און מיר האָבן זיך אָפט געזען. איינמאָל שטיי איך באַ דער טיר פון דער פראָנט-הויז, די מיידל קומט אַרונטער מיט אַ פּאַראַסאָל אין האַנט, און זי פרעגט מיך אויב איך ווייס פון אַזאַ פּלאַץ וואו מען פאַריכט רעגן-שירמס, און אויב יאָ, וואו דער „שאַפּ" געפינט זיך. פרעג איך באַ איר, צי וויל זי איך זאָל מיט איר מיטגיין ווייזן דעם פּלאַץ. זאָגט זי, „אויב איר ווילט זיך מטריח זיין, האָב איך ניט דאַגעגן". גייענדיג מיט איר האָב איך איר געפרעגט אויב איך מעג אַרויפקומען צו איר אין הויז. ענטפערט זי מיר, זייער איינגענעם.

געוואוינט האָט די מיידל באַ אירער אַ קוזינע מיט וועמעס מאַן איך האָב געאַרבעט צוזאַמען. אַז איך בין אַרויפגעקומען אין

הויז אריין, בין איך שוין אין גאנצן פרעמד ניט געווען, דער קוזען אירעה, צאַלקע, איז געווען אַ הויכער מאַגערער מאַן מיט אַ פּאָר מאָדנע וואָנצעס. (די שניידערס פלעגן אים רופן „טשאַלי מיט די וואָנצעס". בא אַלע מענטשן וואָס טראָגן וואָנצעס האַלטן זיי זיך צוזאַמען, און זיינע זיינע געווען ברוגז איינע מיט דער אַנדערער און זיך ניט געוואָלט פאַראייניקן...) ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרוי, פאַר זיין שוועגערן יעטע און פאַר דער קוזינע פעני. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט שבת דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, און ווען איך בין פון זיי אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי מיך איינגעלאַדן אויפן צווייטן שבת. איך בין אַהין אַרויפגעקומען עטלעכע שבתים ביז איך האָב געשלאָסן אַ נאָענטע קאַנטשאַפט מיט פעני׳ן.

געאַרבעט האָט זי אין „באורעם פּלעים", ברוקלין, אַלס קנעפּל־אַנייערן בא קינדער־רעקלעך. דער „שאָפּ" וואו זי האָט געאַרבעט איז געווען אַ ליכטיגע, לופטיגע געביידע. דער באַלעבאָס אירעה, אַ הויכער שיינער מאַן מיט אַ געשווירענער בלאָנדער באָרד, ער איז געווען אַ ביאַליסטאָקער איד, און זיין נאָמען איז געווען באָף. מיט איר צוזאַמען האָט געאַרבעט אַן אָפּרייטאָר רובינשטיין, אַ שיינער, שלאַנקער יונגערמאַן, מיט פעך־שוואַרצע האָר, מיט שוואַרצע אויגן, אַ רוסישער סטודענט. האָט ער זיך גע׳שדכנ׳ט צו פעני׳ן, אָבער ער איז איר ניט געווען געפעלן. צוליב זיינע „זשוליקער־וואַטע שטיק", אַזוי האָט זי מיר דערקלערט. ער איז איר נאָכגע־גאַנגען ביז איך בין מיט איר פאַלאָבט געוואָרן, אַלץ געהאָפּט, אפשר וועט ער איר נאָך קריגן.

נאָך אַ בחור האָט זיך גע׳שדכ׳נט צו דער מיידל, אויך אַן אָפּרייטער, געאַרבעט מיט פעני׳ס קאָזין, צאַלקע, צוזאַמען. אַ הויכער, פעטער, שוואַרץ־חנ׳עוודיגער יונגערמאַן געווען. ער פלעגט אַרויפקומען צו צאַלקע׳ן אין הויז אריין, האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף פעני׳ן, און האָט געבעטן טשאַלען און זיין פרוי זיי זאָלן פאַרשלאָגן זייער קוזינע פעני׳ן דעם שידוך. עס איז כדאי צו באַ־מערקן, אַז פעני האָט געשטאַמט פון פיינע עלטערן. איר פאָטער איז געווען אַ פאַכטער, געהאַנדלט מיט פּריצים, געהאַלטן אַ לערער אין שטוב פאַר זיינע קינדער און זיי געלאָזט לערנען אידיש, פּויליש און רוסיש. ער האָט געהאַט 6 מיידלעך און איין אינגל.

אַז איך האָב זיך דערוואוסט פון נאָך אַ קאָנקורענט, בין איך שוין געווען אין צווייפל אויב איך וועלן זיין פעני׳ס חתן. קיין פינפטע ראָד צום וואָגן האָב איך ניט געוואָלט זיין, בין איך צוגע־

שטאנען צו פעני'ן זי זאָל מיר זאָגן דעם אמת פאַר וועלכן יונגנמאַן זי דענקט אַ כלה ווערן. ענטפערט זי, אַז פאַר קיין אַנדערן ווי נאָר פאַר מיר. אַזוי האָבן מיר באַשטימט ווען און וואו צו מאַכן אונזער פאַרלאָבונג, און עס איז געבליבן, אַז מיר זאָלן עס מאַכן טאַקע בא איר קוזינע עלקע'ן אין הויז אין אַ שבת־נאַכט.

עס איז געקומען די באַשטימטע צייט פון אונזער פאַרלאָבונג, האָט די כלה מיינע מיט איר קוזינע אַלץ צוגעגרייט פאַר דער שמחה, און איך האָב איר געקויפט אַ גאָלדן רינגל מיט אַ קליין דימענטל איינגעפאַסט. מיר האָבן איינגעלאַדן אונזערע קרובים און לאַנדסלייט. די מערסטע פון זיי זיינען געקומען און האָבן מיט אונז פריילעך פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווייל צום עסן און צום טרינקען איז געווען גענוג צוגעגרייט. זיי האָבן אונז געוואונטשן, אַז די חתונה אונזערע זאָל נישט זיין ערגער צוגעגרייט און פאַרשפּראָכן אויך קומען צו דער חתונה. פאַרלאָבט בין איך געווען מיט מיין כלה איין יאָר, און דורך דער צייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט אירע פריינט און לאַנדסלייט, און זי מיט מיינע.

איך גיי חתונה האָבן

די חתונה אונזערע איז פאָרגעקומען אין 54 גרעהעם עוועניו, ברוקלין, אָקטאָבער דעם 15טן, 1893. דער זאָל איז געווען פּראַכט־פול דעקאָרירט, די מוזיק האָט זייער גוט געשפּילט, און צום עסן און טרינקען האָבן מיר צוגעגרייט פאַר די ליבע געסט גענוג. נאָך דער חתונה צערעמאָניע זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען אין אונזער וואוינונג, וואָס מיר האָבן זיך געהאַט פאַרזאָרגט, אין 33 האַמבאָלד גאַס, ברוקלין, צוויי שיינע ליכטיגע צימערן אויפן צווייטן עטאַזש צום פראָנט. די דירה־געלט איז געווען 4.25 דאָלאַר אַ מאָנאַט. די וואַסער אין קאָרידאָר און די לאַוואַטאָריע אין הויף. מיר האָבן די צימערן געהאַט אויסגעמעבלירט פון פריער, כדי, אַז ווען מיר וועלן אַהיים קומען פון אונזער חתונה, זאָלן מיר ניט קומען צו ליידיגע ווענט. מיין פרוי האָט די צוויי שטיבלעך געהאַלטן ריין און שיין, ווי פּאַלאַצן; אויסער דעם וואָס זי איז געווען שיין, קלוג און געלערנט, איז איז זי אויך געווען אַ גרויסע ווירטן

עס ברעכט אויס אַ קריזיס אין אַמעריקע

עטלעכע מאָנאַטען נאָך מיין חתונה, האָט זיך געמאַכט אַ קריזיס אין לאַנד, און צוליב דעם זיינען געפאַלן די שכירות פון

די אַרבעטער, און איך בין קיין אויסנאַם נישט געווען. פון די 16 דאָלאַר אַ וואָך פאַרדינסט האָט מען באַ מיר אַרונטערגענומען פיר דאָלאַר. און דאָך איז אונז געווען בעסער ווי אַ סך אַנדערע שניידער, ווייל אין דעם „שאַפּ״ וואו איך האָב געאַרבעט, איז געווען מער אַרבעט ווי אין אַנדערע שניידער „שעפּער״. אַנדערע שניידער, וועלכע זיינען געווען בירגער, זיינען געגאַנגען שניי שאַרן. עס איז געווען אַ ווינטער פון שניי, זיינען אַ סך מענטשן באַשעפטיגט געוואָרן באַ דעם שניי־שאַרן און פאַרדינט ניין דאָלאַר אַ וואָך פאַר 48 שטונדן אַרבעט. אַנדערע האָבן נעבאַך געמוזט אָנקומען צו הילף-אינסטיטוציעס, וואו יעקב שיף, דער אידישער באַנקיר און פילאַנטראָפּ, איז געווען דער פּרעזידענט. און מישטיינסגעזאָגט, וואָס זיי האָבן דאָרטן געקראָגן: צו ווייניג צום שטאַרבן און נאָך ווייניגער צום לעבן פאַר זיך מיט דער פאַמיליע. מענטשן זיינען דאַמאָלסט פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט. טאַקע נישט געווען טייער קיין זאַך, אָבער ווי זאָגט מען: „וואָס טויג מיר, אַז דער אָקס קאָסט אַ גראָשן, ווען דער גראָשן איז נישטאָ?...״

ווען דער שנייענדיגער ווינטער איז אוועק, האָט ער מיט זיך מיטגענומען דעם שרעקלעכן קריזיס, און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פאַרדינען אַ ביסל מער. אַזוי איז דאָס שוין אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט: שלאָגן זיך אַרום צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, גייט דאָס אויס צו דעם אַרבעטער׳ס קאָפּ. מען האָט געשטימט פאַר אַ דעמאָקראַטישן פּרעזידענט, האָבן די רעפּובליקאַנער מיליאָנערן איינגעצויגן דאָס קניפּל מיט געלט דערפאַר וואָס זיי האַלטן ניט די לייצעס אין האַנט.

איך ווער אַ טאַטע

ווען עס איז אוועק 10 מאָנאַטן נאָך מיין חתונה, האָט מיין פרוי געבוירן אַ זון. דאָס איז געווען יולי דעם 21טן, 1894. (17 טעג אין תמוז). דאָס געבורט איז מיין פרוי אָנגעקומען זייער שווער, טאַקע ווי באַ אַן ערשטלינג. זי האָט זיך אָפּגעמאַטערט פון פרייטאָג נאָך מיטאָג ביז שבת נאָך מיטאָג. אירע ווייטאָגן זיינען געווען שרעקלעכע. איך בין אוועק ברייגנען דעם אקושער-דאָקטאָר, וואָס מיין פרוי האָט געהאַט באַשטעלט פון פריער. האָט ער איר אונטערזוכט און דערקלערט, אַז עס האַלט נאָך גאַנץ ווייט צום געבורט. איך זיץ אויפן בעט און די פרוי מיינע האַלט זיך אין מיר אָן און מיר וויינען ביידע. אוועק עטלעכע שטונדן און איך לויף

ווידער ברייגנגען דעם דאָקטאָר. אים אַרויסגענומען פון בעט, אַז ער מוז שוין גיין מיט מיר, ווייל מיין פרוי קאָן מער די שמערצן ניט אַריבערטראָגן. ער קומט צוגיין און זאָגט ווידער דאָס זעלביגע וואָס ער האָט פריער געזאָגט, אַז עס איז נאָך נישט די צייט, בעט איך אים, פיליכט קאָן ער איר פאַרלייכטערן די שמערצן. דערקלערט ער אונז, אַז עס וועט גאָרנישט העלפן און מען מוז אָפּוואַרטן ביז דאָס קינד וועט אַליין קומען. ער האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז ער וועט אַליין קומען און מען זאָל אים מער ניט רופן. אין עטלעכע שעה אַרום איז ער געקומען און געוואַרט ביז מיין פרוי איז אָנטבונדן געוואָרן. די וואַרטס־פרוי, וואָס מיין פרוי האָט באַשטעלט, האָב איך געבראַכט אַזוי שנעל ווי מיין פרוי האָט געקראָגן אירע ערשטע ווייען, האָט זי שוין געהאַט צוגעגרייט אַלץ, אי פאַרן דאָקטאָר און אי פאַר דער געווינערין.

דעם ברית האָבן מיר געמאַכט צו די אַכט טעג, און מיין זון אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין פרוי'ס אַן עלטער-זיידן, יוסף. נאָכן ברית האָב איך געזען, אַז מיין פרוי איז נאָך צו שוואַך אַראָפּצוגיין פון בעט. האָב איך אָנגעשטעלט אַ פרוי זי זאָל איר אַרויסהעלפן מיטן קינד פאַר דריי וואָכן צייט.

ווען עס איז אַריבערגעגאַנגען פיר וואָכן צייט נאָך דעם געבורט פון מיין זון, האָבן מיר געפּראַוועט דעם פּדיון־הבן. די סעודה האָט שוין מיין פרוי אַליין צוגעגרייט מיט מיין הילף. אַ שפּאַס האָבן מיר געהאַט מיטן כהן איידער ער האָט אונז צוריקגעגעבן דאָס „אויסלייז־געלט", וואָס איך האָב אים געגעבן. אַזאַ טראַדיציע באַ אידן: ווען עס ווערט געבוירן דאָס עלטסטע קינד, אַ אינגל, מוז מען אים „אָוועקגעבן" דעם כהן, און ווען דער טאַטע פון דעם „בכור" וויל אים „אויסלייזן" פון כהן, מוז ער באַצאָלן ניט ווייניגער ווי פינף שקלים אין זילבערנע מטבעות. געוואוסט האָב איך, אַז מיין לאַנדסמאַן מר. א. זאַלצשטיין, דער כהן, וועט דאָס געלט ניט צונעמען פאַר זיך. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ווען דער עולם איז פאַרטיג געוואָרן מיט דער סעודה און ער מיט די ברכות זיינע, איז איידער ער האָט פאַרלאָזט אונזער הויז איז ער צוגעגאַנגען צו דער מוטער און איר צוריקגעגעבן דאָס קינד וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, אין שניי-ווייסע קליידער אָנגעטאָן מיטן ביסל צירונג וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. ער האָט איר אויך דערלאַנגט די פינף זילבערנע דאָלאַר וואָס ער האָט פון מיר געקראָגן, אַז זי זאָל קויפן קליידער פאַר דאָס קינד. נאָך אַזעלכע מענטשן ווי אָט־דער לאַנדס־

מאן פלעגן אריינקומען צו מיר אין הויז אזוי שנעל ווי איך האב געהייראט, סיי גאליציאנער און סיי רוסישע. ערלעך צו זייערע אידעאלן זיינען זיי כמעט אלע געווען. איינינגע פון זיי טרייד-יוניאניסטן, סאציאליסטן און אנדערע גאר אנארכיסטן. מיר האבן אפגעוואוינט א לענגערע צייט אין 33 האמבאלד גאס און זיך אריבערגעצויגן אין 79 קוק גאס, ברוקלין, אויפן ערשטן עטאזש, 3 צימערן אין א הינטער-הויז. אין דער וואוינונג האבן מיר שוין געהאט דאס וואסער אין הויז און די לאוואטאריע אין הויף. אפ-געוואוינט עטלעכע מאנאטן אין דער נייער דירה, האט מיין פרוי געבוירן א צווייטן זון. דאס איז געווען יאנואר דעם 23טן, 1896 (אכט טעג אין שבט). דאס צווייטע קינד האט מיין פרוי שוין געבוירן לייכטער, אן א דאקטאר. ווען מיין פרוי האט גענומען גיין צו קינד, בין איך באלד אוועק ברייינגען דעם דאקטאר. די ווארטס-פרוי האב איך געבראכט ווען דער דאקטאר איז געקומען, ווייל זי האט געוואוינט מיט אונז אין שכנות. מיין פרוי'ס א לאנדסמאן, אייק קאצמאן, איז יענעם אווגט געווען צו גאסט בא אונז אין הויז. האב איך אים געבעטן צו פארבלייבן ביז איך וועל קומען מיטן דאקטאר. אזוי שנעל ווי איך בין אוועק, האט מיין פרוי געקראגן שטארקע ווייטאגן און געהאט דאס קינד, און דער לאנדסמאן אירער האט דאס קינד בא איר אפגענומען. ווען מיר זיינען אריינ-געקומען אין הויז, גיט דער מיסטער קאצמאן א זאג צום דאקטאר: דאקטאר, דאס קינד איז שוין אין בעט. ווען דער דאקטאר האט דאס דערהערט, האט ער פון זיך אראפגעווארפן זיין ראק און הוט און גלייך געבראכט אלץ אין ארדענונג, אי די קימפעטארן, אי דאס קינד. ווען דער דאקטאר איז פארטיג געווארן מיט זיין ארבעט, האט ער אנגעזאגט דער ווארטס-פרוי, וואס זי דארף טאן און איז אוועק. אויף מארגן איז ער געקומען און געטראפן די קימפעטארין מיטן קינד אין בעסטן געזונט צושטאנד. צו די אכט טעג האבן מיר געלאזט מל זיין דאס קינד און אים א נאמען געגעבן נאך מיין פרוי'ס א פעטער, שאכנע. די ווארטס-פרוי האט מיין פרוי אוועק-געשיקט און דאס קינד אליין באזארגט.

איך ווער א פעדלער

אונטער דער צייט וואס מיין פרוי איז אנטבונדן געווארן מיטן צווייטן קינד, בין איך געווען אויסער-ארבעט. צוליב דער טרויעריגער ארבעטלאזיגקייט וואס איז דאמאלסט געווען איבעראל

אין די שניידער־שעפּער. ארומגיין ליידיג און וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען מער אַרבעט האָב איך זיך ניט געקאָנט דערלויבן — שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדער — האָב איך זיך גענומען צום פּעדלען מיט הויז־זאַכן.

איידער איך בין אַרויס פּעדלען, האָב איך זיך פאַרזאָרגט מיט „לייסענס". (אַ דערלויבעניש פון דער שטאַט) דאַן בין איך אַוועק איינקויפן אַ ביסל סחורה איך זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען. געמיינט האָב איך אַז ברוקלינער „לייסענס" זיינען גוט פאַר ברוקלין, קוני־איילאַנד און דזשאַמייקע. איך קום צופאָרן אין דזשאַמייקע און גיי נאָר אַראָפּ פון דעם טראַמוויי, קומט צו מיר צו אַ הויכער בלאָנדער גראָבער פּאָליסמאַן, אַן אירלענדער, מיט אַ פעטן קאַרק, (זיינע הענט האָבן אויסגעקוקט אַז דעם טעם פון אַרבעט האָבן זיי קיינמאָל נאָך ניט פאַרזוכט) און ער פרעגט מיך צי איך האָב אַ „לייסענס" צום פּעדלען אין דזשאַמייקע. איבערגעלייענט מיינע „לייסענס", דערציילט ער מיר, אַז אויף די „לייסענס" קאָן איך נישט פּעדלען אין דזשאַמייקע. זאָג איך אים, אויב אַזוי, פאָר איך צוריק אין ברוקלין. זאָגט ער מיר: דו דאַרפסט שוין גאָרניט פאָרן צוריק! נעמט מיך אָן באַ דער האַנט און זאָגט: אָדער דו נעמסט אַרויס אַ „לייסענס" אָדער איך שפּאַר דיך איין אויף אַ טאָג אין דער „חד-גדיא". זאָג איך אים, אַז כ'וואָלט ליבערשט אַרויסגענומען „לייסענס", נאָר איך האָב פּשוט קיין געלט נישט. גיט ער מיר אַן עצה ווי אַזוי איך וועל קאָנען אַרויסקריגן די „לייסענס". איך וועל מיט דיר צוגיין צו מילער'ן און דו וועסט אים געבן וואָרע פאַר אַ דאָלאַר, וועסטו קאָנען אַרויסנעמען אַ „לייסענס". האָב איך זיך באַרעכנט, אַז עס איז שוין פּראַקטישער אַזוי צו טאָן איידער צו זיצן אַ טאָג אין פּריזן. בין איך מיט אים אַוועק צו מילערן.

מילער איז געווען דער איין און איינציגער קרעמער דאַמאָלסט אין דזשאַמייקע. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט ער נאָר געגעבן אַ קוק אויף אונז און ער האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. (אַוודע שוין נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס די פּאָליציאַנטן כאַפּן אַזאַ „פאַרברעכער" צווישן אַזעלכע גרויסע געשעפטלייט ווי איך...).

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין פּאָלים צירקל, האָב איך באַמערקט די פריילעכקייט אויף דעם פּאָליסמאַנ'ס פויערשן פּנים. ער האָט אַ פינטל געטאָן מיט זיינע קעצישע אויגן צום קלוירק, ווי איינער זאָגט: „געכאַפּט אַ פּלאַטקע", ווייל פאַר קיין העכט האָט

ער מיך נישט געקאַנט אָננעמען. אַרויסגענומען די „לייסנס" און בין אַרויס פּעדלען. קיין פּיל סחורה צום פאַרקויפן איז מיר שוין נישט פאַרבליבן, האָב איך זיך פּרי באַפרייט פון דעם האַנדל.

דאָס שטעטל דזשאַמייקע איז געווען אַ גוטער געגנט צום פּעדלען, ווייל קיין סך פּעדלער זיינען אַהין ניט געקומען. איך האָב אָפּגעפּעדלט אַ שטיקל צייט ביז עס האָט זיך גענומען ווייזן מער אַרבעט אין די שניידער־שעפּער. האָב איך אויפגעגעבן דאָס פּעדלען און בין צוריקגעגאַנגען צו שניידעריי.

איך ווער אַ ראַדיקאַל

ווי שוין דערמאָנט, זיינען צו אונז אין הויז אַריינגעקומען מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און אידייעס. האָבן זיי אונז פאַראינטערעסירט אין זייערע אנשויאונגען איבער דעם סאָציאַלן לעבן, ווי אויך אין די ראַדיקאַלע שריפטן. נאַטירלעך, האָבן די סאָציאַליסטן געוואָלט אַז מיר זאָלן לייענען די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, און די אַנאַרכיסטן — די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. האָבן מיר זיך צוגעהערט צו זיי אַלעמען און געלייענט ביידע, ווייל מיר זיינען געווען נייגעריג זיך צו באַקאַנען מיט ביידע ריכטונגען, און ניט קאָנצענטרירן אונזער דענקונגס קראַפט אויף איין ריכטונג.

איך וועל דאָ איבערגעבן די נעמען פון די שריפטן, וואָס אונזערע קאַמעראַדן האָבן אונז רעקאָמענדירט צו לייענען: „די טרייד יוניאָן צייטונג", אַ וועכנטלעכע צייטונג, רעדאַקטירט פון יאָזעף באַראַנדעס. די טענדענץ פון אָט־דער צייטונג איז געווען צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם טרייד יוניאַניזם. די אַרבעטער באַוועגונג באַשטייט פון צוויי פליגלען: דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער. דער ערשטער שטרעבט אויסצוקעמפן פאַר אַרבעטער זייערע פּאָלי־טישע רעכט, און דער צווייטער — די פּראָפעסיאָנעלע אָדער גע־ווערקשאַפטן — פאַראייניגען פון אַ געוויסער אינדוסטריע אָדער פאַך — זוכט, דורך פאַראייניגטער אַקציע, סטרייקס און קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די אַרבעט־געבער ,צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטער'ס עקאָנאָמישע לאַגע: פאַרגרעסערן די שכירות, פאַרקירצן די אַרבעט שטונדן, איינפירן סאַניטאַרישע באַדינגונגען אין די פאַבריקן און „שעפּער", א. אַז. וו. באַראַנדעס איז אויך געווען אַ באַרימטער רעדנער און מיט זיין אָראַטאָרישער קראַפט האָט ער באַגייסטערט די אַרבעטער־מאַסן. ער איז געווען פאַרעכנט אַלס איינער פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן.

די סאָציאַליסטישע גענאָסן אונזערע האָבן געלייענט דעם אוונט בלאַט, „די אַרבעטער צייטונג“, און דעם חודש-זשורנאַל די „צוקונפט“. דער רעדאַקטאָר פוןביידע צייטונגען איז דעמאָלסט געווען פיליפּ קראַנץ, אַ וויסנשאַפט מאַן, דער פּאַרפאַסער פון דער קולטור-געשיכטע, אין אידיש. ער איז אויך געווען אַן אויסגעשטו-דירטער בעמיקער. ביידע צייטונגען האָבן געהאַט אַ סאָציאַלדע-מאָקראַטישע טענדענץ, אַגיטירט פאַר דעם אַרבעטער קלאַס דעם פּאָליטישן קאַמף, און אויך מיטגעהאָלפן די אַרבעטער אין זייער עקאָנאָמישן קאַמף אין סטרייקס, באָיקאָטן א. ד. גל.

די „צוקונפט“ איז פריער אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַק-ציע פון דר. אַב. קאַספּע. דער זשורנאַל איז אויך געווען אַ סאָציאַ-דעמאָקראַטישער, אָבער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דעם טעאָרעטישן סאָציאַליזם ווי: די לערע פון דעם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם, ד. ה., די פילאָסאָפיע און באַגרינדונג פון דעם רעוואָ-לוציאָנערן סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס א. ד. גל. אין „צוקונפט“ זיינען אויך געווען געדרוקט וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אויף אַנדערע געביטן, ווי: אַסטראָנאָמיע, ביאָלאָגיע און איבערזעצונגען פון וועלט-באַרימטע שרייבער, ווי טשאַרלס דאַרווינ׳ס אַנטשטיי-אונג פון דער מענטשהייט, א. ד. גל. אויך דערציילונגען פון לעאָן קאָברין, דער פּאַרפאַסער פון „יענקל בוילע“, און אַנדערע דראַמעס און ראָמאַנען. בנימין פייגענבוים און ל. רויזענצוויייג האָבן גע-שריבן אין דעם זשורנאַל איבער דער אַנטשטייאונג פון די רעליגיעס און זייער אומזין. ביידע זיינען געווען גרויסע תלמודיסטן. דער רעדאַקטאָר אַליין האָט פיל געשריבן איבער אַסטראָנאָמיע און פלעגט זיינע באַהויפּטונגען אילוסטרירן מיט בילדער איבער פאַרשיידענע געגנשטאַנדן אין דער נאַטור.

מיר זיינען אויך געגאַנגען מיט די גענאָסן צו סאָציאַליסטישע לעקציעס. עס איז פאַר מיר צו שווער איבערצוגעבן אַלע לעקציעס וואָס מיר האָבן באַזוכט, אָבער איינינגע פון זיי וועל איך זיך סטאַרען איבערצוגעבן. מיר האָבן זיך איינגעהערט צו מ. זאַמעט-קינ׳ס לערע, ווי דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך אין איינצלנע הענט — דאָס איז געווען די טעמע. גענאָסע זאַמעטקין איז געווען אַ סאָציאַליסטישער פאַרשער, ד. ה., אַ וויסנשאַפטלער, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פראַגן מכח דעם געבוי פון דער מענטש-לעכער געזעלשאַפט, די געזעצן פון איר עוואָלוציע (אַנטוויקלונג), פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע, א. אַז. וו.

מ. זאמעטקין איז אויך געווען רעדאקטאר פון דעם אידישן מעגלעכן סאציאליסטישן „פארווערטס“.

איינע פון מיינע ליכטיגסטע דערמאנונגען איז דער טאג ווען מיר זיינען געגאנגען הערן א לעקציע פון דעם בארימטן דראמאטורג און שריפטשטעלער יעקב גארדין. י. גארדין איז געווען א פראמינענטער קולטור-טוער אויך אין רוסלאנד, וואו ער האט געגרינדעט א געזעלשאפט מיטן נאמען ביבלייסקאיא בראטסטווא, (די ביבלישע ברודערשאפט). דא אין אמעריקע איז ער געווארן א אידישער דראמאטורג און איז פארבליבן אין דער געשיכטע אלס דער „פאטער פון דעם מאדערנעם אידישן טעאטער“. ווען גארדין האט דא אנגעהויבן שרייבן פיעסן פאר דעם אידישן טעאטער, האט ער זיי געשריבן מיט רוסישע בוכשטאבן, ווייל קיין אידיש האט ער דאמאלסט נאך ניט געקאנט שרייבן.

ער איז אויך געווען א טאלאנטפולער איבערזעצער פון וועלט-בארימטע דראמעס פון די גרעסטע דראמאטורגן, ווי: גראף לעוו טאלסטאי, דער וועלט-בארימטער פילאזאף, דענקער און שריפט-שטעלער, וועלכער האט געפריידיגט דעם פרינציפ פון „ניט קעגנ-שטעלן זיך געגן שלעכטס“, נאר קעמפן פאסיוו. האט י. גארדין איבערגעזעצט פון רוסיש טאלסטאי'ס בארימטן ראמאן (וואס איז שפעטער דראמאטיזירט געווארן — „וואסקרעסעניע“ — „תחית המתים“; די ווערק פון דעם דייטשן דראמאטורג שילער; איב-סענ'ס „נארא“, און פיל אנדערע.

גארדינ'ס אייגענע דראמאטישע ווערק האבן געמאכט א רע-וואלוציע אין דעם אידישן טעאטער פון יענער עפאכע און האבן געהאט א גרויסע דערציערישע און עסטעטישע ווירקונג אויף די אידישע מאסן. פון די מער פאפולערע גארדין-פיעסן, וואס ווערן נאך היינט-צו-טאג געשפילט פון צייט-צו-צייט מיט דערפאלג, וועל איך דערמאנען בלויז עטלעכע, נעמלעך: „גאט מענטש און טייוול“; „דער אידישער קעניג ליר“; „די אידישע מאמע“; „די יתומה“; „מירעלע אפרת“, און א צאל אנדערע. אחוץ דעם איז גארדין אויך געווען א גרויסער קינסטלער-בעלעטריסט. ווער עס האט ניט גע-לייענט זיינע פרעכטיגע דערציילונגען: „מיין באזוך בא דעם בעלזער רעב'ן“; „זעקס טעג און זעקס נעכט“, און אנדערע, האט פארלארן א גרויסן עונג-רוח. ער איז אויך געווען איינער פון די בעסטע אידישע פובליציסטן, זייענדיג אן אנגעזעענער מיטארבע-טער אין די אידישע און רוסישע צייטונגען. ער איז אויך געווען

איינער פון די בעסטע לעקטארס אין יענער צייט. ער פלעגט האלטן לעקציעס איבער דער וועלט-דראמע, איז עס געווען אן אוצר פון פערל און קונסט. איך וועל קיינמאל ניט פארגעסן א לעקציע זיינע אין וועלכער י. גארדין האט ציטירט א זאץ פון דער טראגעדיע „האמלעט" פון שעקספיר'ן „די וועלט איז א סצענע און די מענטשן זיינען די אקטיארן".

מיר פלעגן אויך גיין הערן דעם זיידן מאריס ווינטשעווסקי'ס לעקציעס איבער די אידישע קלאסיקער: מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פרץ און שלום עליכם. ער האט דערקלערט אז צו ריידן איבער אט־די דריי וועלט-בארימטע שריפטשטעלער דארף מען האלטן ניט איין לעקציע, ווייל איבער יעדן איינעם פון זיי דארף מען געבן צענדליגער לעקציעס. נאר ער וועט געבן א קורצן איבערבליק פון זייערע שריפטן און אנאליזירן איניגע זאכן וואס זיי האבן אנגע־שריבן: מענדעלע'ס „קליאטשע", פרצ'ס „באנטשע שווייג", און שלום עליכמ'ס „מנחם מענדל פון יעהופעץ".

מ. ווינטשעווסקי איז געווען א הויך געבילדעטער מענטש, געקאנט עטלעכע שפראכן פולקאם. געווען דער ערשטער וואס האט געשריבן איבערן סאציאליזם אין דער אידישער שפראך. מען האט אים גערופן דער „זיידע" פון דער אידישער סאציאליסטישער באַ־וועגונג. ער פלעגט זיך אונטערשרייבן מיט דעם פסעוודאנים אדער פען־נאמען, צעשלאגענע געדאנקען פון א משוגענעם „פילאזאף".

אזוי גרויס זיינען געווען מ. ווינטשעווסקי'ס פארדינסטן פאר דער ארבעטער רעוואלוציאנערער באוועגונג, אז מיט עטלעכע יאר פאר זיין טויט האט אים די סאוועטישע רעגירונג איינגעלאדן צו באזעצן זיך אין ראטנפארבאנד מיט אן אייביגער פענסיע. ער איז אויך געווען רעדאקטאר פון דער צוקונפט, פון „פארווערטס", פון „אמת", א סאציאלדעמאקראטישע וואכנבלאט, וואס איז ארויס־געגאנגען אין באסטאן.

מיר גייען צו א דעבאטע צווישן א סאציאל־דעמאקראט מיט אן אנארכיסט, דער סאציאליסט איז געווען לואי מילער, א אידי־שער זשורנאליסט און אדוואקאט, רעדאקטאר פון „פארווערטס", שפעטער ארויסגעבער פון דער טעגלעכער צייטונג די „ווארהייט", און מיטארבעטער פון דער אידישער צייטונג „טאג".

זיין אפאנענט איז געווען שייע יאנאווסקי, אן אנארכיסט, רעדאקטאר פון דער „פרייער ארבעטער שטימע", א אידישע וועכנט־לעכע צייטונג, ארויסגעגעבן פון דער אידישער אנארכיסטישער

Free Public Library, Newark, N. J.

פעדעראציע. ער האט איבערזעצט איייניגע בראשורן, און אויך אליין אנגעשריבן א בראשורע אונטער דעם נאמען: „וואס ווילן די אנארכיסטן?“

די טעמע פון דער דעבאטע איז געווען: וואס ווילן די סאציאליסטן, און וואס ווילן די אנארכיסטן? צוויי קעגנגעזעצטע שטאנדפונקטן, דער סאציאליסטישער און דער אנארכיסטישער. יאנאווסקי, דער אנארכיסט, האט גע'טענה'ט, אז דער בורזשואזער קלאס וועט קיינמאל ניט צולאזן, אז די סאציאליסטן זאלן פון זיי צונעמען די אינסטרומענטן פון פראדוקציע און די רעגירונג אן א רעוואלוציע. ער דאט דאס באוויזן מיט אביישפיל פון די סאציאליסטישע ארבעטער פירער, וואס זיינען שוין געווען אין דער רעגירונג, אויסדערוויילט פון דעם ארבעטער קלאס: אז אזוי שנעל ווי זיי זיינען נאר אריין אין דער רעגירונג, האבן זיי פארגעסן אן דעם ארבעטער, נאר געגאנגען אין שפאן מיט דעם קאפיטאליסטישן קלאס. ער האט אנגעוויזן אויף געוויסע פערזאנען, ווי דזשאן בוירנס אין ענגלאנד, מילעראן אין פראנקרייך, און נאך א צאל אנדערע. עס קומט ניט שווער אן די קאפיטאליסטן אפצוקויפן די אזוי־גערופענע ארבעטער פירער, און ווען עס געלינגט זיי ניט אונטער־צוקויפן וועלכן עס איז ארבעטער־פארטרעטער, פאראייניגן זיך די בורזשואזנע פאליטישע מאכערס מיט די אנדערע פארטייען און דערלאזן זיי ניט דערוויילט צו ווערן. אזוי איז די גאנצע פראפאגאנדע געווען ארויסגעווארפן — האט ש. יאנאווסקי ארגומענטירט, — און די סאציאליסטן האבן נאר פארלארן צייט און ענערגיע. אנשטאט דער צייט און דאס געלט וואס ווערט פארשווענדט אויף אומזיסטער פאליטישער טעטיגקייט, זאל עס בעסער אנגעווענדט ווערן פאר פראפאגאנדע צו מאכן די סאציאלע רעוואלוציע, שטירצן די קאפיטאליסטישע ארדנונג און אויף אירע חורבות אויפבויען אן אמת'ע פרייע געזעלשאפט, אן א צענטראלן שטאט, ווייל ווען אט־דעם צענטראלן שטאט וואס מיין אפאנענט שטעלט פאר, אז ער וועט זיך אליין אויפלייזן, וועט דער ארבעטער קלאס דארפן מאכן א צווייטע רעוואלוציע פון אים פטור צו ווערן. איז שוין גלייכער ווי מיר אנארכיסטן זאגן: אויב א רעוואלוציע מאכן, זאל מען באפרייען די מענטשהייט פון אירגענד וועלכן שטאט; אזוי שנעל ווי איינער איז נישט צופרידן מיט די עקזיסטירנדיגע געזעצן, ווערט ער באזייטיגט פון דער רעגירונג אדער מען ווארפט אים אריין אין תפיסה. דאס פאסירט אפילו אין די „דעמאקרא־

טישע" לענדער מיט זייערע „פרייע" קאָנסטיטוציעס. מעג דער איינצלנער זיין ווי גערעכט און טאָלעראַנט, הערט מען זיך צו אים נישט צו. אזוי ווערן פארלוירן די בעסטע און אינטעליגענטסטע מענטשן אין דער געזעלשאַפט. און אזוי וועט דאָס אויך זיין אונטער א סאָציאַליסטישן שטאַט. דער אינדיווידועלער מענטש, דער יחיד וועט זיין פארשקלאַפט פונקט אזוי ווי ער איז עס היינט אונטער א קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. ווען די מענטשן גיבן איבער די מאַכט צו דעם שטאַט, וועט ער עס שטענדיג אויסאיבן געגן די מאַסן, ווייל א רעגירונג אָן מאַכט איז קיין רעגירונג ניט, האָט יאַנאָווסקי געזאָגט.

ריידנדיג פאַר דעם סאָציאַליזם, האָט לואי מילער דערקלערט די גרונט פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער פילאָסאָפיע און לערע. די וויכטיגסטע פונקטן פון וועלכע איך וועל דאָ איבערגעבן בקיצור:

אין פארלויף פון מער ווי א יאָרהונדערט, זינט דער קאַפּיטאַליזם איז געקומען אויף דער וועלט, האָט ער געבראַכט קריזיסן, ארבעטלאָזיגקייט, פּראָסטיטוציע און פיל אַנדערע איבלען און אומגליקן אויף דער מענטשהייט, פון וועלכע דער ארבעטער קלאַס ליידט אממערסטן.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיט־ און קאָנקורענץ־סיסטעם באַשטייט פון גאַלע ווידערשפּרוכן, ווערענד די פּראָדוקציע, דאָס שאַפן פון סחורות, ווערט אָנגעפירט אויף א גרויסן ס אָ צ י אַ ל ן מאַסשטאַב, איז דער פּ אַ ר ט י י ל פון די סחורות און די אייגנטום און קאָנטראָל איבער די פאַבריקן און אינסטרומענטן פון פּראָדוקציע (מאַשינען, געצייג, א. ד. גל.) אין די הענט פון איינצלנע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, וועלכע זוכן איין זאַך — פּראָפיטן פאַר זיך.

אין זייער משוגענעם געיעג נאָך פּראָפיטן, פארלעצן די קאַפּיטאַליסטן איינעם פון די גרונטגעזעצן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע — „נאָכפראַגע און אָנבאָט", (פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסנשאַפט, וואָס פאַרשט די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט פון די פעלקער, די באַדינגונגען פון פּראָדוקציע, און פּאַרטייל פון רייכטימער), דאָס הייסט, אַז די בורזשואזע אינדוסטריאַליסטן אָדער אונטערנעמער, פּראָדוצירן סחורות אָן א סיסטעם און אָן א טאַלק, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, וויפיל

די באַפעלקערונג פון אַ געגעבענעם לאַנד נויטיגט זיך אין דעם, אבי צו מאַכן וואָס מער פּראָפּיטן פאַר זיך.

דאָס ווערט געטאָן דורך פאָלגנדיגע צוויי מיטלען: 1) שאַפן וואָס מער סחורות; 2. אַרונטערדריקן דעם אַרבעטער׳ס לוין ביז גאָר, צאָלנדיג זיי בלויז אַזויפיל ווי ס׳איז נויטווענדיג אויפצוהאַלטן זיי באַם לעבן אַלס „קאַנאָנען פלייש" זיי זאָלן קאָנען שאַפן וואָס מער רייכטום פאַר די קאַפּיטאַליסטן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אונטער אַזאַ אומוויסנשאַפטלעכער, אומעקאָנאָמישער, ניט־געפּלאַנטער סיסטעם, מוז קומען אַ צייט פון „איבער־פּראָדוקציע", ד. ה. עס זאַמלען זיך אָן זאַפּאַסן סחורות, וואָס די באַפעלקערונג איז ניט אימשטאַנד צו פאַרברויכן. שטעלן דאָן די קאַפּיטאַליסטן אָפּ די פּראָדוקציע, פאַרמאַכן די פאַבריקן און „שעפּער", און וואַרפן אַרויס די אַרבעטער, איבערלאָזנדיג זיי אויף הפקר אָן מיטלען צום לעבן.

כדי פטור צו ווערן פון די אויסנפאַרבליבענע זאַפּאַסן סחורות, זוכן די קאַפּיטאַליסטן מערק אין אַנדערע לענדער, וואו אויסצוברייגנען זייער איבער־פּראָדוקציע.

און אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטן פון די „אַנדערע לענדער" טוען דאָס נעמלעכעס, הויבן זיי אָן אַרומצושלאָגן זיך איבער די וועלט־מערק ווי הינט איבער אַ פעטן ביין... אָט אַזוי אנטשטייען אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע אינטריגעס און קאָנפליקטן, וואָס ענדיגן זיך מיט מלחמות, און ווידער אַמאָל זיינען ניט די קאַפּיטאַליסטן, נאָר די אַרבעטער די קרבנות. מיליאָנען פון זיי ווערן דער׳הרג׳עט און פאַרקריפּלט, און מיט זייער אומשולדיג בלוט באַוואַסערן זיי די גאָלדענע פעלדער פון זייערע שונאים, די קאַפּיטאַליסטן. אַלס אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון אַזאַ משוגענער פירונג, קומען יעדע 20, 15 אָדער 10 יאָר, עקאָנאָמישע קריזיסן אויף דער וועלט פון וועלכע די אַרבעטער ווערן ווידעראַמאָל געמאַכט פאַר אַ „שעיר לעזזאל". לערנט אונז, אַלזאָ, דער וויסנשאַפטלעכער, רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם — דער „פאָטער" און באַגרינדער פון וועלכן עס איז געווען דער גרויסער געלערנטער, סאָציאָלאָג, דענקער און קעמפער, קאַרל מאַרקס, אַ אידיש־דייטשישער סאָציאַליסט — אַז די אַרבעטער פון דער וועלט דאַרפן זיך אָרגאַניזירן און קעמפן געגן די „מעשים תעתועים" פון דעם קאַפּיטאַליזם אויף צוויי פראָנטן: דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן.

דער עקאָנאָמישער קאַמף באַשטייט פון אַלגעמיינע סטרייקן,

באַיקאָטן, א. אז. וו., וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער פּראָפעסיאָ־נעלער באַוועגונג, אָדער פאַך-יוניאָנס פון די אַרבעטער.

אָבער דער עקאָנאָמישער קאַמף אַליין קאָן קיין ממשות ניט האָבן כל-זמן די קאַפּיטאַליסטן באַזיצן די פּאָליטישע מאַכט און קאָנטראָלירן די בורזשואַזע רעגירונג, וואָס איז ניט מער ווי דער „עקזעקוטיווער קאָמיטעט" פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. איז דעריבער נויטווענדיג פאַר דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אויך אָנצופירן אַן ענערגישן קאַמף אויפן פּאָליטישן פראָנט, כדי איבער־צונעמען די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן. און אַזוי ווי דער אַרבע־טער קלאַס האָט דאָך די איבערוועגנדיגע מאַיאָריטעט געגן דער הייפעלע קאַפּיטאַליסטן, איז ווען די אַרבעטער זאָלן זיין קלאַסן-באַוואוסטזיניג, קאָנען זיי עס דערגרייכן, אָבער אַזוי ווי דער פּראָ־צעס פון עוואָלוציע פון דאָס קלאַסן-באַוואוסט ווערן פון דעם פּראָלעטאַריאַט קומט פאַר צו לאַנגזאַם, פאַר דער גאַנצער וועלט, טוען עס, און דאַרפן טאָן, די אַרבעטער פון איינצלנע לענדער דורך אַ רעוואָלוציע, ד. ה., פאַרכאַפּן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן ווען עס קומט אַ פּאַסיגע געלעגנהייט דערצו, ווען דער הערשנדיגער קלאַס איז אָפּגעשוואַכט, אַרויסטרייבן די בורזשואַזע רעגירונג, עקספּראָפּריאירן די קאַפּיטאַליסטן, ד. ה. אַוועקנעמען פון זיי די רייכטימער און גיטער פון פאָלק וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט; איינ־פירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, און ווען אַלץ ווערט ריכטיג איינ-געשטעלט, גיט דער פּראָלעטאַריאַט פרייוויליג אויף זיין איבער-הערשאַפט און עס ווערט עטאַבלירט אַ קלאַסלאָזע געזעלשאַפט מיט פולקאָמער פרייהייט און גליק פאַר אַלע אַרבעטנדיגע מענטשן".

די אַנאַרכיסטישע קאַמעראַדן אונזערע האָבן אונז געראָטן צו לייענען די „פרייע אַרבעטער שטימע", די צייטונג וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט אַנטקעגן זייערע באַלעבאַטים, און האָט זיי גע־האָלפן דורך אויפקלערן אין אָט-די קאַמפן זייערע און באַלויכטן די אַנאַרכיסטישע טעאָריע. אויך האָבן זיי אונז אָנגעוויזן צו לייענען דעם „אַרבעטער פריינט", אויך אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין לאָנדאָן אין אידיש, אונטער רודאָלף ראָקער'ס רעדאַקציע, און האָט אויך אָנגעפירט די זעלביקע פּראָ-פּאַגאַנדע ווי די „פרייע אַרבעטער שטימע" אין אַמעריקע. רודאָלף ראָקער, אַ הויך־געבילדעטער שרייבער און לעקטאָר, איז אַ קריסט, אָבער אַריינוואַרפנדיג זיך מיט לייב און לעבן אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ פּראַכטפולן

אידיש שרייבן און האָט אויך געשריבן אין אנדערע וועלטלעכע שפּראַכן; האָט אָנגעשריבן אייגענע אָריגינעלע ווערק: „פראַנ־ציסקא פערער“, יאהאן מאסט“, „הינטער שטעכיגע גראַמעס“, „זעקס כאַראַקטערן פון דער וועלט ליטעראַטור“, „נאַציאָנאַליזם און קולטור“, „ראַציאָנאַליזאַציע פון ארבעט“, א. אז. וו. האָט איבער־זעצט קראָפּאָטקין, רעקליו און פיל אַנדערע.

זיי האָבן אונז אויך געראַטן צו לייענען די „פרייע געזעל־שאַפט“, אַרויסגעגעבן פון דער „פרייע געזעלשאַפט פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן“, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. א. מעריסאָן און מ. לעאַנטיעף־מאַיסיעף, ביידע אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער און שריפטשטעלער. דער זשורנאַל איז געווען א וויסנשאַפטלעכער מאָנאַט־שריפט, וואָס האָט אויפגעקלערט דעם לייענער איבער פאַרשיידענע פראַגן אין דער געזעלשאַפט, סיי פּאָליטישע, סיי עקאָנאָמישע און סיי רעליגיעזע.

דר. י. א. מעריסאָן האָט פאַרפאַסט א בראָשורע „אַנאַרכיזם און פּאָליטישע מעטיגקייט“, איבערזעצט קראָפּאָטקינ׳ס „געגנ־זייטיגע הילף“, „פעלדער, פאַבריקן און שעפער“, אַנאַרכיסטישע מאָראַל“, שטירנער׳ס „דער איינצלנער און זיין אייגנטום“. דאַר־ווינ׳ס „די אָפּשטאַמונג פון מענטשן“, די דערציאונג פון הערבערט ספּענסער, קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל“ אין אידיש, און נאָך אַנדערע ווערק.

דער צווייטער רעדאַקטאָר מ. מאַיסייעף, א געלערנטער מענטש, איינער פון די באַרימטסטע אינזשינערן אין אַמעריקע, האָט גע־שריבן אין דעם זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן“, און איבערזעצט דעם „פאָלקס־פיינט“ פון הענריק איבסען. די מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל זיינען געווען דר. ה. זאָלאָטאַראָף, א געלערנטער זשורנאַליסט און אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, דער גוט באַקאַנטער שרייבער און פילאָלאָג, איבערזע־צער און פאַרפאַסער פון פיל וויכטיגע ווערק, ווי דער אידיש־העברעאיש- און ענגלישער ווערטער־בוך, און רעדאַקטאָר פון „נייעם גייסט“, א מאָנאַטלעכער זשורנאַל אין אידיש.

דער זשורנאַל „פרייע געזעלשאַפט“ האָט געמאַכט א רושם אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט מיט זיינע איבערזעצונגען פון די גרעסטע שרייבער, דענקער און פילאָזאָפן פון גאָר דער וועלט. ער האָט דעם לייענער אויפגעהויבן אויף א הויכער מדרגה אויף דעם ליטעראַרישן געביט. אָט דעם ליטעראַרישן באַגאַזש, וואָס

איך האָב פאַר אייך אויסגערעכנט, האָבן זיי אונז פאַראינטערע־סירט צו לייענען.

גייענדיג צו די סאָציאַליסטישע לעקציעס און דעבאַטעס און צו די אַנאַרכיסטישע, האָבן מיר זיך שוין געפונען אין אַן אַנדער אַטמאָספערע. זייענדיג אין אַט-דער סביבה פאַר אַ לענגערער צייט, האָבן מיר געביטן אונזערע פריערדיגע אַנשויאונגען איבער דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַלע באַציאונגען, ווייל מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן זען ווי פאַרבלענדט מיר זיינען געווען אונטער אונזערע עלטערנס דערציאונג — אויב מען קען דאָס איבערהויפּט אָנרופן דערציאונג. אַט אַזוי זיינען מיר געוואָרן אַ טייל פון דעם ראַדיקאַלן עלעמענט אויף דער אידישער גאַס.

ווען אונזערע ראַדיקאַלע פריינט האָבן געזען אַז מיר זיינען שוין אויך געוואָרן ראַדיקאַל־געזאָנענע מענטשן, זיינען זיי געווען העכסט צופרידן. ווייל אַ חוץ דעם, וואָס מיר האָבן זיך דערנענ־טערט צו זיי אידעאָלאָגיש, זיינען מיר אויך געווען גאַסטפריינט־לעכע געזעלשאַפטלעכע מענטשן, און מיר האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט פיל רעספעקט. אַזוי אַרום האָבן זיי געמאַכט אונזער הויז פאַר אַ גייסטיגן צענטער, וואו זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען און פאַרברענגען זייער צייט, דיסקוטירנדיג פאַרשיידענע צייט-פראַגן, וועגן שריפטשטעלער און קלאַסיקער, א. אז. וו. זיי האָבן זייערע דעבאַטעס געפירט אין דער ענגלישער, רוסישער, העברייאישער און אידישער שפּראַך.

אייניגע פון די אינטעלעקטואַלן פלעגן פאַרלייענען פון די אידישע קלאַסיקער: מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ און שלום עליכם. אַנדערע האָבן דעקלאַמירט לידער פון אידישע שרייבער און פּאָעטן, ווי דוד עדלשטאַט, י. באָוושאָווער, מאָרים ווינטשעווסקי, מאָרים ראָזנפעלד, אברהם רייזען, א. אז. וו.

איך בין אַריינגעגאַנגען אַלס מיטגליד אין אַרבעטער רינג, אין דעם סאָציאַליסטישן פייער־פאַרזיכערונג פאַראיין און בין געוואָרן אַ טעטיגער מיטגליד אין דער ברוקלינער שניידער יוניאָן, וואו איך האָב פאַרטראָטן אייניגע אַמטן, ווי אַ דעלעגאַט אין דער עקזעקו־טיווע אַלס ערשטער טראַסטי", און פאָרזיצער צו ברענטש (לאָ־קאַל). די שניידער אַרבעטער האָבן מיר געשאָנקען גרויס צוטרוי, ווייל איך בין געווען לאָיאַל צו דער יוניאָן.

זייענדיג אַ יוניאָן-מאַן, האָב איך געגלויבט אין סטרייקס און אין באָיקאָטס אַלס אַ הילף פאַר דעם אַרבעטער קלאַס, און איך

בין געווען איבערגעגעבן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער. אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו ליידן פיל מאָל הונגער און קעלט מיט מיין פאַמיליע פון דיסקרימינאַציעס פון די בורזשואַזנע באַלע־באַטים, נאָר דערפאַר, ווייל איך בין געווען אַן איבערגעגעבענער יוניאָן־מאַן. זיי האָבן זיך אַזוי איינגעגעסן אין מיין נשמה און האָבן מיך אַזוי פאַרפאָלגט, אַז קיין אַנדער וועג איז נישט געבליבן פאַר מיר צו דערנערן מיין פאַמיליע, ווי נאָר צו עפענען אַ „שאַפּ" פאַר־זיך און פטור ווערן פון די רדיפות וואָס איך בין אויסגעשטאַנען די גאַנצע צייט.

איך ווער אַ קאָנטראַקטאָר

אָנהויבנדיג אַרבעטן פאַר זיך, האָב איך נישט געביטן מיינע אַנשויאונגען איבער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן, וואָס איך האָב געהאַט אַלס אַרבעטער. עס איז אַ פאַקט מיט וועלכן איך שטאָלציר, אַז פאַר דער צייט וואָס איך האָב געאַרבעט פאַר זיך, האָב איך תמיד געהאַנדלט לויט די פּרינציפּן פון מיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן „אני מאמין" אין וועלכן איך האָב געגלויבט אַלס אַר־בעטער און ניט באַהאַלטן אַט־דעם פאַקט פון די אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין מיין שאַפּ. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז טראָץ דעם וואָס איך האָב באַהאַנדלט אַלע אַרבעטער אויף אַן אָרנטלעכן, קאַמעראַדישן אופן און זיי האָבן געהאַט די גרעסטע אַכטונג פאַר מיר דערפאַר, האָבן זיך דאָך געפונען צווישן זיי מאַנכע רעאַקציאָ־נערן, וואָס האָבן מיך פאַר׳מסר׳ט פאַר די פאַבריקאַנטן פאַר וועמען איך האָב געטאָן קאָנטראַקט-אַרבעט, און אייניגע פון זיי האָבן מיר מער קיין אַרבעט ניט געוואָלט געבן אַלס צו אַ „ראַדיקאַל און אַ סאָושעליסט". אָבער דאָס האָט מיך ניט געקימערט און איך בין געבליבן טריי מיין סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

מיין ערשטן שאַפּ וואָס איך האָב געדונגען פאַר 8 דאָלאַר אַ מאָנאַט איז געווען אין אַ הויף אין 31 מאַר־גאַס, ברוקלין, אויף דעם צווייטן שטאָק. איך האָב אַריינגעשטעלט דערווייל איין מאַשין אויף פוס-קראַפט וואָס איך האָב געדונגען פון מענדיל האָראָוויטץ, פאַר 2 דאָלאַר אַ חודש. ווען איך האָב שוין געהאַט אויסגעשטאַטעט מיין „שאַפּ" בין איך אַוועקגעגאַנגען צו מיינעם אַן אַרבעטער־רינג פריינט, אַ קאָנטראַקטאָר, מאיר גליקשטיין, און אים געבעטן ער זאָל מיר געבן צוויי רעק פאַר אַ סעמפּל, כדי צו קאָנען קריגן אַר־בעט. ער האָט מיר געגעבן 2 רעק, און איך בין אַוועקגעגאַנגען אין

בראָדוויי גאַס, ניו יאָרק, צו דייווידסאָן און פינקלבערענד און פאַר־לאַנגט פון זיי אַרבעט. האָט דייווידסאָן באַטראַכט די 2 רעק און זיי זיינען אים געווען געפעלן. פרעגט ער ביי מיר וואו איך האַלט מיין שאַפּ, האָב איך אים געגעבן מיין קאַרט. רופט ער זיך אָן צו מיר: איידער איך וועל אייך אַרויסשיקן אַרבעט, וויל איך האָבן אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ בראָדווייער ביזנעס-מאַן. בין איך אַוועק צו מיין שוואָגער'ס ברודער מאָריס יאַנאָפּסקי. (ער איז דאַן געווען אַ בראָדווייער ביזנעסמאַן פירנדיג זיין געשעפט אונטער דעם נאָ־מען „דיקסי באַרגען הויז"), אים דערציילט, אַז איך קאָן קריגן אַרבעט פון דייווידסאָן און פינקלבערענד, נאָר זיי פאַרלאַנגען פון מיר אַ „רעפערענס" פון אַ בראָדווייער ביזנעסמאַן. רופט ער זיך אָן צו מיר: גיי אַריבער צו זיי און זאָג זיי, אַז זיי זאָלן מיך אָפּ-רופן אויפן טעלעפאָן, וועל איך זיי געבן „רעפערענס" פאַר דיר.

איך בין אַוועק צו דייווידסאָן, האָט ער אָפּגערופן „דיקסי באַרגען הויז", און אָנגעפרעגט אויף מיין כאַראַקטער, האָט מיין פריינט אים געזאָגט, אַז מיסטער טענען איז „ערלעך ווי דער טאָג". ווען דייווידסאָן איז אַרויסגעקומען פון זיין אָפיס, האָב איך באַ-מערקט אין זיינע אויגן, אַז איך וועל קריגן אַרבעט פון אים. ער קומט און זאָגט מיר: איך וועל אייך אַרויסשיקן אַ קליינע „לאָטקע" אַרבעט און זעען ווי איר וועט מאַכן מיינע רעק, און אויב איך וועל זיין צופרידן, וועט איר קריגן מער אַרבעט. אויף מאָרגן האָב איך געקראָגן 35 רעק, און ער שרייבט מיר, אַז איך זאָל אויפמאַכן צוויי רעק איידער איך וועל מאַכן די אַנדערע און זיי צו אים ברענ־גען. איך האָב אויפגעמאַכט 2 רעק און זיי אים אָפּגעטראָגן. גיט ער די רעק צו זיין „עקזאַמינער" נאָכצוקוקן. זאָגט דער עקזאַמינער צו דייווידסאָנ'ען: „אויב דער שניידער וועט אייך מאַכן אַלע רעק ווי ער האָט געמאַכט אָט-די צוויי, מעגט איר אים געבן אַ סך אַרבעט". מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מיר מיסטער דייווידסאָן אַרויסגעשיקט 85 רעק, און געלאָזט מיר וויסן דורך דעם „עקס-פּרעסמאַן", אַז איך זאָל דעם „לאָט" גלייך נעמען אין דער אַרבעט, און אַז ער מאַכט פאַר מיר פאַרטיג נאָך „לאָט" פון 210 רעק, און ווען איך וועל דאַרפן נאָך אַרבעט, זאָל איך אים לאָזן וויסן אויפן טעלעפאָן, וועט ער מיר עס אַרויסשיקן. ווען איך האָב אים אַרויסגעשיקט די ערשטע 33 רעק, האָט ער מיר אַרויסגעשיקט די 210 רעק. אַז איך האָב דערזען, אַז איך קריג שוין אַרבעט אויף

ארבעט, האָב איך צוגעשטעלט נאָך אַ מאַשין און געאַרבעט מיט מער מענטשן.

נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צייט פאַר דייווידסאָן און פינקלבערענד, קומט צו מיר צוגיין אַ קליידער פאַבריקאַנט, הענרי גאָלדבערג, באַקוקט מיין אַרבעט און ער מאַכט מיר אַ פאָרשלאַג צו אַרבעטן פאַר אים, און ער וועט מיר בעסער באַצאָלן. האָב איך אים געזאָגט: אויב איר ווילט מיר שיקן אַרבעט, וועל איך נעמען אַ גרעסערן שאַפּ און אַרבעטן פאַר אייך ביידן. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

אַז עס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אַרבעט פון אַ צווייטן פאַבריקאַנט, איז דער שאַפּ ענג געוואָרן. האָב איך צוגענומען צו זיך אַ שותּף מאָרים לאַזאַרעס, און מיר האָבן גענומען אַ גרעסערן שאַפּ אין 103 קוק גאַס און אים איינגעאָרדנט מיט 4 ניי-מאַשינען און אַ פּרעס מאַשין. אויסערדעם, וואָס דער „שאַפּ" און מאַר גאַס איז געוואָרן צו קליין פאַר מיר, האָב איך דאָרטן געהאַט אַ שאָדן אויך. מען האָט בײַ מיר אַרויסגענומען 19 רעק אין אַ פּריטיק נאַכט, ווען מיין נאַכט-וועכטער איז אַוועקגעגאַנגען עסן. דער פאַבריקאַנט צו וועמען עס האָבן באַלאַנגט די רעק וואָס זיינען גע'גנב'עט געוואָרן, האָט שוין מורא געהאַט מיר נאָך אַרבעט צו שיקן, און איך האָב אים פאַרלאָרן. בין איך אַוועק ווידער אין בראָדוויי גאַס און געקראָגן אַן אַנדערן. עס איז מיר נאָר שווער געווען צו קריגן דעם ערשטן פאַבריקאַנט אָבער דעם צווייטן איז מיר שוין אָנגעקומען לייכטער צו קריגן.

איך בין אָפּגעשטאַנען אַ געוויסע צייט מיט מיין שותּף און מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ווייל איך האָב געזען, אַז ער איז ניט אַזאַ מאַן וואָס זאָל מיר קאָנען אַרויסהעלפן אין געשעפט. אויסער דעם, וואָס ער איז געזעסן בײַ דער מאַשין און געאַרבעט, און די גאַנצע לאַסט פון די ביזנעס איז געפאַלן אויף מיר, האָט ער נאָך געהאַט טענות צו מיר, אַז ער אַרבעט „שווערער פון מיר". האָב איך זיך מישב געווען: צו וואָס דאַרף איך האָבן אַ שותּף אַן אַפּרייטאָר, אַז צום געשעפט איז ער ניט פּייאיק, און ער זאָל נאָך האָבן טענות צו מיר? איך קאָן דאָך פירן דעם געשעפט אָן אים, און אַן אַפּרייטאָר וועל איך קריגן פאַר געלט, האָב איך אים אַרויסגעצאָלט זיין חלק פון דעם "שאַפּ" און בין פאַרבליבן אַליין בײַ דעם געשעפט.

אין דעם „שאַפּ" האָב איך אויך געהאַט אַ שאָדן, נאָר די

גנבה איז געווען א קלענערע, און פאסירט האט עס דאס מאל אויף אן אנדער אופן. דער ערשטער גנב האט זיך „נעבאך" געמוטשעט איידער ער האט דעם שלאס אויפגעריסן, ווייל דער שליסל איז געווען ביי דעם וועכטער, אבער דעם צווייטן גנב האב איך אליין געגעבן דעם שליסל. עס איז אריינגעקומען צו מיר אין „שאפ" א „פינישערין" פון רעק, אן איטאליענערקע, איך זאל איר געבן ארבעט צו מאכן בא זיך אין הויז. האב איך איר געגעבן איין ראק צו מאכן אין „שאפ", כדי איך זאל זען איר ארבעט. זי האט דעם ראק „אויסגעפינישט" זייער גוט. גיב איך איר 6 רעק אהיים צו־נעמען, און איך פארשרייב איר נאמען מיטן אדרעס. איך ווארט 2 טעג און איך זע ניט די „פינישערין" מיט די רעק. בין איך אריבערגעגאנגען צו איר אין הויז. האב איך אויסגעפונען, אזא אזא נאמען איז גאר ניטא. זי האט מיר געגעבן א פאלשן אדרעס. איך בין אוועק צו דעם פאבריקאנט פון די 6 רעק און האב אים דערציילט וואס עס האט פאסירט מיט זיינע רעק, און אים געבעטן ער זאל צושניידן אנדערע 6 רעק און איך וועל אים באצאלן פאר דער סחורה און פארן שניידן. רופט ער זיך אן צו מיר: טענען, איך האב מער נישט פון די ווארעס. איר וועט מיר באצאלן פאר די 6 אנצוגן און איך וועל אייך אוועקגעבן די הויזן מיט די וועסטן פון 6 סוטס. איך האב אים ניט געוואלט פארלירן, האב איך אים באצאלט פאר דעם שאדן וויפיל עס האט אנגעטראפן.

ווען איך האב אפגעארבעט א צייט פאר מיינע ניו־יארקער פאבריקאנטן, האבן זיי פארלאנגט, אז איך זאל אריבערציען מיין „שאפ" פון ברוקלין קיין ניו־יארק, דערקלערנדיג מיר, אז ווען איך וועל זיין אין ניו־יארק מיטן „שאפ" וועט פאר זיי זיין לייכ־טער ארויסצוקריגן א סעמפל אדער א ספעציעלן ראק, און אזוי וועל איך קריגן מער ארבעט פון זיי, און איך האב זיך געלאזט איבעררעדן.

מיין פרוי שטארבט

דעם „שאפ" האב איך אויסגעשטאטעט מיט 10 מאשינען, 6 צום נייען, 2 ספעציעלע מאשינען, און 2 פרעס־מאשינען. ווען איך האב געלאזט וויסן מיינע פאבריקאנטן, אז איך בין פארטיג מיט מיין „שאפ", האבן זיי מיר געשיקט ארבעט אויף ארבעט.

עס איז אזוי אוועקגעגאנגען א פּאָר יאָר מיט גוטע געשעפטן און האָפענונגען. האָט אָבער אַן אומגליק אַלץ צעשטערט. מיין פרוי איז קראַנק געוואָרן אויף אַ „טומאר" אויף דעם לעבער. איך האָב געטאָן אַלעס מעגלעכעס, געבראַכט גרויסע דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן איר נישט געקאָנט היילן. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז אויף דעם לעבער קאָנען זיי קיין אפּעראַציע ניט מאַכן, ווייל זי וועט נאָר אָפּגיין מיט בלוט. אויסהערנדיג די טרויעריגע בשורה, אַז מיין פרוי איז אומהיילבאַר, בין איך געבליבן ווי פון אַ דונער געטראָפן. דריי חדשים האָט זי זיך געמוטשעט, אויסגעצאַנקט אויף איר בעט און איז געשטאָרבן.

אין עלטער פון 42 יאָר, אָקטאָבער דעם 7טן, 1916, יום כפור, 10 דעם זייגער אין דער פרי. געוואוינט האָב איך דאַן אין 16 פּעיעט גאַס, ברוקלין. מיין פרוי'ס טויט האָט מיך זייער שטאַרק געטראָפן. עס איז דאַמאָלסט געווען דער שענסטער בלי־פּעריאָד פון אונזער לעבן. מיין גאַנצע אמביציע צו די „ביזנעס" איז ביי מיר אָפּגעהאַקט געוואָרן, און מיין גייסטיגער לעבן איז פאַר־לאָשן געוואָרן.

נאָך מיין פרוי'ס טויט האָב איך אויפגעגעבן די וואוינונג, אריינגעגעבן די מעבל אין לאַגער־הויז, און איך מיט די קינדער זיינען אוועק אויף לאָזשי צו מיין פרוי'ס שוועסטער. מיינע קינ־דער זיינען דאַן אַלט געווען — דער עלטערער 21 יאָר, און דער אינגערער 19 יאָר. אָבער עס איז אונז ניט געווען אַנגענעם צו זיין אויף קעסט ביי יענעם. פאַרלירנדיג אַזאַ ליבע, שיינע באַלע־באָסטע, מוטער און פרוי און אַ שטילע, ציכטיגע היים, קאָן שוין די בעסטע לאָזשי ניט זיין ליב. אין יעדן ווינקעלע האָט מיר גע־פעלט מיין טייערע פרוי, און מיינע קינדער — זייער צערטלעכע ליבנדיגע, געטרייע מוטער. עס איז לייכט פאַרצושטעלן זיך מיין שרעקלעכע טראַגעדיע. איך האָב אָפּגעלעבט מיט מיין פרוי 23 יאָר, געפירט אַן אַנשטענדיגן פאַמיליע־לעבן; מיר האָבן אויפ־געבראַכט צוויי וואוילע זין און זיי געגעבן אַ גוטע דערציאונג, דעם עלטערן זון געשיקט אין בעלוויו אוניווערסיטעט צו שטודירן פאַר דאָקטאָר מעדיצין, און דעם אינגערן זון האָבן מיר אויך געוואָלט לאָזן שטודירן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט. ער איז אָפּגעגאַנגען 2 יאָר אין הויך־שול און ווייטער האָט ער נישט געוואָלט גיין. איך האָב אים געשיקט אין אַ פאַרבאַרויטונג־שול זיך צו לערנען

אָפּיס־אַרבעט, איז ער אָפּגעגאַנגען אַ יאָר צייט און איז אַרויס מיט 95 פּראָצענט אויסצייכענונגען, און איז אַוועק אַרבעטן. מיט אַ פּאָר מאָנאַטן איידער מיין פרוי איז געשטאָרבן, האָבן מיר געהאַט אויסגעפּלאַנט, אַז ווען עס וועט אַוועקגיין נאָך צוויי יאָר צייט, און אונזער זון וועט ענדיגן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט וועט דאַן זיין 25 יאָר נאָך אונזער חתונה, וועלן מיר פּראַוועןן אַ טאָפּלטע שמחה: אונזער „זילבערנע" חתונה מיט אַ „גראַדואיישאָן פּאַר־טי" צוזאַמען. ליידער איז אונזער פּלאַן צעשטערט געוואָרן פון דעם גרויזאַמען טויט.

מען רעדט מיר אַ שידוך

נאָך אַ צייט פון 8 חדשים, קומט צו מיר דאָרע יאַנאָווסקי, מיין געוועזענע „אונטערפירערקע", מיט מאַדאַם וואָלף'ס אַ שוועס־טער פון טראָנטאָ, ניו דזשוירזי, צו ריידן מיר אַ שידוך, די כלה אַן אַלמנה און אַ עקרה, פון אַ יאָר 38, איז געגאַנגען חתונה האָבן צום דריטן מאָל: מיט איר ערשטן מאַן, בענדער, אַ מאַנטל־שניי־דער, האָט זי אָפּגעלעבט איין יאָר צייט און זיך מיט אים געט'גט, ווייל ער איז געווען אַ קליינער פאַרדינער, און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ גרויש פון איר שטעטל זעקלאַטשן, גאַליציע, איצט פּוילן, מיטן נאָמען קלמן ברוין, באַ דעם פאַך איז ער געווען אַ פּאַפּיר־־הענגער, אַ שנעלער אַרבעטער און אַ גוטער פאַרדינער. מיט איר צווייטן מאַן האָט זי אָפּגעלעבט אַ געוויסע צייט און ער איז געשטאָרבן, און איר איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן פון אַריבער 3 טויזנט דאָלער, אַביסל אין געלט און דאָס איבעריגע אין הייזער. זי אַליין האָט געהאַלטן אַ מילך־קראָם און צוגעהאָלפן איר מאַן שפּאָרן וואָס מער געלט.

ווען איך האָב אויסגעהערט די שדכנ'טעס, אַז די פרוי איז אַ קינדערלאָזע, בין איך געווען צופרידן זי צו נעמען, ווייל איך האָב זייער נישט ליב געהאַט דעם עסק מיט די געמישטע קינדער: „מיינע, דיינע און שותפות'דיגע". האָב איך איינגעשטימט צו דעם שידוך. איך האָב זיי געפרעגט ווי אַזוי מיר קאָנען זיך זעען איינע די אַנדערע. רופט זיך אָן די שוועסטער צו מיר, אַז זי וועט איר שרייבן אַ בריוו זי זאָל קומען נעקסטן זונטיק קיין ניו יאָרק, און אויב זי וועט קריגן אַנטוואָרט פון איר, אַז זי קומט, וועט זי מיר לאָזן וויסן איך זאָל אַרויפקומען צו איר אין הויז, און אַזוי וועלן מיר זיך קאָנען זעען.

ווען די צוויי פרויען זיינען אוועקגעגאנגען, קומט צו צו מיר דער „פאקעט-מאכער", רובי רובין, און פארפירט מיט מיר א געשפרעך. ער איז אויך אן אלמן, די ווייב האט אים איבער־געלאזט מיט 4 קליינע קינדער. פרעגט ער מיך, נאך וואס די צוויי פרויען זיינען געוועזן ביי מיר. האב איך אים געזאגט, אז וועגן א שידוך. ווען ער האט דערהערט, אז זיי זיינען געקומען מיר ריידן א שידוך מיט א קינדערלאזער פארמעגלעכער פרוי, איז דאס אים אריין אין די געדאנקען, און ער האט זיך געוואונטשן, אז אים זאל אויך טרעפן אזא גליק, ווייל אים איז שווער צו קריגן א פרוי וואס זאל אויפפאסן אויף זיינע 4 קליינע קינדער. האט ער, ווי איך האב זיך שפעטער דערוואוסט, גענומען זוכן מיטלען ווי אזוי צו קריגן אט־די פרוי פאר זיך.

די שוועסטער פון דער „כלה" האט אוועקגעשיקט א בריוו צו איר שוועסטער דער אלמנה און טרענטאן, אז זי זאל קומען קיין ניו יארק דעם נעקסטן זונטיק, אנזאגנדיג איר, אז זי האט פאר איר א גוטן שידוך מיט אן אלמן פון א יאר 45, מיט צוויי דערוואקסענע זין, און ער האט א „שאפ" פאר זיך אליין, פון מענער־רעק, און אז דארע יאנאווסקי קאן אים זייער גוט, ווייל זי איז געווען זיין „אונטערפירערקע" מיט זיין ערשטער פרוי, און זי האט זייער א גוטן מיינונג וועגן אים.

ווען די אלמנה האט דערהאלטן דעם בריוו מיט די גוטע נייעס, איז איר אפנים פריילעך געווארן אויפן הארצן, ווייל אזוי איז דאס שוין, ווען א פרוי פארלירט א גוטן מאן, ווערט איר הארץ צעבראכן און זי גייט ארום א פארטרויערטע. איז ווען זי האט געקראגן אזא בריוו פון איר שוועסטער וועגן א גוטן שידוך מיט א מאן, מיט א רעקאמענדאציע פון דארע יאנאווסקי, האט זי איר גלייך געשיקט אן ענטפער, אז זי קומט נעקסטן זונטיק קיין ניו יארק, און זי זאל מיר לאזן וויסן וועגן איר קומען, און אויך וואו און ווען ארויפצוקומען צו איר אין הויז. עס זיינען אוועק עטלעכע טעג, קומט צו מיר ארויף אין „שאפ" מיסטער וואלף און זאגט מיר, אז זיין פרוי האט געקראגן אן ענטפער פון זיין שווע־גערן בעסי, אז זי קומט נעקסטן זונטיק קיין ניו יארק, און ער לאדעט מיך איין צו זיך אין הויז אויף דעם קומענדיגן זונטאג, 3 אזייגער נאכמיטאג, וואו איך וועל זיך טרעפן מיט זיין שוועגערין און זיך באקענען מיט איר.

זונטאג בין איך אוועקגעפארן אין די בראנקס צו דער וואלף

פאמיליע זיך זעען מיט דער טרענטאָנער פרוי. ווען איך בין אריינגעקומען אין הויז האָב איך איר דאָרטן שוין געטראָפן וואַרטנדיק אויף מיר. ווען זי האָט געגעבן אַ קוק אויף מיר, האָב איך באַמערקט אַ צופרידנקייט אין אירע אויגן און אַ שמייכל אויף איר געזיכט, ווי איינער זאָגט: „דאָס איז ער". די שוועסטער האָט מיך פאַר איר פאָרגעשטעלט און מיר האָבן זיך באַקאַנט. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג ביז אין אָוונט. איידער איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָט מיך די טרענטאָנער פרוי געלאַדן אַרויסצוקומען צו איר אין טרענטאָן אויף אַ שבת, און איך האָב איר פאַרשפּראָכן.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג, קומט מיר אָן אַ בריוו פון דער טרענטאָנער פרוי מיט אַן אָנפראַגע אויב איך קום אַרויס צו איר שבת. האָב איך איר געענטפערט, אַז אויב ניט דעם שבת, איז דעם נעקסטן. און אַזוי איז דאָס געווען. איך בין אַרויסגע־פאָרן צו דער פרוי דורכצוריידן זיך מיט איר וועגן אונזער חתונה.

איך קום אַריין אין איר מילך־קראָם און טרעף זי פאַרנומען מיט אירע קונדן. נאָר אַזוי שנעל ווי זי האָט מיך דערזען, איז זי געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. אירע אויגן האָבן געשיינט פאַר נחת און דאָס פּנים אירס האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט. די פרויען וואָס זיינען דאַמאָלסט געווען בײַ איר אין קראָם קויפן פּוטער, אייער, מילך, קעז אָדער סמעטענע, האָבן באַמערקט אויף דער מיסעס ברוין׳ס געזיכט, אַז דאָס בלוט אין פּנים האָט זיך בײַ איר נעמינערט מיט מיין אַריינקומען, האָבן זיי מיר אָנגעקוקט מיט נייַ־געריגקייט, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז אָודע זיין מיסעס ברוין׳ס „חתן". אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך געהאַט אופּגערעט מיט די פרויען, האָט זי פאַרמאַכט די טיר פון קראָם און איז מיט מיר אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין וואוינונג און מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר מוטער, און זיי האָבן מיך אויפגענומען טאַקע ווי אַ חתן.

געקומען בין איך אין טרענטאָן פרייטיק נאַכט, און בין פאַר־בליבן ביז זונטיק נאַכט. שבת נאָכמיטאָג האָט זי מיט מיר גע־מאַכט אַ באַזוך בײַ איר שוועסטער, מיסעס רויזנגאַרטן, וועלכע האָט אויך געוואוינט מיט איר פאַמיליע אין טרענטאָן. די שוועס־טער אירע האָט אונז זייער שיין אויפגענומען און אונז גוט טראַק־טירט — טאַקע ווי „חתן־כלה". מיר האָבן מיט די רויזנגאַרטנס פאַרבראַכט עטלעכע שטונדן זייער אַנגענעם, שמועסנדיג. אין אָוונט

האָבן מיר געזאָלט גיין אין טעאַטער, אָבער דער שלעכטער וועטער האָט אונז געשטערט. עס איז געווען אַ גרויסער שניי־שטורעם, אַז מען האָט פון הויז ניט געקאָנט אַרויסגיין. זונטיק נאָכמיטאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין הויז מיט דער מיסעס ברוין און איר מוטער. צווישן די רייד פרעגט מיר מיסעס ברוין אויב עס איז אמת וואָס מען האָט איר געזאָגט, אַז איך בין אַ פרייַדענקער. האָב איך איר געענטפערט, אַז מען האָט זי נישט אָפּגענאַרט. זאָגט זי צו מיר, אויב אַזוי, ווייל איך אייך שטעלן אַ פראַגע: ווען איך זאָל זיין אייער פרוי, וועט איר מיר דערלויבן צו פירן אַ כשר'ע קיך מיט חמצ'דיגע און פסח'דיגע געשיר, און פליישיגע און מילכיגע כלים? מיין ענטפער איז געווען: איך בין טאַקע אַ פרייַדענקער, אָבער מיינע פרייע געדאַנקען וויל איך אויף קיינעם ניט אַרויפצווינגען. דאָס טוט נישט קיין ראַדיקאַלער מענטש, און אַזוי ווי איך בין אויך איינער פון די ראַדיקאַלע מענשן, וויל איך קיינמאָל נישט אַרויפצווינגען מיינע אידייען אויף אַ צווייטן. אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון דער צווייטער פערזאָן איז, אַז ער אָדער זי זאָל נישט וועלן אַרויפצווינגען זייערע אַנשויאונגען אויף מיר, און אויך זיין טאָלעראַנט צו מיר ווי איך צו אים אָדער צו איר.

ווען מיסעס ברוין האָט דערהערט פון מיר, אַז זי וועט קאָנען פירן די הויז ווי זי פירט איצט, איז זי געווען זייער צופרידן, און עס איז אָפּגערעדט געוואָרן מיר זאָלן חתונה האָבן. די חתונה האָבן מיר אָפּגעלייגט אויף אַ גינסטיגער צייט, און דערווייל זאָלן מיר קאָרעספּאָנדירן צווישן זיך. עטלעכע וואָכן האָט זי מיר געשריבן און איך האָב איר געענטפערט אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. מיט אַמאָל, אומגעריכט, האָט מיר אויפגעהערט אָנקומען בריוו פון מיין כלה. האָב איך גאָר נישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן: האָט זי גאָר אפשר געקראָגן אַן אַנדערן, אַ מער פּאַסענדיגן מאַן, אין טרענטאָן און מיט אים חתונה געהאַט? איז אָבער די געשיכטע געווען אַן אַנדערע.

דער דערמאָנטער רובי רובין איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען אונטער דער צייט וואָס איך מיט דער טרענטאָנער פרוי האָבן זיך קאָרעספּאָנדירט. איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן אַרויסצונעמען די בריוו פון מיין בריוו־קעסטל, און ער האָט איר געענטפערט, אָנגעבנדיג זיך פאַר אַ רייכן קוזען און ער האָט איר צוגעזאָגט „גאָלדענע בערג״ ווען זי וועט מיט אים חתונה האָבן. איר זיינען אָבער זיינע בריוו נישט געווען צום האַרצן, מיט די „גאָלדענע

בערג", װאָס ער האָט איר געהאַלטן אין איין צוזאָגן. נעמט זי און שרײַבט אַן אַ בריוו צו איר שוועסטער, מיסעס וואָלף, אַנ־פרעגנדיג בײַ איר, אויב עס געפינט זיך אין זייער משפחה אַזאַ קאָזין מיט דעם נאָמען רובי רובין, און זי באַמערקט איר אין בריוו, אַז זי שרײַבט צו דעם מיסטער טענען, אָבער די ענטפערס קריגט זי פון רובי רובין. די שוועסטער, נישט זייענדיג קיין נאַר, האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט די מעשה מיט דעם נײַעם „קאָזין", וועלכן זי הויבט גאָר נישט אָן צו קענען. ענטפערט זי איר, אַז זי ווייסט נישט פון אַזאַ קאָזין אין זייער משפחה, און זי ראָט איר אַליין צו קומען קיין ניו יאָרק, אויס־געפינען וואָס דאָ גייט פאָר.

ווען די פרוי איז געקומען פון טרענטאָן צו איר שוועסטער אין ניו יאָרק, האָט זי איר געראָטן אַז זי זאָל צוגיין מיט איר מאַן צו מיר אין „שאָפּ" און אויסגעפינען פאַר וואָס איך האָב איר אויפגעהערט צו ענטפערן אויף אירע לעצטע בריוו.

איך זיץ אין „שאָפּ", דערזע איך, ווי אומגעריכט דער מיסטער וואָלף איז בײַ מיר. איז דאָס מיר אויסגעקומען עפּעס מאָדנע, ווײַל איך האָב זיך אויף אים ניט געריכט. ער באַגריסט מיך זייער פרײַנטלעך און דערציילט מיר, אַז זײַן שוועגערין בעסי איז גע־קומען פון טרענטאָן און וויל מיך זען. פרעג איך אים וואו זי געפינט זיך, זאָגט ער מיר, אַז זי שטייט הינטער מײַן „שאָפּ" און וואַרט אויף מיר. בין איך גלײַך אַרונטערגעגאַנגען זיך זען מיט איר און הערן וואָס זי האָט צו זאָגן. איך באַגריס איר פרײַנטלעך, אָבער זי איז צו מיר עפּעס קאַלטלעך און פרעגט מיך גלײַך די אורזאַך פאַרוואָס איך האָב ניט געענטפערט אויף אירע בריוו אין דער לעצטער צײַט. האָב איך איר דערציילט וואָס דאָ האָט פּאַ־סירט: בײַ מיר האָט געאַרבעט אַ „פּאַקעט־מאַכער" מיטן נאָמען רובי רובין, אויך אַן אַלמן, האָט ער זיך מתקנא געווען וואָס מיר האָט זיך געטראָפן אַ פרוי אַן קינדער צו הייראַטן, ווײַל ער האָט אויך געזוכט אַזאַ פרוי און נישט געקענט געפינען. דורך דער צײַט וואָס מיר האָבן זיך קאָרעספּאָנדירט, איז רובי רובין אַוועקגע־גאַנגען פון מיר, און זינט ער איז אַוועקגעגאַנגען, האַלט זיך נישט קיין שלעסל אויף מײַן בריוו־קעסטל, איז נישט איך האָב אַ בריוו און נישט קיין שלעסל. האָב איך געדענקט, אפשר האָט זיך אייך געטראָפן אַ פּאַסענדער מאַן אין טרענטאָן און איר האָט וואַר־שײַנלעך חתונה געהאַט, און מיר אויפגעהערט צו שרײַבן.

נאָכדעם ווי זי האָט מיך אויסגעהערט, איז זי געוואָרן אַן איבערגעביטענע און די גאַנצע קאַלטקייט אירע איז פאַרשוואונדן. זי דערציילט מיר, אַז זי האָט גראָדע יאָ געשריבן בריוו צו מיר, נאָר געענטפערט האָט איר רובי רובין, און ער האָט זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט פאַר אירן אַ קאָזין און איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג אויב זי וועט מיט אים חתונה האָבן, א. אז. וו. אַז איך האָב געהאַט פאַרענדיגט דערציילן וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט בעסי געפרעגט וואָס איך דענק איצט צו טאָן. צי דענק איך מיט איר הייראַטן אָדער נישט. זי דערציילט מיר, אַז זי האָט שוין פאַרקויפט איר מילך געשעפט אין טרענטאָן, און זי איז געקומען קיין ניו יאָרק חתונה האָבן, ווייל זי וויל מער אין טרענטאָן נישט וואוינען. האָב איך געענטפערט, אַז איך בין גרייט חתונה האָבן מיט איר. ווען זי האָט דערהערט פון מיר אָט־די ווערטער, איז זי געווען איבער־גליקלעך, ווייל זי האָט זייער געוואָלט חתונה האָבן מיט מיר.

איך בין מיט איר אַוועק אין „היפּאָדראָם", וואו מ'האָט געשפּילט „אַמעריקע", און מיר האָבן זיך ביידע גוט אַמוזירט. נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אין די בראָנקס צו איר שוועסטער, מיסעס וואָלף, און דאָרטן האָבן מיר באַשטימט די צייט פון אונזער חתונה.

מיין צווייטע חתונה

מיר האָבן חתונה געהאַט אין נוארק, ניו דזשוירזי, דעם 23טן מאַי, 1917. מיר האָבן גענומען אַ וואוינונג אין 99 סטאַק־האָלם גאַס, ברוקלין, אין אַ נייער „אַפּאַרטמענט" הויז, 4 שיינע ליכטיגע צימערן, אויפן ערשטן שטאָק. איך האָב אַרויסגענומען מיין מעבל פון דער לאָגער־הויז, מיר האָבן איינגעאָרדנט אונזער נייע היים, און איך בין ווידער געווען צוזאַמען מיט מיינע ליבע זין. דאָס האָט מיךווירקלעך געפרייט, ווייל עס איז אונז געווען אומאַנגענעם צו זיין אויף לאָזשי, און מיר האָבן געבענקט נאָך אַן אייגענעם ווינקל.

מיין צווייטע פרוי האָט פאַרמאָגט אַ מעלה — אַ ליבשאַפט צו קינדער, און זי האָט אַרויסגעוויזן פיל פריינטשאַפט צו מיינע קינדער, (אפשר דערפאַר ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין אייגענע קינדער). דאָס האָט מיר ווידער פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן, אַז זיי זאָלן נישט פילן ווי איבעריקע יתומים אין הויז בא שטיף־מאַמע, ווי עס איז געוויינטלעך דער פאַל. קיין גרויס שוועריגקייט האָט מיין

פרוי טאקע נישט געהאט מיט זיי, ווייל ,נאָכאַלעמען, זיינען זיי דאָך שוין געווען דערוואַקסענע יונגעלייט, איינער 22 יאָר אַלט, און דער צווייטער 20 יאָר. דער. דער עלטערער זון מיינער איז געגאַנגען אין אוניווערזיטעט, און דער אינגערער צו דער ארבעט. אזוי איז איר נישט געפאַלן שווער די באַדינונג, און לאַנג זיינען זיי אויך נישט געווען מיט אונז צוזאַמען.

אַמעריקע טרעט אַריין אין דער וועלט-מלחמה

דער אינגערער זון מיינער האָט געהייראַט פריער פאַר דעם עלטערן, אין דער צייט פון דער מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין אייראָפּע, אין יאָר 1914, און אַמעריקע איז אויך צוגעשטאַנען אין יאָר 1917. געהייסן האָט עס, אַז אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה צו „מאַכן די וועלט פריי פאַר דעמאָקראַטיע". אזוי ווי אַמעריקע רופט זיך אָן אַ דעמאָקראַטיש לאַנד מיט פולקאָמער פּאָליטישער פרייהייט, הייסט עס, איז זי געגאַנגען העלפן די פאַרבינדעטע אייראָפּעאישע מלוכות צו ברענגען דעמאָקראַטיע אויף דער וועלט... (כאָטש אונזער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט, ווילסאָן, האָט אונז צוגעזאָגט אויסצוהיטען אַמעריקע פון דער אייראָפּעאישער מלחמה, האָט ער שפּעטער, אונטער דעם דרוק פון די אימפּעריאַליסטן, און מיט דער צושטימונג פון קאָנגרעס, באַשלאָסן צו גיין אין מלחמה). און דאָס איז קיין חידוש ניט.

די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז צוזאַמענגעפלאָכטן דורך פאַרשיידענע עקאָנאָמישע אינטערעסן, און ווען עס ברעכט צווישן זיי אויס אַ קאַמף פאַר וועלט-מערק, ווערן כמעט אַלע לענדער אַריינגעצויגן אין דעם „בלוטיגן געלעכטער". פּראָטעסטירן אנטקעגן דעם באַשלוס האָט מען ניט געקענט, ווייל אזוי שנעל ווי עס איז דערקלערט געוואָרן קריג, האָט דער קאָנגרעס אַרויסגעלייגט אַ צענזור אויף דער פּרעסע און אויף פרייער רעדע. דאָס האָט געמיינט, אַז מען טאָר נישט פּראָטעסטירן סיי שריפטלעך און סיי מינדלעך, און ווען יעמאַנד האָט דאָס יא געוואַגט צו טאָן, איז ער אָדער זי פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה, ווי מען האָט דאָס געטאָן מיט דעם סאָציאַליסטישן פּרעזידענט קאַנדידאַט יודזשין וו. דעבס, און אַנדערע האָט מען אינגאַנצן אַרויסגעשיקט פון לאַנד, ווי עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן א. אז. וו. דער קאָנגרעס האָט אויך באַשלאָסן, אַז מען זאָל רעקרוטירן אַלע געזונטע, פעיאיגע יונגעלייט פון לאַנד, זיי געבן אַ מיליטערישע אונטעררי־

טונג און זיי אריבערשיקן קיין אייראָפּע צו העלפן די פאַרבינדעטע מלוכות געווינען די מלחמה.

געהייראַט האָט מיין זון מיט א מיידל גיטל, מיט וועלכער ער איז ארומגעגאַנגען א שטיקל צייט אַפריער.

די מיידל גיטל איז געווען אַן אַמעריקאַנער קינד פון אָרימע אָבער פיינע עלטערן. איר טאַטע, יודל לעווין, איז געווען אַן אייזן ארבעטער ביים פאַך, א פאָטער פון זיבן קינדער. גיטל איז די אינגסטע פון אירע שוועסטער. איר מוטער שרה איז געווען א פרומע פרוי און א הייסע מאַמע צו אירע קינדער, שטענדיק אויפגעפּאַסט אויף זיי אַז עס זאָל חלילה קיין שלעכטעס נישט געשען. זי איז אויך געווען א געטרייע, איבערגעגעבענע פרוי צו איר מאַן. קיין הויכע בילדונג האָט דער שווערער, האַרעפּאַשנער אייזן־ארבעטער זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו געבן זיינע קינדער ווייל עסן און קליידער צו באַזאָרגן פאַר זיי איז אים אויך אָנגעקומען מיט גרוים שוועריגקייט, לויט זיינע קלעגלעכע פאַרדינסטן. די גאַנצע בילדונג וואָס מיין שנור, גאָסי, ווי מען רופט איר אין ענגליש, האָט געקראָגן, איז געווען די אַכט קלאַסן „פּאַבליק סקול", קיין :האַי־סקול" (גימנאַזיע) בילדונג האָט זי נישט געקראָגן. פון „קאַלעדזש„ (אוניווערזיטעט) איז שוין אָפּגערעדט, און דאָך האָט זי זיך גוט אַנטוויקלט דורך זעלבסט־בילדונג, און איז געוואָרן אַן אינטעליגענטער מענטש. חתונה געהאַט האָבן זיי אין נאָוועמבער דעם צווייטן, אין יאָר 1918.

מיין עלטערן זון האָט מען נישט גענומען אין מיליטער דינסט צוליב דעם, וואָס ער איז געווען א סטודענט. (די קאַלעדזש־סטודענטן האָט מען איבערגעלאָזט אויף שפּעטער צו רעקרוטירן, אויב מ'וועט זיי באַדאַרפן). ווען איך האָב דערזען מיין זון אין דעם סאָלדאַטסקן אוניפאָרם איז מיר איינגעפאַלן מיין הארץ פאַר ווייטיק, און איך האָב אים געזאָגט, אַז זיין מאַמען אין קבר איז שוין בעסער פאַר מיר וואָס זי האָט דאָס נישט דערלעבט צו זען מיט אירע אויגן, ווייל ווען זי וואָלט אים געזען אָנגעטאָן אין די סאָלדאַטסקע קליידער, וואָלט זי דאָס נישט געקאָנט אריבערטראָגן. א מאַמעס האַרץ איז ווייכער און ווערט צעבראָכן גיכער ווי א טאַטנס.

אין דעם זעלביגן יאָר וואָס מיין אינגערער זון האָט זיך פאַרהייראַט, האָב איך פאַרקויפט מיין „שאָפּ" וואָס איך האָב געהאַט אין 84 ראַטגער סליפּ, ניו יאָרק, אויך צוליב דער וויסטער מלחמה,

ווייל עס איז מיר געווען שווער צו קריגן געניג אַרבעט איך זאָל קאָנען ציען די חיונה און אַרויסציען די הוצאות פאַר דעם „שאַפּ". דאָס ביסל אַרבעט וואָס איך האָב שוין יאָ געקראָגן פון די פאַבריקאַנטן האָבן זיי דאָס געוואָלט קריגן געמאַכט פאַר האַלב אומזיסט. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז עס לוינט זיך נישט אין גאַנצן צו פאַבריצירן קליידער, ווייל די יונגעלייט זיינען אין קריג און מען ווייסט ניט ווען דער קריג וועט זיך ענדיגן. לויט זייערע טענות איז אויסגעקומען, אַז זיי טוען נאָך אַ „טובה" דעם שניידער ווען זיי גיבן אים אַ ביסל אַרבעט פאַר אַ ביליגן פּרייז. מאַנכע מאַנופעקטשורערס פון מענער־קליידער האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט פאַבריצירן רעגולערע מענער אַנצוגן און זיי האָבן אָנגענומען באַשטעלונגען פון דער רעגירונג צו מאַכן די סאָלדאַטסקע קליידער, ווייל בּאַ דער אַרבעט האָבן זיי געמאַכט מער געלט. אַזוי איז דאָס שוין אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד: איינער ווערט גליקלעך אויף דעם חשבון פון דעם צווייטנס אומגליק, און די קאַפּיטאַליסטן וואַרטן שטענדיג אויף אַזאַ געלעגנהייט צו „כאַפּן גאָלדענע פיש אין מוטנע וואַסערן"...

איך ווער אַ גראָסערימאַן

נאָך דעם, ווי איך האָב געהאַט פאַרקויפט דעם שאַפּ, האָב איך איינגעאָרדנט אַ שפּייז־קראָם אין 277 סאַמפּטער גאַס, ברוקלין, דערוואַרטנדיג, אַז מיין פרוי וועט מיר העלפן, ווייל אַזוי ווי זי האָט שוין געהאַלטן אַ מילך געשעפט פאַר עטלעכע יאָר, איז זי דאָך באַקאַנט מער אָדער ווייניגער, מיט די מילכיגע פּראָדוקטן, וועל איך קאָנען קריגן פון איר נוצלעכע הילף אין דער „גראָסערי סטאָר" (אין די היינטיגע גראָסערים ווערן פאַרקויפט כמעט אַלע אַרטיקלען ווי אין אַ מילך קראָם), האָב איך געדענקט, אַז זי וועט מיר אַרויסהעלפן אין די אומבאַקאַנטע פאַר מיר ביזנעס. אָבער איך האָב זיך אָפּגענאַרט אין דעם.

ווען איך האָב באַדאַרפט עפענען די קראָם, האָב איך געמוזט צונעמען אַ געניטן קלוירק פון דעם פאַך, אַז ער זאָל מיר וויזן ווי אָנצוגיין מיטן געשעפט. לאַנג לערנען האָט ער מיך טאַקע נישט באַדאַרפט. ער איז אָפּגעשטאַנען מיט מיר בלויז צוויי וואָכן צייט, און דאַן האָב איך מיט זייער ווינציג הילף פון מיין פרוי געפירט די ביזנעס אָן דעם אָנגעשטעלטן. עס איז אפילו געפאַלן אַ ביסל שווערלעך אויף מיר, אָבער מיט דער צייט האָב איך זיך ווי עס

איז צוגעוואוינט צו דעם געשעפט. אונטער דער צייט וואס איך האב געהאלטן די „גראסערי", האט מיין עלטערער זון אויך גע־הייראט מיט דער מיידל מיט וועלכער ער האט זיך באקאנט אין דער הויך־שול וואו זיין האבן צוזאמען געלערנט.

די מיידל מלכה איז אויך אן אמעריקאנער קינד, אבער נישט פון אזעלכע ארימע עלטערן ווי מיין שנור גאסי. איר טאטע משה ברוידי איז געווען א געשעפטסמאן, און אזוי ווי ער האט געדארפט דערנערן נאר צוויי קינדער, האט ער זיך געקאנט דערלויבן זיינע קינדער א העכערע בילדונג. מיין שנור, מאלי, האט געענדיגט א קאמערציעלע שול, גראדואירט אלס א פראפעסיאנעלע בוכהאל־טערין. אויסער דער בילדונג וואס זי האט געקראגן אין דער שול, האט זי אויך געקראגן א אידיש־העברעאישע אונטערריכטונג. זי שרייבט שיין און לייענט גוט אידיש. אזוי ווי זי האט זיך גוט אויסגעלערנט בוכהאלטעריע און אנדערע קאמערציעלע לימודים, האט איר פאטער זי אריינגענומען אין זיין געשעפט, וואס ער האט געהאט מיט א שותף, זי זאל פירן די ביכער. זי האט אפגעארבעט א שטיקל צייט פאר זיי ווען איר פאטער איז געשטארבן. נאך איר פאטערס טויט, האט זי פארנומען זיין פלאץ אין דעם גע־שעפט, נאר מיט א קלענערן פראצענט ריווח ווי איר טאטע. אזוי האט דער שותף פארלאנגט. די מאדאם ברוידי האט זיך בעסער נישט געקאנט העלפן, איז זי איינגעגאנגען אויף זיין פארשלאג. מ'קאן זיך פארשטעלן ווי מאדאם ברוידי האט זיך געפילט. נאך איר געטרייען מאנס טויט, איז זי געבליבן א דערשלאגענע. פאר־לירנדיג אזא גוטן, געטרייען מאן און טאטע צו די קינדער, האט זי געדארפט אויסקוקן, אז מאלי זאל זיין די פארזארגערין פאר איר מיט דער איינגערער מיידל.

מיין עלטערער זון איז ארומגעגאנגען מיט זיין מיידל פאר זייער חתונה אן ערך פון זעקס ביז זיבן יאר צייט. זי האט געווארט אויף אים ביז ער וועט אויסשטודירן אויף דאקטאר מעדיצין, און דאן חתונה האבן. איך האב אפילו געפאדערט ער זאל ניט הייר־ראטן ביז נאך די צוויי יאר פראקטיקע, וואס ער האט געהאט אין דעם בושוויק שפיטאל, האט אבער איר מוטער זיך איינגעשפארט, אז זיי זאלן גלייך חתונה האבן, דערקלערנדיג מיר, אז עס וועט אוועקגיין עטלעכע יאר, וועט אייער „דזשאו" ווערן „טייערער" און מיין מיידל „ביליגער". א קלוגע פרוי מיין מחותנת'טע שלאמע,

האָט זי געװאָלט פאַרכאַפּן די פיש פאַר דער נעץ — װאָס פריער שטעלן א חופּה. עס איז א מידה בא די מאַמעס חתונה צו מאַכן זײערע מײדלעך װאָס פריער. די חתונה איז געװען דעם 2טן יאַנואַר, אין יאָר 1921.

איך האָב די „גראָסערי" קראָם אָפּגעהאַלטן צװײ יאָר צײט און בין באַפרײט געװאָרן פון דער שקלאַפערײ, װײל אָנצוהאַלטן דאָס געשעפט לענגער איז פאַר מיר געװען צו שװער. עס איז אַן אומדערטרעגלעכע אַרבעט צו זײן דער קױפער, דער פאַרקױפער, האַלטן די קראָם אין אָרדענונג און אַזױ װײטער. די שװערע אַרבעט האָט זײער שלעכט געװירקט אױף מײן שװאַכן געזונט, און פועל'ן בא מײן פרוי, אַז זי זאָל מיר פאַרלײכטערן דעם שװערן יאָך פון דער קראָם, האָב איך אױך נישט געקאָנט אױספירן. האָב איך זיך באַרעכנט: צו װאָס דאַרף איך אײנגאַנצן די גראָסערי ביזנעס מיט אַזױ פיל אָנשטרענגונג? אַז איך װעל צוריקגײן צו שנײדערײ, װעל איך צו יעדער צײט נאָך פאַרדינען מײן חיונה און ניט דאַרפן אַזױ שװער האָרעװען.

איך װער צוריק א קאָנטראַקטאָר

װי נאָר איך האָב זיך געהאַט באַפרײט פון דער שװעריגקײט פון דער גראָסערי, קומט צו מיר א ברוקלינער ראָק־קאָנטראַקטאָר, אברהם געלמאַן, און שלאָגט מיר פאָר א פּלאַן צו גײן דינגען מיט אים א שאָפּ און װערן זײן שותּף. האָב איך אים געזאָגט, אַז אױב נעמען א שאָפּ, זאָל דאָס זײן א צימלעך־קלײנער, װעט די אָנ־שטרענגונג פון די ביזנעס נישט זײן צו שװער פאַר מיר. איז ער אָבער נישט געװען אײנפאַרשטאַנען מיט מיר. זײנע פּלענער זײנען געװען, אַז מיר װעלן האָבן א גרױסן שאָפּ און אַרבעטן מיט מער מענטשן, װעל איך נישט דאַרפן אַזױ שװער אַרבעטן װי אין א קלײנעם שאָפּ מיט װעניגער מענטשן. איך װעל נאָר דאַרפן אױפ־פּאַסן אַז די אַרבעט זאָל גוט געמאַכט װערן און די ביזנעס זאָלן װערן ריכטיג געפירט.

איך האָב זיך געלאָזט איבעררײדן פון אים און מיר זײנען אװעקגעגאַנגען זוכן א גרױסן שאָפּ. און אַז מען זוכט געפינט מען. מיר האָבן געדונגען א גרױסן, שײנעם, ליכטיגן שאָפּ אין 802 איסט 5טע גאַס, ניו יאָרק, אױפן פינפטן שטאָק. מיר בײדע, זײענ־דיג פּראַקטישע מענטשן אין די ביזנעס, האָבן דעם שאָפּ אײנ־געאָרדנט מיט 14 מאַשינען: 8 צום נײען, 3 ספּעציעלע מאַשינען

און 3 פרעס מאשינען. אז מיר זיינען פארטיג געוואָרן מיטן שאפּ אויסשטאטן, זיינען מיר אוועקגעגאנגען ארויסצונעמען ארבעט בא די אַלטע פאבריקאנטן פאר וועלכע מיר האָבן שוין געארבעט, און זיי אַנזאָגן וואו אונזער נייער שאפּ געפינט זיך. זיי האָבן אונז געשיקט ארבעט, אָבער נישט גענוג פאר דעם גרויסן שאפּ. זיינען מיר אוועקגעגאנגען צו ראָזנטאַל ברידער, אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן „די ביג־סיקס", אז זיי זאָלן אונז געבן ארבעט. באטראכטנדיג אונזער סאמפּל־ראָק וואָס מיר האָבן געבראכט, זיינען זיי געווען צופרידן אונז צו געבן ארבעט, אָבער מיר זאָלן ברענגען א קארט פון דער יוניאָן. זיינען מיר אוועקגעגאנגען קריגן א קארט, האָט מען אונז דערקלערט, אז די יוניאָן האָט א באַשלוס, אז יעדער קאָנטראקטאָר, אַלטער אָדער נייער, וואָס וויל ארויסקריגן א קארטל, מוז איינלייגן 500 דאָלאר אַלס גאראַנטיע, אז די שכירות פון די ארבעטער זאָלן זיין געזיכערט. האָבן מיר זיי געהייסן נאָכקוקן די פּראָטאָקאָלן פון דער יוניאָן אויב מיר קומען וועלכן עס איז ארבעטער שכירות. האָבן זיי אונז געזאָגט, אַז דאָס איז א באַשלוס פון דער יוניאָן, און זיי קאָנען ניט האנדלען געגן דעם. אז מיר האָבן דערזען, אז אונזער רעקאָרד העלפט דאָ ניט, האָבן מיר זיי געגעבן די 500 דאָלאר און זיי האָבן אונז ארויסגעגעבן א יוניאָן־קארט. מיר זיינען צוריקגעגאנגען צו די ראזנטאַלס און זיי גע־וויזן די קארט, האָבן מיר געקראָגן ארבעט אויף ארבעט פון זיי, און אונזערע 40 מענטשן וואָס מיר האָבן באַשעפטיגט, האָבן אַלע פארדינט אויף א לעבן מיט אונז צוזאמען.

מיר האָבן אָנגעהאַלטן דעם שאפּ בשותפות געוויע 2 יאָר צייט, ביז מיין געזונט צושטאנד איז פארערגערט געוואָרן און דערנאָך בין איך אינגאנצן קראנק געוואָרן און האָב געמוזט פארקויפן מיין טייל און ארויסגיין פון די ביזנעס. מיין שותף איז געבליבן ווי א דערשלאָגענער, ווייל ער האָט געהאט גרויס צוטרוי צו מיר פאר מיין ערלעכקייט, און ער איז געווען זייער צופרידן מיט מיינע פיאיגקייטן, וואָס איך האָב ארויסגעוויזן אין פירן געשעפט. ער האָט מיר געראטן אוועקצופאָרן אויף א פּאָר וואָכן זיך אויסרוען און קומען צו זיך כדי איך זאָל קאָנען ווייטער אָנגיין מיטן שאפּ. ליידער האָב איך זיך נישט געקאָנט העלפן און אים געמוזט פארלאָזן, ווייל דאָס הארץ איז ביי מיר געווען אָנגעגריפן, און דער פּראָפעסאָר, לואיס בישאף, וועלכער איז געווען מיין זונ׳ס לערער אין „בעלוויו קאלעדזש", האָט מיר שטרייננג פארזאָגט קיין

ביזנעס ניט צו פירן, זיך נישט אויפרעגן, נישט גיין אויף קיינע שטיגן און נישט הויבן קייען שווערע משא.

ווען איך האָב געהאַט פארקויפט מיין טייל שאַפּ, בין איך מיט מיין פרוי אוועקגעפאָרן קיין נאָרוויטש, קאָנעטיקוט, צו מיין זון דעם דאָקטאָר, אָפּצורוען זיך דאָרטן, און אויך זיין אונטער זיין אויפזיכט פאַר אַ פּאָר וואָכן צייט. אָפּזייענדיג דריי וואָכן אין נאָרוויטש אונטער מיין זון׳ס אויפזיכט, בין איך געקומען צו זיך. ווי איך האָב זיך נאָר צוריקגעקערט אַהיים פון נאָרוויטש, זיינען צו מיר געקומען אייניגע אַרבעטער, וואָס האָבן בײַ מיר געאַרבעט, מיט אַ פּלאַן און אַ פאָרשלאָג איך זאָל צושטיין אַלס שותּף צו זייער קאָאָפּעראַטיוון שאַפּ, וואָס זיי גייען איינאָרדנען, אָן אירגענד וועלכע געלט פון מיר איינצוצאָלן, און צו די פאַרדינסטן וועל איך זיין אַ גלייכער שותּף. האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך טאָר זיך נישט אָנשטריינגען. האָבן זיי מיר פאַרשפּראָכן, אַז איך וועל זיך ניט דאַרפן אָנשטריינגען; אַלץ וואָס איך וועל דאַרפן טאָן, איז אויפצופאַסן, אַז די אַרבעט זאָל ווערן ריכטיג געמאַכט. איך האָב זיך דאַן געפילט פיל בעסער, איז ווי לאָזט מען דורך אַזאַ געלעגנהייט? האָב איך זיי פאַרשפּראָכן, אַז איך וועל מיט זיי קאָאָפּערירן. ווען איך בין אַריין אין דעם שאַפּ, האָבן די ביזנעס אויפגעלעבט, אָבער נישט אויף לאַנג. איך בין מיט זיי אָפּגעשטאַנען עטלעכע מאָנאַטן צייט און איך האָב זיי אויך געמוזט פאַרלאָזן, ווייל איך האָב דערפילט מיינע פריערדיגע ווייטאָגן. מיינע נייע שותּפים האָבן מיר געראַטן אַוועקצופאָרן קיין לייקוואוד זיך אָפּצורוען און קומען צו זיך. אָבער איך האָב אויסגעפונען, אַז דער פּראָפעסאָר האָט רעכט געהאַט ווען ער האָט מיר שטרייננג פאַרבאָטן צו גיין נאָך אַמאָל אין ביזנעס און זיך אויפרעגן.

אַז איך האָב זיך שוין געהאַט איבערצייגט, אַז איך טאָר טאַקע קיין ביזנעס ניט פירן, האָב איך ווייטער געטראַכט פון וואָס אַ לעבן צו מאַכן פאַר זיך מיט דער פרוי. גיין ווערן צוריק אַ „בעיסטער?״ בין איך שוין געוועזן אָפּגעוואוינט פאַר יאָרן וואָס איך האָב עס ניט געטאָן. בין איך געקומען צום שלוס, אַז איך זאָל זוכן אַזאַ באַשעפטיגונג, אַז איך זאָל קענען אַרבעטן לויט ווי דער פּראָפעסאָר האָט מיר אָנגעזאָגט — אַ ביסל שטייענדיג און אַביסל זיצנדיג. אַזוי וועט מיר די אַרבעט נישט פאַלן צו שווער.

איך בין אַוועקגעגאַנגען צו מאַקס קאופמאַן, וועמעס פאָטער איז מיינער אַ בוזעם־פריינט, און אים געפרעגט אויב ער קאָן מיך

באשעפטיגן. האט ער מיר זיך געהייסן זעצן צו דער ארבעט. אר־בעטנדיג אין דעם געשעפט, האב איך ארויסגעוויזן א פייאיגקייט צום פארקויפן. ווען מאקס קאופמאן האט אויסגעפונען, אז ער קאן זיך פארלאזן אויף מיר אויך צו פארקויפן אן אנצוג. ווען נויטיג, פלעגט ער אפט אוועקגיין און איבערלאזן די גאנצע ביזנעס אויף מיר, צו זיין דער שניידער און דער פארקויפער — און אין מיין ערלעכקייט איז ער געווען איבערצייגט נאך פון פריער.

מיין צווייטע פרוי שטארבט

פלוצים האט א שווערער וואלקן ווידער איינגעהילט מיין לעבן — מיין פרוי איז קראנק געווארן אויף א קאנסער. ווען דער דאקטאר האט מיר געזאגט, אז זי האט די אומהיילבארע קראנקהייט, בין איך געווארן אויסער זיך, ווייל איך בין שוין געווען אנגע־שראקן פון מיין ערשטער פרוי'ס טויט. מיין צווייטע פרוי האט זיך אזוי אפגעמאטערט 5 מאנאטן צייט און עס האט אפגעקאסט א פארמעגן. ליידער האבן אפילו די בעסטע דאקטוירים איר נישט געקאנט ראטעווען פון איר קראנקהייט, און דעם 13טן אקטאבער, 1924, איז זי געשטארבן אין עלטער פון 46 יאר.

ווען מיין צווייטע פרוי איז געשטארבן, בין איך געווען א מאן פון א יאר 53. מיינע קינדער זיינען שוין געווען פארהייראט. האב איך געדענקט מער נישט חתונה צו האבן. איך האב גענומען מיין מעבל און געמאכט דערפון דעם לעצטן סך־הכל: א טייל אוועק־גענעבן צו די קינדער, אביסל פארקויפט, און א פאר קלייניגקייטן פאר זיך אפגעשטעלט. מ'קאן זיך פארשטעלן ווי איך האב דא־מאלסט געפילט בלייבנדיג איינער אליין. די גאנצע פריילעכקייט, וואס איז נאך געווען אין מיר, איז פארשוואונדן. איך האב זיך געפילט ווי אן איבעריגער מענטש אויף דער וועלט. איך האב נאר געטראכט וואס פון מיר איז געווארן, און בין ארומגעגאנגען אין טיפסטער פארצווייפלונג. אזעלכע קלעפ צו קריגן אין אזא קורצער צייט אין מיין לעבן, האט שיר ניט צעמישט מיין פארשטאנד.

אבער ווען די שארפקייט פון דער טראגעדיע פון מיין צוויי־טער פרוים טויט איז אביסל אפגעשוואכט געווארן, האב איך גע־נומען קומען צו זיך און האב באשלאסן זיך צו באוואפענען מיט ווילנסקראפט. נאך אלעמען איז דאך דאס פערזענלעכע לעבן פון א מענטשן ניט אלץ. איך האב זיך דערמאנט ווי איידעלע מענטשן, פרייהייט־קעמפער און רעוואלוציאנערן האבן פרייוויליג זיך אונ-

טערוואָרפן צו כל'ערליי ליידן און צרות, און האָבן געבראַכט גרויסע קרבנות אויף דעם מזבח פון אידעאַל פאַר דעם אַרבעטער קלאַס. דאָס האָט מיך באַפליגלט מיט אַ פאַרלאַנג פאַרצוזעצן דעם קאַמף אין לעבן. עס איז די איינגעשאַפט פון יעדן מענטשן צו זיין ווי אַ לעבעדיגער קוואַל. די ענערגיע וואָס ער באַזיצט לאָזט אים ניט רוען אפילו אין זיין עלנטקייט. אַזוי האָב איך געזוכט צו פאַר־טרייבן די מרה־שחורה פון מיר מיט אַ באַשעפטיגונג.

איך עפן אַ שניידער קראָם

בין איך אַוועק אין „בעירידזש" און האָב אָפּגעקויפט אַ שניי־דער קראָם פון „קלינינג און פרעסינג" אין 705 60טע גאַס, ברוקלין, און זיך איינגעאָרדנט אַ צימער צום וואוינען טאַקע אין דעם שאַפּ.

אָפּזייענדיג דריי יאָר צייט איינער אַליין, האָב איך זיך צו־זאַמענגעטראָפן מיט אַ פרוי פון אַ יאָר 50 אַ „סיילס-ליידי" ביי פרויען קליידער. די פרוי האָט געהאַט אַ טאָכטער פון אַ יאָר 22, אַן אויסגעשטודירטע אַדוואָקאַטקע. איך האָב זיך מיט דער פרוי פאַנאַנדערגערעדט איבער אייניגע פראַגן אין לעבן און האָב איר דערציילט מיין לאַגע. האָב איך אויסגעפונען פון דער פרוי, אַז זי זוכט קאַנטשאַפט מיט אַ מאַן, כדי זיך צו פאַרהייראַטן. זי שטעלט מיר אַ פראַגע: פאַרוואָס איך הייראַט ניט? האָב איך איר דערקלערט, אַז אַזוי ווי קיין רייכער מאַן בין איך נישט איך זאָל זיך קאָנען דערלויבן אויפצוהאַלטן אַ שיינע, באַקוועמע היים פאַר אַ פרוי, און קיין פיל כחות צום אַרבעטן האָב איך אויך נישט צו קאָנען מאַכן אַ שיינעם לעבן פאַר אַ פרוי, הייראַט איך בעסער ניט.

אויסהערנדיג די אורזאַך וואָס האַלט מיך אָפּ פון הייראַטן, פרעגט זי מיך: ווען אייך וואָלט זיך טרעפן אַ פרוי וואָס וואָלט געוועזן ווילינג אייך צו העלפן מאַכן אַ לעבן און איר זאָלט האָבן אַ היים — וואָלט איר געהייראַט? מיין פשוט'ער ענטפער איז געוועזן: יאָ. זאָגט זי מיר, אַז זי איז ווילינג, אום ניט צו זיין אַליין, צו הייראַטן און מיטהעלפן דעם מאַן וועלכן עס פעלט אַ מיטהעלפערין צו מאַכן אַ לעבן. זי דערציילט מיר, אַז איר מיידל גייט אַרום מיט אַ יונגנמאַן און זיי וועלן אין קורצן הייראַטן, וואָלט זי נישט געוואָלט בלייבן איינע אַליין. זי פרעגט מיך פון וואָס איך מאַך אַ לעבן? זאָג איך איר, אַז איך האַלט אַ שניידער שאַפּ פון „קלינינג און פרעסינג" און דערפון מאַך איך אַ לעבן. זאָגט זי, אַז ווען איך זאָל זיין ווילינג צו הייראַטן מיט איר, וואָלט זי אַריינ־

גענומען פרויען־קליידער אין מיין געשעפט צום פארקויפן, און אזוי ארום וואלטן מיר ביידע געקאנט מאכן א לעבן און געהאט א היים. איך האב מיט דער פרוי אפגערעדט, אז איך וועל ארויפ־קומען צו איר אין הויז און מיר וועלן זיך נאכאמאל דורכריידן ווי אזוי מיר קאנען זיך צוזאמענקומען און הייראטן. איך בין ארויפגעקומען צו רחל'ען (אין ענגליש „רעי") אין הויז און מיר האבן דעם פלאן דיסקוטירט, אז פאר די זעלביגע רענט וועט דאס געשעפט אריינברייגען נאך אן איינקונפט פון די פרויען־קליידער, וועט שוין זיין לייכטער צו מאכן א לעבן. אזוי האבן מיר באַ־שלאסן ארויסצונעמען „לייסנס" און הייראטן.

די „לייסנס" האבן מיר ארויסגענומען פון דער הייראט־ביורא, נאוועמבער דעם 29טן, און די חתונה איז געווען דעצעמבער דעם 4טן, 1927. נאך דער חתונה האבן מיר גענומען א וואוינונג נישט ווייט פון מיין קראם אין 725 60טע גאס „בעירידזש", ברוקלין, 3 שיינע, ליכטיגע צימערן אויפן צווייטן שטאק צו דער פראנט. מיר האבן אויסגעמעבלירט די וואוינונג אביסל מיט אונזערע זאכן און מיט צוגעקויפטע נייע מעבל און איינגעריכטעט אויך א צימער פאר איר מיידל. איך בין געווען צופרידן וואס איך וואוין שוין ווידער מיט לייטן צוגלייך. ווען עס זיינען דורכגעגאנגען צוויי וואכן נאך אונזער חתונה, און מיין פרוי איז אוועק קויפן קליי־דער, האב איך איר אנגעזאגט, אז זי זאל ריידן מיטן פאבריקאנט ער זאל אונז געבן ווארע אויף קרעדיט. רופט זי זיך אן צו מיר: צו וואס דארפן מיר נעמען אויף קרעדיט ווען דו קענסט באצאלן מיט מזומן געלט? מיט מזומן וועל איך קויפן ביליגער. האב איך איר דערקלערט, אז קיין ביזנעסמאן קויפט נישט קיין סחורה פאר בארעס געלט. מעג ער זיין ווי רייך, נעמט ער ווארע אויף קרעדיט. איז זי אוועק קויפן קליידער מיט דעם באדינג צום פאבריקאנט, אז ביי דעם צווייטן מאל קויפן זאל ער איר געבן קרעדיט. האט ער איר געזאגט, אז אויב מיר ווילן נעמען ווארע אויף קרעדיט, זאלן מיר אים געבן א גוט־זאגער א געשעפטסמאן, וועט ער אונז געבן אויף בארג. בין איך אוועק צו א פאבריקאנט פאר וועמען איך האב געארבעט א לאנגע צייט און אים געפרעגט אויב ער וועט גוט־זאגן פאר מיר. רופט ער זיך אן : טענען, פאר אייך — צו יעדער צייט, זאגט דעם פאבריקאנט ער זאל אפרופן גאלדבערג ליוויי און קאמפ., וועלן מיר גוט־זאגן פאר אייך. ווען דער פאבריקאנט האט אפגערופן גאלדבערג ליוויי און קא., האט מען אים געענטפערט,

אז ער מעג מיר געבן וואָרע וויפיל איך וויל אַליין, און זיי זאָגן גוט פאַר די וואָרע, וואָס מיסטער טענען וועט נעמען.

אַלזאָ, אַ גוטן קרעדיט האָב איך שוין, איצט וועל איך זען אויב מיין פרוי איז אַ ביזנעס־לידי, אָדער נאָר אַ סיילס־לידי. ווייל זייער ווינציג מענטשן זיינען גוט אויף ביידע געביטן צוזאַ־מען. און דאָס איז טאַקע געווען דער פאַל מיט מיין פרוי. קיין ביזנעס־פרוי איז זי אבסאָלוט נישט געווען, נאָר אַ גוטע סיילס־לידי, און שפּילן די ראָלע אַלס ביזנעס־פרוי האָט זי גראַד גע־וואָלט אויף מיין חשבון. ווען איך האָב איר אָנגעוויזן אויף אירע פעלערן אין די ביזנעס, האָט זי זיך צו מיר נישט געוואָלט צוהערן. אַזוי איז דאָס שוין מיט די איינגעשפּאַרטע מענטשן: מעגט איר זיין הונדערט פּראָצענט גערעכט, וועלן זיי דאָס נישט אַנערקענען. און דאָס איז אויך געווען דער פעלער פון מיין פרוי. איך האָב איר אַזוי געלאָזט האַנדלען ביז איך האָב דערזען, אַז אין מיין קראָם, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייטיגער גאַס, איז שוין פאַראַן פאַר 1,200 דאָלאַר קליידער, און דאָס איז אַן אַרטיקל וואָס מוז פאַרקויפט ווערן אין צייט, און ווען ניט, מוז מען אָנווערן געלט. האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וועל איר מער קיין געלט ניט געבן צו קויפן נאָך קליידער, נאָר זי זאָל אויספאַרקויפן די, וואָס מיר האָבן שוין, און עס זאָל נעמען אַן ענד צו איר „העלפן״ מיר מאַכן אַ לעבן. ווען מיר זיינען פאַרטיג געוואָרן מיטן אויס־פאַרקויפן די קליידער — און מיט אַ גרויסן פאַרלוסט — האָב איך איר געהייסן זיין אין הויז, פירן דיווירטשאַפט, ווייל איך קען מער קיין געלט פאַרלירן. האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט בעסער גיין אַרבעטן איידער צו זיין אַ הויז־פרוי, און זי איז אַוועק אַרבעטן. ווען דאָס איז געפאַלן שווער אויף איר, האָט זי געהאַט צו מיר טענות: סטייטש, זי האָט חתונה געהאַט און דאַרף גאָר גיין אַרבעטן באַ יענעם! אַזוי האָט זי חרטה געקראָגן אויפן שידוך. ווען איך האָב דערהערט, אַז זי האָט חרטה אויף איר לעצטער הייַ־ראַט, האָב איך איר געזאָגט, אַז מיר קאָנען זיך שיידן. סעפּטעמבער דעם 12טן, 1930, האָבן מיר זיך געזעגלעך געשיידט.

איך פאָר קיין אייראָפּע

ווען איך בין ווידער געוואָרן צוריק אַ „בחור״ האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע קיין גאַליציע, איצט פּוילן, צו מיין ברודער, מיט וועלכן איך האָב זיך נישט געזען אַ געשיכטע פון

א יאָר 42. איך האָב אים ניט געלאָזט וויסן אַז איך קום, ווייל איך האָב אים געוואָלט איבערראַשן מיט אַ סורפּריז, און אויך זעען אויב ער וועט מיך דערקאַנען. קודם־כּל האָב איך זיך פאַר־באַריכטעט מיט אַ שיפסקאַרטע און אַ באַן־בילעט, צו פאָרן מיטן דריטן קלאַס אהין און צוריק; דערנאָך בין איך אַוועק ארויס־נעמען אַן אַמעריקאַנער פּאַס. ווען איך בין אַריינגעקומען אין קאַנ־צעלאַריע וואו מ׳נעמט אַרויס די פּעסער, האָט דער קלויערק מיך געפרעגט אויב איך האָב מיט זיך מיינע בירגער פּאַפּירן מיט מיין בילד. איך האָב אים געגעבן מיין בילד מיט די בירגער־פּאַפּירן און אים באַצאָלט דאָס געלט פאַרן פּאַס און איך בין אַוועק. אין פיר טעג שפּעטער זיינען מיר אָנגעקומען מיינע בירגער פּאַפּירן מיטן פּאַס צוזאַמען פון וואַשינגטאָן און איך בין שוין געווען „רייזע־פאַרטיג״. ווען עס איז געקומען דער 15טער אַפּריל, ווען איך האָב געזאָלט אָפּפאָרן נאָך אייראָפּע, זיינען זיך צוזאַמענגעקו־מען ביים האַפן מיינע צוויי זין מיט זייערע פרויען, מיינע פּלימעני־קעס מיט די פרויען, לאַנדסלייט און גוטע פריינט צו זעגענען זיך מיט מיר, און האָבן מיר געבראַכט זייער ווערטפולע און שיינע מתּנות. איך האָב זיי אַלעמען באַדאַנקט פאַר זייער פריינטשאַפט, זיך מיט זיי האַרציג געזעגנט און בין אַוועקגעפאָרן.

מיט מיר צוזאַמען איז אויך געפאָרן אַ דעלעגאַציע פון 30 פּערזאָן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן קיין מאָסקווע צום ערשטן מאַי פּאַראַד. צווישן זיי איז געווען דער באַוואוסטער אידישער דיכטער אהרן קורץ. אַז זיי אַלע זיינען געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם סאָוועטן פאַרבאַנד, האָט מען געקאָנט זען פון זייער פרייליכקייט און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער אין ענגליש און אין רוסיש. אויף זייערע קלאַנגען זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען די פּאַסאַזשירן פון דעם טוריסטן־קלאַס און פון דעם צווייטן קלאַס, און עס איז געווען לעבעדיג אויף דער דעק פון דעם דריטן קלאַס פון דער שיף „אייראָפּא״.

אויף דעם צווייטן טאָג פון מיין רייזע, האָב איך זיך באַ־קאַנט מיט אַ יונג מיידל פון אַ יאָר 20, טאַקע בא דעם טיש וואו מיר האָבן צוזאַמען געגעסן. פון דעם ערשטן אויגנבליק וואָס איך האָב איר דערזען, איז די מיידל מיר באַזונדערס געפעלן געוואָרן. פון אירע פעך שוואַרצע האָר, איר פונקען־פייערדיגע שוואַרצע אויגן, מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אויף איר שניי־ווייסע האַלז, האָט מען גלייך געזען, אַז זי מוז זיין אַ „באָלשעוויטשקע״. איך האָב

זיך מיט איר פאַנאַנדערגערעדט און האָב אויסגעפינען, אַז איך האָב זיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט אין איר. אויף מיין פראַגע: ווי זי קומט אויף דער שיף? דערציילט זי מיר, אַז אירער אַן אַמעריקאַנער פעטער האָט נאָך איר געשיקט אין איראָפּע, איר געוואָלט לאָזן לערנען אַ פּראָפעסיע און אויך האַלטן איר ווי אַן אייגענע טאָכטער, ווייל ער האָט קיין קינדער ניט. איז זי אָפּגעוועזן קוים איין יאָר צייט און זי פאָרט צוריק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. בין איך נייגעריג געווען צו וויסן די אורזאַך פון איר אַוועקפאָרן אַזוי גיך פון אַמעריקע, און האָב ביי איר געפרעגט וועגן דעם. זאָגט זי צו מיר, אַז זי קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס עפנטלעכע הפקר־לעבן אין אַמעריקע און דעם אַרבעטערס לאַגע בפרט. „ביי אייך אין אַמעריקע", זאָגט זי מיר, „לויפט איינער איבער דעם צווייטן, ווי אַ ווילדע חיה אין וואַלד, צו דערהרגענען אים פאַר אַ דאָלער. מעג דאָס זיין אַן אייגענער אָדער אַ פרעמדער, גאַנץ עגאַל, שטעלט ער זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך אַבי ער זאָל קריגן דאָס זייניגע. ביי אונז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן דאָס נישט געשען. היינט באַטראַכט נאָר דעם אַרבעטער'ס לעבן אין אַמעריקע, ווי הפקר ער איז דאָ! דער באַלעבאָס אַנטלאַסט אים אויף צוויי וואָכן צייט אָן אירגענד וועלכן מיטל צום לעבן. ביי אונז, ווען מען שיקט אַן אַרבעטער אַהיים אויף צוויי וואָכן צייט, גיט מען אים די שכירות פאַר די צוויי וואָכן, ער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן מיט זיין פאַמיליע. ביי אייך נעמט מען אַרונטער פון די פאַרדינסטן, ביי אונז העכערט מען די פאַרדינסטן כסדר; ביי אייך שיקט דער באַלעבאָס דעם אַרבעטער אין גאַנצן אַוועק פון דער פאַבריק אָן אַרבעט־פאַרזיכערונג, און ער איז אויסגעשטעלט אָנצוקומען צו בעטלען ברויט ביי די „וואוילטעטיגע" צדקה־אַנשטאַלטן אָדער שלאָפן אין די פאַרקס אויף דער פייכטער ערד, ביי אונז שיקט מען אינגאַנצן נישט אַוועק קיין אַרבעטער ער זאָל שטאַרבן מיט זיין פאַמיליע פון הונגער. ניין, איך קאָן שוין מער נישט פאַרבלייבן אין אַזאַ הפקר־לאַנד, וואו דעם מענטשנ'ס לעבן האָט קיין ווערדע נישט. איך פאָר צוריק אין דעם לאַנד וואו עס עקזיסטירט יושר און גערעכטיגקייט — און דאָס איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד."

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר דערקלערונג פאַרוואָס זי פאַרלאָזט דאָס „גאָלדענע לאַנד" מיט איר רייכן אָנקל צוזאַמען, דערצייל איך איר, אַז דאָ אויף אונזער שיף, טאַקע אין דריטן קלאַס, פאָרט אַ דעלעגאַציע פון 30 פערזאָן פון דער אַמעריקאַנער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי קיין מאָסקווע, צום ערשטן מאַי־פּאַראַד. ווען זי האָט דאָס דערהערט, איז אין איר אַריין אַ נייע נשמה פאַר פרייד און זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איר פאָרשטעלן פאַר זיי. ווען איך האָב זי פאָרגעשטעלט, האָבן די דעלעגאַטן חבריש איר באַגריסט מיט דעם סאָוועטישן אינטערנאַציאָנאַל, און זי האָט מיט זיי מיטגעזונגען.

איך האָב באַמערקט אויף איר פרייד־לעכן געזיכט, אַז זי האָט זיך געפילט ווי אַ „פיש אין וואַסער" אין דער אַטמאָספערע פון אייגענע מענטשן און חברים, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט גרעניצלאָזער ליבע צו דעם פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד. עס איז ווערט צו דערמאָנען אַ סצענע וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער דעלעגאַציע. ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ברעמען, דייטש־לאַנד, האָבן זיי געשיקט אַ קאָמיטעט צום קאַפּיטאַן אָנזאָגן אים, אַז זיי ווילן זיין די ערשטע אַרונטערצוגיין פון דער שיף. האָט ער זיי דערקלערט, אַז דאָס איז קעגן די רעגלען פון דער שיף קאָמ־פּאַניע. האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט אויספאָלגן די רעגו־לאַציע און וועלן זיין די ערשטע אַרונטערצוגיין. זעענדיג, אַז זיי זיינען איינגעשפּאַרט, האָט דער קאַפּיטאַן באַשלאָסן זיי נאָכצוגעבן, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרמיידן אַ סקאַנדאַל, און דאָס וואָלט געמאַכט אַ שלעכטן נאָמען דער שיף־קאָמפּאַניע.

אַרונטערגייענדיג, האָבן זיי אַלע צוזאַמען געזונגען דעם אינ־טערנאַציאָנאַל, פאָכנדיג מיט זייערע רויטע פאָנען. אויפן האַפן איז געווען אַ קאָמיטעט פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיי צו באַגריסן, מיט אַ קאָמוניסטישן פלאַג. די פייערלעכע אָוואַציע, וואָס די דייטשע חברים האָבן זיי געגעבן, זינגנדיג אַלע אין איינעם דעם סאָוועטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועט בלייבן אויף שטענדיג איינגעקריצט אין מיין זכרון אַלס איינע פון די שענסטע דערפאַ־רונגען אין מיין לעבן, אַלס אַ סימבאָל פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. ווען איך האָב אַראָפּגעשטיגן פון דער שיף, האָב איך געשיקט אַ טעלעגראַמע צו מיינע זין, אָנזאָגנדיג זיי, אַז פון ברעמען פאָר איך גלייך אָפּ צו מיין ברודער אין פּוילן.

איך קום אָן אין פּוילן

פאָרנדיג פון דייטשלאַנד קיין פּוילן מיט דער באַן, האָב איך באַטראַכט דעם אונטערשייד אין אַגריקולטורעלן צושטאַנד צווישן די צוויי לענדער. אַמ׳בולט׳סטן שפּיגלט זיך דאָס אָפּ פאַר די אויגן,

ווען מען פאָרט נאָר אַריבער דעם פּוילישן גרעניץ. אויף דער גאַנ־צער ליניע פון דער דייטשער לאַנדשאַפט זעט איר ווי שיין, גלייך יעדעס מעטער פעלד איז גוט באַאַרבעט; קומט איר אָבער צו צו דער פּוילישער לאַנדשאַפט, קוקט דאָס שוין אויס גאַנץ אַנדערש. איר זעט ווי וויסט און חושך עס איז: איבעראַל גריבער, בערג און טאָלן מיט וואַסער, פאַרווילדעט ביז אַרונטער. עס בעט זיך נעבאך, אַז מען זאָל עס קולטיווירן... איך האָב געטראַכט, אפשר וועט אויף זיי אויך אַמאָל קומען אַ צייט, און וואָס שנעלער דאָס וועט פּאַסירן, וועט עס זיין בעסער פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג.

איך בין אָנגעקומען קיין לעמבערג מיט דער באַן נאָך 12 באַ־נאַכט און האָט פאַרשפּעטיגט דעם צוג קיין זלאָטשאָוו, אַוואו מיין ברודער וואוינט. בין איך פאַרבליבן אין באַן־הויף ביז זיבן אין דער פרי. מיט מיר צוזאַמען האָבן דאָרטן אויך געוואַרט נאָך צוויי פּערזאָנען: אַ מיידל, וואָס איז אויך געקומען פון אַמעריקע און זי פאָרט צו איר פאַמיליע קיין קעלעמאי, און אַ מגיד, וועלכער פאָרט אַרום איבער די שטעט צו האַלטן דרשות. אָבער אַזוי ווי ער איז נישט געווען אין שטאָט נאָר אין באַן־הויף, און ער האָט דערטאַפּט צוויי אַמעריקאַנער אידן, האָט ער פאַר אונז גע'דרש'נט ביז אין דער פרי, אַז עס איז אונז פשוט נישט גוט געוואָרן פון זיין פּוסטער פּלוידעריי, און ענדלעך בין איך טאַקע איינגעשלאָפן. אין דער פרי, ביים געזעגענען זיך מיט מיר, דערציילט מיר דאָס מיידל, אַז ווען איך בין איינגעשלאָפן, האָט דער מגיד גע'דרשנ'ט ספּעציעל פאַר איר — „אוי האָט ער גע'דרשנ'ט!...״

אין דעמזעלביגן באַן־הויף האָב איך זיך צוגעקוקט ווי די פּויערים זיינען געשלאָפן אויף דער הילצער פּאָדלאָגע, ערגער ווי די בהמות, אויסער דעם, וואָס אייניגע פון זיי האָבן זיך אונטער־געלייגט זייערע מאַנטלען, אָבער נישט אַלע האָבן געהאַט מאַנטלען. עס איז געווען אַ האַרצווייטיק צוצוזען ווי די מענטשן ליגן אויפן האַרטן דיל, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען גאַנץ געשמאַק געשלאָפן. איך האָב זיך געוואונדערט ווי מענטשן קאָנען דאָס טאָן, אָבער זיי זיינען מסתמא זייער מיד געווען פון דעם גאַנצן טאָג אַרומ־שלעפּן זיך אויף זייערע אָנגעהאָרעוועטע פיס. זיבן אַזייגער האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויף דער באַן, און האַלב נאָך ניין פאַר־מיטאָג בין איך שוין געווען אין זלאָטשאָוו.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם באַן־הויף אין זלאָטשאָוו,

און די פיאקר־לייט האָבן דערזען אַן אַמעריקאַנער, (זיי דערקענען אַן אַמעריקאַנער אַזוי שנעל ווי ער שטעלט נאָר אַראָפּ אַ פוס פון דער באַן. ווי זאָגט שלום עליכם: „די קאַסרילעווקער דערקענען אַ יאַהופּיצער", זיינען זיי מיך באַפאַלן ווי די בינען און זיך גענומען רייסן איבער מיר. איך זע, אַז ס'האַלט שוין באַלד ביי פּעטש, נעם איך מיין האַנט־רענצל און וואַרף אים אַריין אין איינעם פון די וועגעלעך און דעם צווייטן טשעמאָדאַן האָט שוין דער בעל־עגלה אַליין אַרויפגעלייגט. אַזוי האָט גענומען אַן ענדע צו זייערע רייסערייען איבער אַן אַמעריקאַנער „פּעטן ביסן"... פאַרנדיג, בעט איך דעם איזוואָשטשיק ער זאָל מיך צופירן צום בעסטן האָטעל וואָס געפינט זיך אין שטאָט. זאָגט ער, אַז ער וועט מיך צופירן צו זילבערמאַנ'ס האָטעל. דאָס איז דער שענסטער האָטעל אין שטאָט. ער באַמערקט מיר, אַז אין דעם האָטעל שטייען איין אַלע פּריצים ווען זיי קומען קיין זלאַטשאָוו. זאָג איך, אַז איך פאַרלאָז זיך אויף אים. לאָמיך איין מאָל אין מיין לעבן אויך האָבן דעם „כבוד" איינצושטיין אין אַ האָטעל וואו „פּריצים" שטייען.

ווי נאָר מיר קומען צו צו דעם „פּריצישן" האָטעל, קומט אַרויס דער האָטעל-אייגנטימער, דוקא אַ פּשוט'ער איד, און גיט זיך אַ נייג פאַר מיר, „מאַנסע דייטש": איך האָבע די ערע צו גריסן דעם הער. ער טוט גלייך אַ צי אַ לאַנגען רימען וואָס פירט צום שווייצאַר'ס גלאָק. דער באַדינער איז גלייך צוגעקומען צו מיין פיאַקר, אַרונטערגענומען מיין באַגאַזש און עס אַריינגעטראָגן אין דעם קאָרידאָר פון האָטעל.

ווען די באַלעבאָסטע פון האָטעל האָט דערזען דעם שטאַרקן „נייג", וואָס איר מאַן האָט זיך געגעבן פאַר מיר, איז זי געוואָרן נייגעריג צו זען, וואָס פאַר פּריץ עס איז אָנגעקומען. דרייט זיך דער מאַן אירער אויס צו איר און זאָגט: „אַן אַמעריקאַנער!" איז איר פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן וואָס זיי האָבן אַריינגעקראָגן אַן אַמעריקאַנער גאַסט און זיינע „טולערס"... איך שטייג אַרונטער פון דאָס בריטשקעלע און באַצאָל דעם פורמאַן פאַר זיין טירחה, פרעגט ער ביי מיר, אויב אין אַמעריקע רייסט מען זיך אויך אַזוי איבער אַ פּאַסאַזשיר ווי אין פּוילן. זאָג איך אים, אַז נאָך מער. זאָגט ער: ווי עס זעט אויס, איז דעם אָרימאַן אַפּנים שלעכט אין דער גאַנצער וועלט, ווי מען זאָגט אַ ווערטל: „דעם קראַנקן טוט וויי ווי אַזוי מען זאָל אים ניט אַוועקלייגן". איידער ער איז צוריקגעפאָרן צום באַן־הויף, אפשר וועט ער כאַפּן נאָך אַ

„העכט", האָט דער פורמאַן געבעטן דעם הער זילבערמאַן ער זאָל אים לאָזן וויסן ווען דער אַמעריקאַנער וועט אָוועקפאָרן, וועט ער אים צופירן צו דער באַן, און יענער האָט עס אים צוגעזאָגט.

איך גיי אַריין אין שענק פון דעם האָטעל, (ווייל דאָס איז דער דורכגאַנג אין האָטעל אַריין), גיט מיר די האָטעל־אייגנטימערן אָפּ אַ שלום־עליכם, (אויך אויף דייטשמעריש) : „איך האבע די ערע", און זי פרעגט מיך מיין נאָמען. ענטפער איך אויף פּראָסט מאמע לשון ווי איך היים, זאָגט זי צו מיר : ביטע, פאַרנעמען זי פּלאַץ. איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט דעם הער זילבערמאַן אין שטיגע הויך און זיך אויסגעקליבן אַ צימער. ער הייסט מיר געבן אים מיין פּאַס, ער זאָל מעלדן צו דער רעגירונג אַז איך שטיי־איין ביי אים אין האָטעל, און הייסט דעם שווייצאַר ער זאָל אַריינטראָגן אין צימער מיין באַגאַזש. דער שווייצאַר, אַ וואוילער מענטש, אַ פּוילישער קריסט, טראָגט אַריין מיין באַגאַזש, פילט אָן אַ ריינע פלאַש וואַסער און שטעלט עס אויפן טיש, און אַ קריגל וואַסער צום וואַשן זיך, און ער זאָגט מיר אָן איבערצולאָזן מיינע שיך אין קאָרידאָר ביי דער טיר איידער איך לייג זיך שלאָפן, און ווען איך וועל עפּעס וועלן, זאָל איך אים לאָזן וויסן, וועט ער מיך מיט אַלץ פאַרזאָרגן.

איך בלייב שטיין און באַטראַכט וואָס דאָ געפינט זיך אין צימער : אַ שיינער ברוינער פּאָלעטורטער שראַנק פאַר קליידער ; אַ טישל איבערגעדעקט מיט אַ ריין ווייסן טישטוך ; אַ רונדע גלעזערנע טאַץ מיט אַ ריין פלעשל וואַסער מיט צוויי גלעזער ביי דער זייט ; אַ טינטער און שרייב־פּאַפּיר מיט קאָנווערטן מיט דעם אַדרעס פון האָטעל, און צוויי בענקלעך ביי דער זייט ; אַ צימלעך גרויסע בעט פון העלן קאָליר מיט גענוג בעטגעוואַנט, מיט ווייסע ציכן, פריש איבערגעצויגן, און אַ קליין שאַפקעלע ביי דער זייט פון בעט מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל אין דער הויך צום לעזן. אַ אַ טישל מיט אַ גרויסער שיסל וואַסער צום וואַשן זיך מיט אַ שניי־ווייסן האַנטוך ביי דער זייט. אין אַ ווינקל איז איינגעפּאַסט אַן אויוון, צו באַהייצן דעם צימער. מען מוז געבן „קרעדיט" די זילבערמאַנס פאַר זייער האַלטן דעם האָטעל אין אַזאַ באַלעבאַטישער אָרדענונג.

אויסגעפּאַקט מיין באַגאַזש, בין איך אַרונטערגעגאַנגען צום צירולניק (אָדער ווי זיי רופן אים „פּראַזירער"), און ער האָט מיך געמאַכט אויסזען אינגער ווי פריער. האָב זיך איבערגעטאָן אין מיינע בעסערע קליידער און אַריינגעגאַנגען אין דעם רעסטאָראַן

וואָס געפינט זיך טאַקע אין דעם האָטעל, און באַשטעלט מיטאָג־מאָלצייט לויט דער„מעניו”. ביים עסן איז דער הער זילבערמאַן אָנגעקומען, מיר צוריק געגעבן מיין פּאַס און מיך געפרעגט אויב איך האָב זיך שוין געזען מיט מיין ברודער. זאָג איך אים, אַז נאָך נישט. האָט ער זיך געוואונדערט ווי אַ מענטש קאָן האָבן אַזאַ געדולד, זאָג איך אים: אַזוי ווי היינט איז פרייטאָג, בין איך זיכער, אַז מיין ברודער וועט נישט אוועקגיין אין דאָרף אַריין, און אויך איך וועל היינט ניט אוועקפאָרן קיין אַמעריקע, וועלן מיר זיך זען שפּעטער מיט עטלעכע שטונדן.

נאָכן עסן בין איך אוועקגעגאַנגען זיך זען מיט מיין ברודער, און דער הער זעלבערמאַן האָט מיר אָנגעצייגט די יעסקענו גאַס, וואו דער ברודער וואוינט.

איך קום צו צו דער הויז, קומט אַרויס אַ שוואַרץ־חנ׳עווריגע ווייבל. פרעג איך ביי איר אויב דאָ וואוינט דער און דער איד. זאָגט זי יאָ. פרעג איך אויב דאָ וואוינט אויך אַ פרוי ביי דעם נאָמען שיינדל אַן אלמנה (מיין עלטסטן ברודער׳ס פרוי), זאָגט זי יאָ. פרעגט איך איר אויב זיי זיינען אין הויז, זאָגט זי: דער איד איז אין הויז אָבער די פרוי ניט. זי פרעגט מיך צי בין איך נישט אַ ברודער פון דעם מאַן אויף וועלכן איך פרעג, זאָגט איך יאָ, נאָר היים איר נישט אויסזאָגן. זאָגט זי, אַז מיין שוועגערן איז ״אויפן וואַל” און זי וועט איר גיין רופן, און איר נישט זאָגן ווער איך בין, נאָר אַז אַ מאַן איז געקומען פון ניו־יאָרק, אַמעריקע, און איר געבראַכט אַ גרוס פון איר טאָכטער ליבע׳ן. איך שטיי לעבן דער הויז און וואַרט אויף מיין שוועגערין, געוואוסט האָב איך, אַז זי איז ברוגז און רעדט נישט מיט מיין ברודער צוליב דער ירושה וואָס איז געבליבן נאָך מיינע עלטערן. האָב איך גע־רעכנט צו מאַכן אַ שלום צווישן זיי. איך וועל זיך לאָזן דערקענען צו איר, אַז זי זאָל אַריינגיין צום ברודער און אים אָנזאָגן די בשורה, אַז איך בין געקומען, און אַזוי אַרום וועט ווערן שלום ביי זיי. איז אָבער מיין פּלאַן נישט געראָטן, צום באַדויערן.

מיין שוועגערין קומט פון וואַל, און איך גיי מיט איר אַרויף צו איר אין הויז, זי בעט מיך זיצן איין מינוט און מאַכט צורעכט וואַסער מיט סיראָפּ פאַרן גאַסט. איך באַטראַכט וואָס פון דער שיינער געזונטער שיינדל איז געוואָרן דורך דער צייט וואָס איך האָב זי ניט געזען: דער שטערן מיט טיפע קאַרבן, די אויגן ווי צוויי לעכער אין קאָפּ, דאָס פּנים צעקאָרטשעט, אַ האַנט אויסגע־

וויכנעט (זי איז אַרונטערגעפאַלן פון די טרעפּ), דער רוקן איינ־געבויגן, קראַנק, אָרים און עלענט. האָט מיט זיך איין מיידל וואָס ראַטעוועט איר אָפּ יעדעס מאָל פון טויט. זי זעצט זיך אַוועק אַפּנעמען דעם גרוס פון איר טאָכטער ליבע׳ן. אַזוי רײדנדיג, זאָג איך צו איר: שיינדל, איך בין דיין שוואָגער מיכאל.

ווען זי האָט דאָס דערהערט, איז דער גרוס מיינער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָפּלטער פרייד און זי האָט נישט גע־וואוסט וואָס צו טאָן פאַר מיר. ווען איך האָב געזען אַז איך בין ביי איר אַזוי טייער, האָב איך געדענקט אַז איצט וועט מיר גע־לינגען צו מאַכן שלום צווישן איר און מיין ברודער. אָבער זי האָט מיר געזאָגט: מיכאל, איך וועל אַלץ טאָן פאַר דיר, נאָר מיט דיין ברודער ישראל־איסרן וועל איך זיך נישט איבערבעטן. אַן עקשן געווען און אַן עקשן פאַרבליבן אַט די פרוי.

איך קום אַריין צו מיין ברודער אין הויז

און אָט בין איך שוין באַ מיין ברודער אין הויז. ער איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט צוזאַמענקלייַנגנדיג די פּעלצן אויף איין אָרט. פרעג איך אים ווי אַ פרעמדער, אויב דאָ וואוינט אַ מאַן מיט דעם און דעם נאָמען, ענטפערט ער מיר — יאָ. איך האָב אים גלייך דערקאַנט, אָבער ער מיך ניט. איך שטעל מיך פאַר פאַר אים, אַז איך קום פון אַמעריקע און האָב אים געבראַכט אַ גרוס פון זיין ברודער מאַקס טענען. ער דערלאַנגט מיר זיין האַנט מיט אַ שלום עליכם. ער רוקט אַרויס אַ לאַנגע באַנק וואָס איז גע־שטאַנען ביים טיש און בעט מיך זיך אַוועקזעצן און ער אַליין האָט פאַר זיך גענומען אַ געוויינלעך בענקל און זיך אויך אַוועק־געזעצט און גענומען אויספרעגן מיך מער איינצלהייטן וועגן זיין ברודער.

ער פרעגט מיך, ווי אַזוי האָט זיין ברודער געוואוסט, אַז איך וועל דאָ זיין. האָב איך אים דערציילט: אַזוי ווי איך וואוין מיט אים אין איין הויז, האָט ער זיך דערוואוסט אַז איך קלייב זיך פאָרן קיין פוילן, איז ער געווען נייגעריג צו וויסן אין וועלכן געגנט פון פוילן איך פאָר, איז ער אַריינגעקומען צו מיר אין הויז אויסצוגעפינען. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך פאָר קיין לעמבערג, און איך וועל אויך באַזוכן עטלעכע קליינע שטעטלעך אַרום לעמ־בערג. דערציילט ער מיר, אַז זיינען אַ ברודער וואוינט אויך נישט וויט פון לעמבערג, אין זלאַטשאָוו. זאָג איך אים, אויב מיר וועט

אויסקומען צו זיין אין דעם שטעטל, וועל איך זיך נעמען די מי און אים אָפּגעבן אַ גרוס פון אייך. האָט ער מיר זייער הארציג באַדאַנקט און מיר געגעבן אייער אַדרעס.

ביים אָפּגעבן דעם גרוס פון זיין ברודער, פרעג איך אים אויב דער ברודער זיינער שיקט אים אַמאָל עטלעכע דאָלער. מיט אַ פרייליכע מינע וואָס האָט באַשיינט זיין געזיכט, זאָגט ער אַז ער שיקט אים פיר מאָל דורכן יאָר צו 10 דאָלאַר. „ווען נישט דעם ברודער׳ס שטיצע״, זאָגט ער, „וואָלט מיר אויסגעקומען צו ליגן מיט מיין פאַמיליע אויפן גאַס, ווייל מיט זיין געלט וואָס ער שיקט מיר, באַצאָל איך דירה־געלט. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער מיר געשיקט 10 דאָלער און מיר געלאָזט וויסן אין בריוו, אַז ער דענקט אפשר צו קומען דעם זומער זיך זען מיט מיר. האָב איך אים גלייך געענטפערט אין אַ בריוו ער זאָל מיר לאָזן וויסן די צייט ווען ער וועט ארויספאָרן, כדי אָפּצוּוואַרטן ביים באַן־הויף אין לעמ־בערג, אַז מען זאָל אים חלילה נישט באַגאַנווענען, ווייל דאָרטן דרייען זיך ארום גנבים און שווינדלער פון וועלכע אַ פרעמדער ווייסט ניט ווי אויסצוהיטן זיך״.

ער האָט געוועכנט, אַזוי ווי דער ברודער זיינער איז אָפּגעוואָרן אין דעם „גאָלדענעם לאַנד״ אַמעריקע אַ יאָר 42, פירט ער דאָך אוודאי מיט זיך עטלעכע טויזנט דאָלאַר, האָט ער אים געוואָלט פאַרהיטן מען זאָל עם ביי אים ניט אויסנאַרן. ער דערציילט מיר מיט אַ טרויעריגער מינע אויף זיין געזיכט, אַז דער אַמעריקאַנער ברודער זיינער האָט נעבעך נישט קיין מזל צו די ווייבער: מיט דער ערשטער האָט ער אָפּגעלעבט עטלעכע־און־צוואַנציג יאָר, און געהאַט מיט איר צוויי קינדער, איז זי געשטאָרבן. האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, אָפּגעלעבט מיט איר באַלד 8 יאָר צייט, איז זי אויך געשטאָרבן; האָט ער חתונה געהאַט אַ דריטן מאָל, אָפּגעלעבט מיט דער דריטער ווייב 3 יאָר און ניט געקענט הויזן מיט איר, האָט ער זיך מיט איר גע׳גט. ער וואַרט אויף נאָך אַ בריוו, אַז דער ברודער פאָרט שוין ארויס, דערציילט ער מיר. זאָג איך צו אים: ווי איך האָב געהערט פון זיין ברודער, איז ער אַ מענטש וואָס ווען ער גייט אָדער פאָרט עמיצן באַזוכן, לאָזט ער קיינמאָל ניט וויסן אַפריער ווען ער קומט, און עס קאָן מעגלעך זיין אַז ער זאָל אייך אויך נישט לאָזן וויסן ווען ער וועט ארויספאָרן, און קומען צו אייך אומגעריכטערהייט. איך פרעג אים ווייטער: ווי וואָלט איר געפילט ווען אייער ברודער קומט אריין צו אייך אין

הויז אומגעריכט? באַ די ווערטער גיט ער זיך אַ כאַפּ, אפשר איז דאָס טאַקע דער ברודער אַליין? האָב איך זיך אַרויסגעגעבן פאַר אים, כדי אויסצומיידן אַ טיפע איבערראַשונג. כ׳האָב זיך דערנענ־טערט צו אים און מיר האָבן זיך ביידע לאַנג געקושט און גע־האַלזט. עס איז מיר שווער צו באַשרייבן די פרייד וואָס דאָס זעען זיך ווידער נאָך אַזויפיל יאָרן, איינער מיט דעם צווייטן, האָט דערוועקט אין מיר אַזוי גוט ווי אין מיין ברודער. ער וויל גיין אָנזאָגן זיין פרוי וועגן מיין קומען, האָב איך אים געוואָלט צוריק־האַלטן. אַזוי ווי עס איז איצט פרייטאָג נאָך מיטאָג, וועט זי שוין סיי־ווי באַלד אַהיים קומען. איך האָב אָבער אים נישט געקענט צוריקהאַלטן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

די פרוי זיינע, מרים־חיה, שטייט אין מאַרק מיט אַ בודקע און זי פאַרקויפט קליינינקייטן. דערמיט העלפט זי־צו איר מאַן אין דער פרנסה.

מיין ברודער איז אַ פאַרסאַפּעטער געלאָפן מיט זיינע שווערע שטיוועל אויף די פיס. ווען ער איז צוגעקומען צו זיין פרוי, האָט ער ניט געקאָנט ריידן (האָט מיין שווּגערין שפּעטער מיר דער־ציילט), ביז ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון דאָס שנעל לויפעניש. ווען נישט די שמחה וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיין פנים, וואָלט זיין פרוי זיך געוועזן דערשראָקן, קלערנדיג מי יודע וואָס האָט געמוזט פאַסירן אין הויז. נאָר אַזוי ווי זי האָט געזען, אַז ער איז פריילעך, האָט עס איר צוריקגעהאַלטן פון שרעק, ביז ער איז געקומען צו זיך און איר אָנגעזאָגט, אַז זיין ברודער פון אַמעריקע איז געקומען. האָט זי גענומען דאָס ביסל סחורה פון דער בודקע, דערציילט זי ווייטער, האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ קעסטל, און איר מאַן האָט זי געשיקט צו זייער טאָכטער פעשע, וואָס שטייט אויך מיט אַ בודקע אין מאַרק, אָנזאָגן איר, אַז דער פעטער פון אַמעריקע איז געקומען. האָט זי אויך פאַרשלאָסן איר בודקע, און דער איידעם, בענע, איז אַוועק צו צוקערקאַנדלען, דעם בוכהענדלער, וואו מיין ברודער׳ס מיידל, באַשע, אַרבעט, איר אויך אָנזאָגן די בשורה. עס האָט נישט גענומען קיין 15 מינוט, ווי זיי זיינען אַלע פריילעך אַריינגעקומען אין הויז מיך צו באַגעגענען מיט אַ האַרציקן קבלת־פנים.

אויף מאָרגן האָבן אונזערע פריינט פון שטעטל געשיקט פאַר־שיידענע משקאות צום טיש צוליב דעם גאַסט (אַזאַ טראַדיציע עקזיסטירט דאָרט ביי זיי), אַזוי איז דער טיש צום מיטאָג־מאָלצייט

שוין פארטיג מיט עסן און צום טרינקען כיד המלך. זיצנדיג ביים טיש, האָט זיך מיין ברודער אויסגעדריקט, אז ער פילט ווי ער וואָלט געוואונען דאָס גרעסטע געווינס. דער היינטיגער טאָג איז נישט קיין געוויינטלעכער שבת פון א גאנץ יאָר ביי מיר, נאָר א שבת מיט א יום טוב צוזאמען, צוליב דעם ליבן גאסט.

אויף מאָרגן האָט מיין שוועגערין איינגעלאָדן איר פארהייראַטע טאָכטער פעשע מיט איר מאַן צום מיטאָג־מאָלצייט לכבוד איר אמעריקאנער שוואָגער. די מיידל איז אויך נישט געגאנגען צו דער ארבעט צוליב דעם. אזוי האָבן מיר אלע געגעסן מיטאָג צוזאמען אין א געהויבענער פריילעכער שטימונג.

ביים טיש פארציט דער איידעם א געשפרעך מיט מיר (א געלערנטער יונגערמאַן, באזיצט פיר שפּראַכן: אידיש, העברעאיש, דייטש און פויליש). די טעמע איז געווען וועגן דעם אמעריקאנישן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן. מיר האָבן אפּגערעדט א פּאָר שטונדן. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיין ברודער׳ס איידעם, בעני קליין, איז אן אינטערעסאנטע פּערזאָן — עס איז דאָ מיט וועמען צו ריידן, א מענטש וואָס האָט א קלאָרן באגריף מכח אזעלכע וויכטיגע געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמען.

ווען מיין ברודער׳ס טאָכטער מיטן מאַן זיינען אוועקגעגאנגען און איך בין געבליבן מיט מיין ברודער, זיין פרוי מיטן מיידל, האָב איך מיט זיי זיך אדורכגערעדט וועגן די בריוו וואָס איך האָב דער־האלטן פון זיי אין דער לעצטער צייט, אז די שוועגערין מיינע זיצט און וויינט מיט בלוטיגע טרערן, וואו וועט מען נעמען נדן מ׳זאָל קאָנען חתונה מאכן דאָס מיידל. קיין אנדער האָפענונג האָבן זיי נישט געהאַט ווי נאָר אויף מיר. זיי האָבן שוין געהאַט א חזקה ווייל איך האָב זיי שוין איינמאָל געשיקט 200 דאָלאר חתונה צו מאכן זייער עלטערע טאָכטער. עס איז נאָך געווען א גליק פאר מיר, וואָס מיין ברודער האָט נישט געהאַט מער ווי צוויי מיידלעך... (זיי האָבן מיר טאַקע אזוי געשריבן, אז מער ווי די מיידל האָבן זיי נישט חתונה צו מאכן). האָב איך ארויסגענומען 200 דאָלאר און זיי דערלאנגט פאר נדן, אז זיי זאָלן קאָנען חתונה מאכן דאָס צווייטע מיידל אויך, און האָב זיי צוגעזאָגט, אז ווען זיי וועלן שוין האלטן ביי דער חתונה זאָלן זיי מיר שרייבן, וועל איך זיי צושיקן נאָך 50 דאָלאר אויף חתונה־הוצאות. זיי האָבן מיר זייער ווארים באדאנקט פאר מיין גוט־הארציגקייט, וואָס וועט פארמיידן אז די מיידל זאָל נישט דארפן פארבלייבן קיין „אלטע

מויד". נאָר אַ זאַך האָב איך זיי געזאָגט: אויב איר קאָנט געפינען אַ שידוך פאַר דער מיידל איצט און מאַכן די חתונה ווערענד איך בין דאָ, וועל איך אויסשטיין די גאַנצע התונה-הוצאות. לײדער האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דעם פאַרגעניגן, וואָס דאָס וואָלט מיר געווען פאַרשאַפט, צוליב זייער קלייבעניש פון „יחסנדיגע" שידוכים פאַר זייער מיידל: דאָס איז דער טאַטע נישט קיין פאַסיגער מחותן; דאָרטן איז די מאַמע „נישט מיט אַלעמען", און אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען שוין יאָ געווען גוט, איז ערשט דער בחור נישט געווען געפעלן דער מיידל... די שדכנים האָבן געהאַלטן אין איין גיין, ווייל זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די כלה האָט געקראָגן נדן פון אַ פעטער פון אַמעריקע, האָבן זיי אויך געוואָלט אָפּלעקן אַביינדן פון "פעטער", אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, כאָטש נעם שריי „חי-וקים"...

איך פאָר אויף קבר אבות

מיין ערשטן ברודער'ס זון, יאַנקל, וועלכער וואוינט אין יאַסענאָוויץ, אַ קליין דערפל, ניט ווייט פון זלאַטשאָוו, קומט צו־פאָרן און פרעגט באַ מיר אויב איך וויל פאָרן אויף קבר אבות. זאָג איך אים, וואָס עפּעס אויף קבר אבות? איך וויל יאָ פאָרן, אָנקוקן מיין געבורט-שטעטל ווי דאָס זעט אויס זינט איך בין פון דאָרטן אוועקגעפאָרן. רופט ער זיך אָן: פעטער, רופט דאָס ווי איר ווילט, אַבי מיר פאָרן. מיט מיר צוזאַמען איז מיטגעפאָרן מיין ברודער מיט זיין מיידל און אויך דער פּלימעניק יאַנקל. פאַרנדיק, זע איך ווי אַ טייל פעלדער זיינען באַוואַקסן מיט פרישע הויכע גרינע גראָזן. אויסער איין שטיקל פעלד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט געלע ליים. איז דאָס מיר געוואָרן אויפפאַלנדיג. פרעג איך באַ זיי, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק לאַנד וואָס אויף דעם וואַקסט גאָרנישט? דערציילט זיי מיר, אַז דאָס איז אַ מאַסן-קבר פון די געפאַלענע סאָלדאַטן אין דער לעצטער שלאַכט, און זיי באַמערקן מיר, אַז דאָ ליגן קריסטן און אידן — רוסישע און גאַליציאַנער.

זיי האָבן באַמערקט ווי דאָס בלוט פון מיין פּנים איז פאַר־שוואונדן ווען איך האָב דאָס דערהערט. מיין ברודער האָט געליטן, באַמערקנדיג ווי מיך האָט אַ שוידער דורכגענומען קוקנדיג אויף דעם שרעקלעכן קבר. זאָגט ער: ווען איך וואָלט געוואוסט וויסן, אַז דיר וועט דאָס אַזוי אויפרעגן, וואָלטן מיר געפאָרן דורך סאַסעוו און אויסגעמיטן דעם וועג.

ווען מיר זיינען אַפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג פון דעם קבר און איך בין געקומען אביסל צו זיך פון דעם שטאָך אין הארצן, קוקנ־דיג אויף דעם פינצטערן קבר וואו אומשולדיגע יונגע מענשן ליגן, האָב איך זיי דערקלערט פארוואָס און צוליב וועמענס שולד זיי ליגן דאָרטן, — נישט פאר קיין אנדער זאַך ווי פאר דעם רויבערישן, ווילדן אימפעריאליזם, וואָס הערשט אין דער איצטיגער קאפּיטאַ־ליסטישער וועלט, וואו די הערשער זוכן נאָר אוועקצורייבן שטיקער לאַנד איינער פון דעם צווייטן; מעג דאָס אָפּקאָסטן הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע יונגע מענשלעכע לעבנס, גייט דאָס זיי נישט אָן אבי צו פארכאַפּן נאָך אַ שטיק לאַנד; און אונז האלטן זיי נישט מער ווי פאר „קאַנאָנען פלייש", און צווינגען די ארבעטער און אנדערע האָרעפּאַשנע מענטשן, וועלכע פארדינען זייער שטיקל ברויט מיט זייער שווייס, צו באוואָסערן מיט זייער בלוט די פעל־דער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם, כדי ער זאָל קאָנען שניידן גאָלדענע זאַנגען פון רויבערישע פּראָפיטן דורך פארכאַפּטע קאָלאָניעס, פאבריצירונג פון מאָרד־אמוניציעס און אנדערע טייוולשע געוועהר פון פארניכטונג. איך האָב זיי געטרייסט, אז עס וועט נאָך קומען זייער צייט אויך ווען די מענשהייט וועט זיך אויס־אויסטשוכענען פון דעם טשאַד וואָס ווערט פארשפּרייט פון די פארקויפטע גלחים, רבנים און אנדערע כלי קודש, ווי אויך זייערע געדונגענע פען־קנעכט, וואָס האלטן נאָר אין איין פארראַטן דעם פאָלק מיט פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע פון כלומר'שטן „פּאַטריאָטיזם", דאַן וועט קומען אַ סוף צו זייער בלוט־טיגער הערשאַפט לעולם ועד! ווען מיר גייען פארביי אַזאַ קבר ווי דער, הויבן מיר אויף אונזערע היט און בויגן אונזערע קעפּ פאר די אומשולדיגע מענשן, וואָס מען האָט אריינגעוואָרפן אין דער פינצטערער גרוב פאר דער צייט; אָבער ווען מ'וועט פארבייגיין די קברים פון די אימפעריאליסטן, וועט מען נישט אראָפּנעמען דאָס היטל נאָר מ'וועט געבן דריי מאָל אַ שפּיי און זאָגן: דאָ ליגן די בלוטיגע מאנסטערס, די רוצחים „כן יאבדו כל הרשעים!"

איך קום אָן אין מיין שטעטל

אריינגעקומען אין מיין שטעטל בילקאמען, האָב איך זי נישט דערקאָנט צוליב דעם חורבן וואָס די מלחמה האָט דאָרטן איבערגעלאָזט. ווי עס האָבן מיר דערציילט די איינוואוינער פון שטעטל, איז ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, זיינען אריינגע־

קומען ווי א שטורעם־ווינט די עסטרייכישע בריגאַדעס מיט א שטרענגן באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין 24 שעה צייט, ווייל דאָס שטעטל וועט באַלד ברענען איידער די „מאסקאַליעס" קומען אַן (אַזוי האָבן זיי גערופן דאָס רוסישע מיליטער). די איינוואוי־נער האָבן גענומען די בעסערע קליידער, דאָס בעטגעוואַנט און די מעש, קופּערוואַרג און דאָס אַלץ באַהאַלטן אין די קעלערס, און דאָס צירונג מיטן געלט באַהאַלטן אויף זיך און זיינען זיך צעלאָפן אַוואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן: קיין אונגאַרן, טשעכאָסלאָ־וואַקיע, און ווער אַפילו אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. ערשט ווען זיי האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז זיי קאָנען זיך שוין אומקערן אַהיים, האָט איינער נישט געוואוסט פון דעם צווייטן. די מענער האָבן נישט געוואוסט וואו זייערע פרויען זיינען, ווייל די רעגירונג האָט זיי געשיקט גראָבן שאַנצן (טראַנשייען), און די פרויען האָבן נישט געוואוסט וואו זייערע מענער געפינען זיך, צי זיי לעבן נאָך אָדער זיי זיינען נאָר דערשאָסן געוואָרן אין דער שלאַכט. פון די עלטערע קינדער זייערע וויסן, פיל פון זיי, נאָך ביז היינט־צו־טאָג נישט אַוואו זיי זיינען אַהינגעקומען, ווייל כמעט אַלע זיינען צוגענומען געוואָרן אין מיליטער דינסט.

איך שטיי און באַדויער וואָס פון אָט דעם שיינעם שטעטעלע איז געוואָרן: די הייזער פאַרברענט, די ברונעמס פאַרשאָטן, דעם טייך פאַרטריבן — פון אַלץ איז געוואָרן שטויב און אַש, אַלס א רעזולטאַט פון דער טייוולשער מלחמה. אַלץ וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן, איז די שול מיטן בית־המדרש, די בעלזער קלויז און עטלעכע הייזער מיט די צוויי קלויסטערס.

ווען די אַנטלאָפענע פּליטים־לינגע האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות אַהיים, און זיי האָבן אָפּגעזוכט די ערטער וואו זייערע הייזער זיינען געשטאַנען, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דאָס גאַנצע האָב און גוטס וואָס זיי האָבן געהאַט באַהאַלטן אין די קעלערס פאַר זייער אַנטלויפן, איז צעראַבירט געוואָרן. אַזוי זיינען זיי נעבעך געבליבן ווי אויפן וואַסער, אָן א היים, אָן א קישן אונטערן קאָפּ און אָן א קלייד אויפן לייב.

לענגער ווי איין מעת־לעת האָב איך אין מיין געבורט־פּלאַץ נישט געקאָנט פאַרבלייבן, ווייל מיט ווענען צו פאַרברענגען איז נישט געווען. פון דעם שטעטל איז געוואָרן א פינצטערער דערפל, פון די איבער דריי הונדערט אידישע פאַמיליעס, וואָס דאָרטן האָט זיך

נעפונען, איז איצט נישט מער פארבליבן ווי זיבעציג. אזוי האָבן זיי מיר דערציילט.

דורך דער קורצער צייט האָב איך באזוכט אייניגע ערטער. אויף דעם פּלאַץ וואו מיינע עלטערן ליגן, האָב איך געלאָזט רע־מאָנטירן מיין מוטערס מצבה; מיין פאָטערס מצבה אויסגעגלייכט, און מיין ברודער אברהם בערס׳ פאריכט. בין געווען אָנקוקן די שול, דעם בית-מדרש און די בעלזער קלויז. אין שול און אין בית־מדרש האָב איך קיינעם נישט געטראָפן, אָבער אין דער קלויז האָב איך באַגעגנט אַ מלמד, וועלכער איז געזעסן און געלערנט מיט קינדער.

דער דאָזיגער מלמד, אַ נידעריג אידל, נישט קיין אַלטער אין יאָרן, אָבער זעט דאָך אויס אַלט (צוליב די אָרימע קליידער וואָס ער טראָגט אויף זיך, וואָס מאַכן אים אויסקוקן עלטער ווי ער איז), אין אַ שפּיציגער פעטער יארמולקע, וואָס זיצט אויף זיין הויך־באַוואָקסענע קאָפּ האָר, וואָס איז גרוי פאַר דער צייט; צוויי גלייכע לאַנגע פּאות, יעדע האָר ווי אַ סטרונע; דער שטערן פול מיט טיפע קארבן, די שרעקעדיגע אויגן טיף באַהאַלטן אונטער לאַנגע ברעמען, וואָס הענגען אריבער די אויגן, די באָרד, האַלב שווארץ און האַלב גרוי, צעשויבערט, דאָס העמד צעבראַשטשעט, און דער טלית-קטן מיט די ציצית איבער די קני. ער האָט געטראָגן אַ כאַלאַט, אַ צעריסענעם, פון וועלכן די פרענז הענגען ארונטער, אַ פּאָר גרויע הויזן מיט שווארצע לאַטעס באַלייגט; אויף די פיס אַ פּאָר ווייבערישע „טשיזמעס" מיט לעכער, אָן זאָקן און אָן בענדלעך. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער לאַנגער באַנק וואו די תלמידים זיינען געזעסן, האָט מיר אָפּגעגעבן שלום-עליכם און זאָגט צו מיר: ווי איך זע, זענט איר נישט קיין היגער מענטש, אוודע אַן אַמעריקאַנער. מיט מיר צוזאַמען איז געגאַנגען יאָשע ווײַנרעפּס זון, זאָגט ער אים,: רבי, דער איד קומט פון אַמעריקע, נאָר ער איז אַ בילקאַמינער. פרעגט ער מיך ווי מען האָט גערופן מיין טאַטע, זאָג איך — מיר שניידער. זאָגט ער: אַן ערלעכער איד געווען אייער טאַטע. דערהערט, אַז איך בין זיינער אַ לאַנדס־מאַן, האָט דער מלמד זיך פאַר מיר אָפּגערעדט אביסל די שווע־ריגקייט פון זיין הארצן: אַזוי איר זענט דאָ אַ גאַסט פון אַמעריקע? זעט, (און ווייזט מיר מיטן פערטן פינגער פון זיין רעכטער האַנט) הער טענען, ווי דער אויוון איז באַלייגט מיט סאַזשע, די פענצטער פאַרבלאָטיגט, די שויבן זיינען פאַרשוואַרצט, די טיש און

בענק ניט געוואשן, די אינגלעך פארהונגערט, נאקעט און באר־וועס, און איך אליין — קוקט אן ווי איך זע אוים! איך לערן מיט זיי אן שכר־לימוד, ווייל די באלעבאטים האבן נישט קיין שטיקל ברויט אין הויז. די איינציגע האפענונג וואס מיר האבן איז, אז אמעריקע זאל זיך ווידער אויפהויבן. ווען אמעריקע האט געשיקט געלד, איז אריינגעקומען אלע וואך א גויע אין קלויז, אפגעקערט און אפגעוואשן און אפגעפוצט דאס מעשווארג, און אין שטאט איז געווען א פאלקס־קיך, וואו די קינדער האבן זיך דארטן זאט אנגעגעסן, און קליידונג פאר זיי האט אויך נישט אויסגעפעלט, און מיר האט מען געצאלט שכר־לימוד, איך זאל קאנען לעבן מיט מיין פאמיליע. אבער זינט אמעריקע האט אויפ־געהערט צו שיקן געלט, איז אלץ וויסט און פינצטער.

איך האב אפגעזוכט דעם פלאץ פון מיינע עלטערנס הויז און באטראכט דעם ארט וואו מיין וויגעלע איז געשטאנען. עס האבן זיך אין מיר דערוועקט קינדערשע דערמאנונגען, שטייענדיג אויף דעם פלאץ וואו איך בין געבוירן געווארן.

געקומען קיין זלאטשאוו צו מיין ברודער, האב איך באַ־קליידט און באשוכט מיינע צוויי ארימע פלימעניצעס — איינע דעם ברודער ישראל־איסר׳ס מידל, בערטא, און די צווייטע, די טאכטער פון מיין פארשטארבענעם ברודער מיכל — קלארא. האב איך זיי געגעבן א „גוד־טאים, ווי מ׳זאגט אין אמעריקע, מיט זיי געגאנגען אין א קינא, און געזען א בילד מיט דעם בארימטן שוי־שפילער דזשארדזש ארליס אין דער הויפט ראליע.

איך גיי מיט מיינע פלימעניצעס אין טעאטער

איך בין געגאנגען מיט מיינע פלימעניצעס אין זלאטשאוו אין טעאטער, וואו ס׳איז געשפילט געווארן די באוואוסטע 3־אקטיגע טראגעדיע „דער בלוטיגער געלעכטער״, פון דעם באַ־רימטן אידיש־דייטשן דראמאטורג ערנסט טאלער.

ערנסט טאלער איז א סאציאליסט און ער פירט אן דעם קאמף פאר דעם סאציאליסטישן אידעאל אויף זיין אייגנארטיגן „טא־לער׳שן״ אופן. אין זיינע פיעסן מאלט ער, אויף א העכסט קינסט־לערישן אופן, די גרויזאמקייט, עקלהאפטקייט און לעבערלעכקייט פון דעם קאפיטאליסטישן רעזשים. דאס זעט זיך בולט ארוים אין זיינע רעוואלוציאנערע דראמעס אין וועלכע עס שפיגלען זיך אפ די ליידן און שרעקלעכע קאמפן פון איינצלנע פערזענלעכקייטן

— ארבעטער — פאַראורזאַכט פון די משונהדיגע ווידערשפּרוכן פון דער בורזשואזיש־קאַפּיטאַליסטישער מיס־אָרדנונג.

דער העלד אין „בלוטיגן געלעכטער" איז אַן ארבעטער, א ריז, מיטן נאָמען אייגען הינקערמאַן, א נאָרמאַלער געזונטער מאַן, וועלכער האָט ליב זיין פרוי, גרעטע, און איז א געטרייער פאַמיליע־מאַן. ברעכט אָבער פּלוצלונג אויס די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה און ער קומט צוריק א פאַרוואונדעטער, א צעקריפּלטער, פיזיש אימפּאָטענט, און דאַן הויבט זיך אָן זיין שרעקלעכע טראַגעדיע.

זיין יונגע ליידנשאַפטלעכע פרוי פאַרליבט זיך אין זייערן א הויז־פריינט, פּאול גראסהאַן, און הגם דער מאַן האָט ניט דאַגעגן זייער ליבע, פונדעסטוועגן צעברעכט עס זיין לעבן.

עס איז געווען אַן אמת'ער גייסטיגער פאַרגעניגן צו זען אָט די שטורעמדיגע סאָציאַלע דראַמע, וואָס איז זייער גוט געשפּילט געוואָרן.

איך פאָר קיין לעמבערג אין טעאַטער

איך פאָר קיין לעמבערג מיט מיינע פּלימעניצעס צו זען א פאָרשטעלונג אין פּוילישן טעאַטער. זיי האָבן מיר דערציילט, אז אהין גייט די „אינטעליגענץ" פון דער שטאָט לעמבערג; די העכסטע שטאַטסמענער, די אָפיצערן און אויך די רייכע לייט און די פּריצים.

ווען מיינע פּלימעניצעס פון זלאָטשאָוו האָבן דערהערט, אז איך גיי מיט זיי פאָרן קיין לעמבערג אין פּוילישן טעאַטער, זיינען זיי געווען אויסער זיך פאַר פרייד. ערשטנס, אָנקוקן די שטאָט לעמבערג, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג געגאַרט צו זען, און דאָס צווייטע — צו זיין אין פּוילישן טעאַטער.

פרייטאָג, 3 אזייגער נאָכמיטאָג, זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון זלאָטשאָוו און האַלב נאָך 5 פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין לעמבערג, וואו מיר זיינען פאַרבליבן ביז זונטאָג נאַכט אין דעם האָטעל אסטאָריע. דורך די צוויי טעג זיינען מיר געווען אין א מוזיי און געזען א מלחמה בילד. עס ווערט דאָרטן געוויזן ווי צוויי שונאים וואָס פירן דעם קריג איינער קעגן דעם צווייטן, טרעפן זיך צוזאַמען און שלאָגן זיך.

דער שלאַכט־פּלאַץ ווערט פאָרגעשטעלט אין אַזעלכע בולט'ע בילדער און פאַרבן, אַז ווען מ'קוקט זיך גוט צו ווי די שלאַכט

גייט אָן, פאַרגעסט מען פּשוט צו מ׳איז אין אַ מוזיי אָדער אין דרויסן. אַזוי איז דאָס בילד געמאָלן. מ׳האָט מיר געזאָגט אין לעמבערג, אַז פיל לענדער האָבן געוואָלט אָפּקויפן דאָס בילד, אָבער זיי קאָנען דאָס נישט קריגן פאַר קיין געלט אין דער וועלט, און דאָס בילד בלייבט דאָס אייגנטום פון דער שטאָט לעמבערג.

אין אָוונט זיינען מיר געגאַנגען אין פּוילישן טעאַטער. די בילעטן זיינען צימלעך טייער אויף זייער געלט. דער טעאַטער איז אַ שיינע, הויכע געביידע און שטייט אויף דער ברייטער גאַס. אינעווייניג איז ער נאָך שענער, מ׳קאָן דעם טעאַטער כמעט פאַר־גלייכן מיט אַ ניו יאָרקער גרויסן טעאַטער.

דער סוזשעט פון דאָס שטיק, וואָס האָט זיך יענעם אָוונט געשפּילט איז געווען, ווי אַ רייכער יונגערמאַן פאַרליבט זיך אין אַן אָרימער שיינער מיידל, און זיינע עלטערן ווילן צעשטערן דעם שידוך. דער סוף לאָזט זיך אויס, אַז דער רייכער יונגערמאַן פאַר־לאָזט זיינע עלטערן און הייראַט מיט דער אָרימער מיידל.

זיצנדיג אין טעאַטער האָב איך זיך דערינערט אין דער איטאַ־ליענישער שיינער מאַריאַ וואָס אויף איר נאָמען האָבן די איטאַ־ליענער פאַרפאַסט אַ ליד „וואָעמאַרי”. אַ שיינע אָרימע מיידל שטייט אויף דער גאַס און פאַרקויפט בלומען. קומט צו אַ רייכער יונגערמאַן, קויפט בא איר אַ בוקעט בלומען און ער פאַליבט זיך אין איר.

איך דענק אַז דער פאַרפאַסער פון אָט־דער פּיעסע איז אויסג־געווען צו ווייזן דער אָרימער וועלט, אַז אַן אָרימע מיידל האָט אויך אַ געלעגנהייט רייך צו ווערן ווען זי האָט נאָר מזל, (אַ רעכט־דענקנדיגער מענטש גלויבט נישט אין דעם. פון „מזל” האַלטן נאָר אַבערגלויבערישע מענטשן, וועלכע ווערן פאַרפירט פון פאַלשע געדאַנקען. פּראָלעטאַרישע דענקער באַשטייען, אַז אַלץ הייננגט אָפּ פון עקאָנאָמישע אינטערעסן און קלאַסן־קאַמף).

זונטאָג נאָך מיטאָג זיינען מיר געגאַנגען אין אַ קינאָ, וואו מיר האָבן ווידער געזען אַמעריקאַנער בילדער, און מיינע פּלימע־ניצעס האָבן זיך ווידער גוט אַמוזירט. אַרויסגעקומען פון דער קינאָ זיינען מיר אַרומגעגאַנגען באַטראַכטן די שטאָט לעמבערג ביז פאַרנאַכט, און געזען אַלץ אינטערעסאַנטעס וואָס עס געפינט זיך אין דער שטאָט. ביינאַכט זיינען מיר צוריקגעפאָרן קיין זלאָטשאָוו.

אַ וויכטיגן באַזוך האָב איך געמאַכט אין זלאָטשאָוו, וואָס

האט מיר פארשאפט פיל פארגעניגן. דאס איז געווען די באקאנט־שאפט מיט דעם קלוגן און איידעלן אלטער שטערן. איך האב אים געבראכט א גרוס פון אברהם פישמאן, (דער היימישער פיכטנער) און א צאל געדרוקטע לידער זיינע. דער הער שטערן האט פאר־געלייענט די לידער פאר עטלעכע אנוועזנדע פריינט זיינע, איינ־שליסנדיג איציק באטשאטשע און סאנטשע פיכטנער (א ברודער פון אברהם), און פאר זיינע דערוואקסענע קינדער, און מיר האבן געהאט א גרוים גייסטיג פארגעניגן. ווען איך בין אוועקגעגאנגען, האט דער איידעלער מענטש פארלאנגט פון מיר, דורך דער צייט וואס איך וועל זיין אין זלאטשאוו, זאל איך אים מערערע מאל באזוכן.

אין דער שטאט זלאטשאוו האב איך זיך צוזאמענגעטראפן מיט א מאן, וואס איז געווען אין אמעריקע צוריק מיט א יאר 30, און ער פלעגט אריינקומען צו מיר אין הויז אריין. דעם אמת זאגנדיג, האב איך אים ניט דערקאנט. ער איז דאן אלט געווען נישט מער ווי א יאר 17 און איצט איז ער א מאן פון איבער 47 יאר. ער איז דורך דער צייט העכער, פארעלטערט און באַ־וואקסן געווארן. דאס שיינע געזיכט מיט די רויזע באקן ווי פון א שיינער פרוי, וואס פיל מיידלעך האבן געמעגט מקנא זיין אזא שיין פנים, איז פארענדערט געווארן.

טשיקאווע איז געווען אונזער דערקענען זיך איינער דעם צווייטן. גייענדיג אין גאס מיט א לאנדסמאן פון געבורטס־שטעטל, סאנטשע פיכטנער, קומט אונז אנטקעגן א מאן מיט א קורץ־געשוירן שפּיציג בערדל, אן פאות, שיין, עלעגאנט אנגעטאן, מיט א ווייכן העלן הוט, און אין א טייערן אנצוג, וואס קאסט אוודאי 5 דאלאר א מעטער. ער שטעלט אונז אפ, בעט אנטשולדיגונג, גיט מיר אפּ דעם אמעריקאנער „האו־דו־יו־דו" (שלום־עליכם), און זאגט צו מיר: ווי איך זע, איז דער הער, אדער ווי מען זאגט אין אמעריקע, דער „מיסטער" געקומען פון אמעריקע. זאג איך אים: געטראפן. פרעגט ער מיר ווי רופט מען די שטאט פון וואנען איך קום. זאג איך אים — ברוקלין.

ער איז געווען כמעט דער איינציגער, וואס האט מיר גע־פרעגט אויף מיין פאמיליע ווי עס באדארף צו זיין. די אנדערע האבן נישט געהאט דעם שכל מיר אזוי צו פרעגן. זיי האבן אוודאי געמיינט, אז איך וואוין אין אמעריקע אין דער הויפט־שטאט וואַ־שינגטאן, וואו עס זיינען פאראן 48 גאסן, וואס רופן זיך אויף

די נעמען פון די 48 שטאַטן; און אַזוי ווי זייערע פריינט און קרובים וואוינען אין די שטאַטן, מוז איך זיי אָוואדע קאָנען. זיי מוזן מן הסתם דענקען: ווי גרויס קאָן זיין דאָס גאַנצע „שטעטל" מיט די 48 גאַסן — אפשר עפּעס גרעסער פון זלאַטשאָוו, מוז איינער דעם צווייטן קאָנען... אַזוי האָבן זיי געוואָלט אויסגעפינען דורך מיר ווי עס גייען די געשעפטן פון זייערע פריינט. פרעגט מיר איינער, ווי גייט דאָס מיין פעטער אין סענט־לואיס, מיין ברודער אין שיקאַגאָ, מיין שוועסטער אין פילאַדעלפיע? צוויי פרויען האָבן מיר געפרעגט — איינע אויף איר שוועסטער אין מיאַמי, פלאָ־רידאַ, און די צווייטע — אויף איר מומע אין סאַן־פראַנציסקאָ, און אַזוי ווייטער... ווען איך האָב דערזען, אַז אין דערשטאָט זלאַטשאָוו געפינט זיך אַ טייל פון די כעלמער חכמים, וועלכע האָבן נעבאך פאַרבלאָנדזשעט אהין, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פאַר זיי דאַרף מען געברויכן דעם אַמעריקאַנער ענטפער, און דאָס איז: „זיי מאַכן אַ לעבן", און אַזוי אַרום שנעלער באַפרייט צו ווערן פון זייערע נאַאיוו־קינדערשע פראַגן. דער שימלמאַן אָבער האָט גע־שטעלט די פראַגע אויף אַ קלוגן, אינטעליגענטן אופן, נעמלעך: עס קאָן זיך טרעפן, אַז איר זאָלט אפשר קאָנען אַ מאַן מיטן נאָמען מאַקס טענען? ער האָט אַ רוסישע פרוי, אַ נידעריקע, אַ בלאָנדינקע, זיי האָבן צוויי זין, און האָבן געוואוינט אין 88 יוניאָן סטריט, איצט מאַנהעטן עוועניו. דערהערט, אַז דער מאַן פרעגט זיך נאָך טאַקע אויף מיר אַליין, פרעג איך אים: ווי איז אייער נאָמען? זאָגט ער מיר משה שימלמאַן. האָב איך זיך גלייך דערמאָנט ווער ער איז. דער שימלמאַן פלעגט אַריינקומען צו מיר אין הויז טאַקע מיט מיינעם אַ קאָזין, משה טענען, וואו מיר האָבן מיט זיי פאַרבראַכט זייער גוט. משה שימלמאַן איז אַן אינטעליגענטער מאַן, באַזיצט עטלעכע שפּראַכן, און אויסער זיין בילדונג איז ער אַ פריילעכער, פריינטלעכער מענטש. רוף איך זיך אָן צו אים: הער שימלמאַן, איר רעדט איצט צו דעם מאַן אויף וועלכן איר פרעגט זיך נאָך. איז די פרייד צווישן אונז געווען אַזוי ווי צווישן מיר מיט מיין ברודער ווען מיר האָבן זיך ערשט צוזאַמענגעטראָפן. אונזערע הענט זיינען געוואָרן צוגעשמידט איינע צו די אַנדערע, נישט אָפּצורייסן פאַר פרייד. ער גיט מיך אַ פרעג: הער טענען, וואָס טוט איר דאָ אין זלאַטשאָוו? זאָג איך אים, אַז איך בין געקומען צו מיין ברו־דער. וואָס איך הער, זאָגט ער צו מיר, אייער ברודער וואוינט אין זלאַטשאָוו? איך בין נייגעריג אים צו קאָנען. דער ברודער מיינער

איז דאמאָלסט גראד געווען אין מארק בא דער בודקע, זיינען מיר צוגעגאנגען אהין. ווען איך האָב אים פאָרגעשטעלט, איז מיין ברודער געווען זייער צופרידן צו שליסן קאָנטשאַפט מיט דעם הער שימלמאַן, דעם שענסטן באַלעבאָס אין שטאָט. דאַן האָט ער פארלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל מיט אים גיין אין זיין קלייט אריין. ער האָט געבעטן מיין ברודער ער זאָל אים אנטשולדיגן און מיר זיינען אוועק צו אים אין געשעפט אריין.

אריינגעקומען צו אים אין קלייט, האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאר זיין שותף, זיין זון, זייער קאָמי און בוכהאַלטער. ער האָט זיי דערציילט, אַז ער און מיין קאַזין פלעגן קומען אַלע וואָך צו מיר אין הויז אריין, געטראָפן מענטשן פון פארשיידענע ריכ־טונגען, און וואו ער האָט געהאַט אַן אמת'דיג גייסטיגן פארגעניגן בא מיר. ער האָט מיך אויסגעפרעגט אויף די מענטשן און האָט געזאָגט, אַז ער וועט קיין מאָל נישט פארגעסן די פיינע געזעלשאַפט און דעם גייסטיגן עונג רוח וואָס ער האָט געהאַט פארברענגענדיג אין מיין הויז. נאָכדעם ווי איך האָב פארבראַכט מיט זיי אַ פאָר שטונדן צייט, האָט מיר דער הער שימלמאַן איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אויף אַ באַשטימטן טאָג. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען, זייענדיג נייגעריג זיך אויך צו באַקענען מיט זיין פרוי און מיט זיינע קינדער. אינגאַנצן האָט ער דאַן געהאַט צוויי קינדער, אַ בחור און אַ מיידל. די מיידל איז געווען פארלאָבט פאר אַ סטודענט, וואָס האָט דאַמאָלסט שטודירט אין טארנאָפּאָל אויף דאָקטאָר.

אריינגעקומען אין הויז, האָט מיך הער שימלמאַן פאָרגעשטעלט פאר זיין ליבער פרוי, און פאר זיין חנ'עוודיגער טעכטערל. די פרוי זיינע האָט מיך זייער שיין טראַקטירט. זי האָט צוגעגרייט פארשיידענע עסנווארג און געטראַנקען פון דאָס בעסטע, פאר איר מאַנ'ס פריינט, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע צו גאַסט קיין זלאָטשאָוו. דאַן האָט ער מיר געוויזן די צימערן פון דער הויז, וואָס זיינען געווען זייער שיין אויסגעמעבלירט לויט דער לעצטער מאָדע, יעדער צימער מיט מאָדערנע מעבל, איינער אַנדערש פון צווייטן, און אויסגעקליבן מיט אַן ארטיסטישן געשמאַק. מיר האָבן פארבראַכט עטלעכע שטונדן, דאַן זיינען זיי מיט מיר געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר ארום דער שטאָט, מיר געוויזן די נייע איינריכ־טונגען, וואָס מען האָט לעצטנס געמאַכט אין זלאָטשאָוו: די נייע שלאַכט־הייזער וואו די מאַשינעריע ווערט באַטריבן מיט עלעק־טרישער קראַפט; דעם טאַנץ־פּלאַץ, דעם שווים־פּלאַץ, דעם צובייסן־

פלאץ וואו עס ווערט פארקויפט לאדיע, סאָדא-וואסער און בוטער־בראטן. אזוי גייענדיג, זיינען מיר ארויפגעגאנגען אויף דער „קעמפּע", וואו מיר האָבן זיך אביסל אָפּגערוט פון דעם לאנגן שפּאציר, זיך פריינטלעך געזעגנט און זיך פאנאנדערגעגאנגען.

איך פאָר קיין פאמורן

מיין ברודער האָט מיך געבעטן איך זאָל מיט אים פאָרן צוגאַסט צו זיין זון גרשון אין פאמורן. מיט אונז צוזאַמען איז אויך געפאָרן זיין מיידל בערטא, און מיין פלימעניצע קלארא.

פאָרנדיג קיין פאמורן, פאָרט מען דורך א דאָרף, וואָס דאָרט האָבן רויבער ערשט דערהארגעט א גאַסט פון אַמעריקע, מיינענדיג אז ער האָט געבראכט מיט זיך א סך געלט. האָט מיין ברודער מורא געהאַט, אז מיט אונז זאָל חלילה דאָס זעלביגע ניט פּאסירן. קיין עראָפּלאַנען זיינען נאָך ניט געפלויגן פאר פּאסאזשירן דאָרטן. געקומען צום דאָרף, האָט מיין ברודער געהייסן דעם בעל־עגלה דורכפאָרן וואָס שנעלער. אריינגעקומען אין שטעטל, זיינען מיר גלייך פאָרפאָרן צו גרשון'ען. אריינגעקומען צו אים אין הויז, האָבן מיר דאָרטן שוין געטראָפן א שטוב מיט אידן. זיי האָבן שוין געוואוסט, אז גרשון'ס פעטער איז געקומען פון אמעריקע און ער דאַרף באַלד אָנקומען אַהער, און זיי ווילן קאָנען אָפּנעמען א גרוס פון זייערע פריינט און פארוואַנדטע, וואָס וואוינען אין אמעריקע. אוודאי אויך געמיינט, אז איך קאָן אַלעמען אין אמע־ריקע, אזוי ווי יענע זלאַטשאָווער „חכמים" האָבן געמיינט. איך גיי ארויס באטראכטן דאָס שטעטל פאמורן און קוק אין הימל אריין, הער איך ווי איינער פרעגט דעם צווייטן: וואָס קוקט עפּעס דער אמעריקאנער אין הימל אריין? ענטפערט אים יענער: „אז אן אמעריקאנער קוקט, ווייסט ער אוודע וואָס ער קוקט". איז דער איד נישט געווען צופרידן מיט דעם ענטפער און ער קומט ארויס צו מיר און פרעגט וואָס איך זע אין הימל. זאָג איך אים אז קיין שמאטעס נישט. זאָגט ער: וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאלן צו זוכן שמאטעס אין הימל? דערצייל איך אים, אז מען האָט מיר געזאָגט, אז אין פאמורן איז דער הימל פארשטעקט מיט שמאטעס. האָבן זיי זיך צעלאכט און געגעבן א זאָג „אן אמערי־קאנער בלייבט אן אמעריקאנער".

מיין פלימעניצע גיטל, א נידעריקע שיינע בלאָנדע פרוי, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט מיטאָג־ברויט פאר די געסט, און אז מיר

זיינען געקומען, איז דער מיטאָג מאָלצייט געווען פּאַרטיק — נישט זייער רייך אָבער מיט אַן אמת׳ן געשמאַק. נאָכן עסן איז דער פּלימעניק גרשון מיט מיר אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן כדי זיך מיט מיר דורכריידן און מיר דערציילט זיין לאַגע ווי שווער עס קומט אָן איידער מ׳פאַרדינט עטלעכע זלאָטעס, אַז מ׳זאָל קאָנען אויסהאַלטן דאָס ווייב מיט די דריי פּיצלעך קינדער. אַזוי ריידנדיג, זיינען מיר צוגעקומען צום שטאַל, וואו זיינע צוויי אויסגעדאַרטע קליאַטשעס שטייען אַן עסן, איינע אַ שוואַרצע, בלינד אויף ביידע אויגן, און די צווייטע אַ קאַשטאַן, מיט איין אויג. הייסט דאָס: צוויי פערד מיט איין אויג. די שוואַרצע שקאַפּע שטייט און בלאָזט מיט די נאָזלעכער, מיינענדיג אַז מען טראָגט עפּעס פאַר איר צום עסן. דער קאַשטאַן מיט איין אויג דרייט אויס דעם קאָפּ צו אונז און קוקט פיליכט טראָגט מען צו איר עפּעס אין מויל אַריין. אָנצייגנדיג מיר אויף די צוויי אויסגעמאָגערטע פערדלעך, זאָגט ער: איר זעט, פעטער, זיי זיינען מיינע ברויט־געבער. מיט זיי שלעפּ איך זיך אַלע וואָך קיין זלאַטשאָוו אויפן יאריד, אַמאָל מיט אַ ביסל סחורה, וואָס סוחרים גיבן מיר דאָס אוועקצופירן אויפן יאריד, און אַמאָל אויף צוריק. דערפון צי איך מיין אָרימע חיונה, — דאָס הייסט, אַז דו בינסט אַ בעל־עגלה, זאָגט איך. — פעטער, הלוואי וואָלט איך געהאַט, זאָגט ער, צוויי געזונטע פערד מיט פיר אויגן, וואָלט איך טאַקע געווען אַ בעל־עגלה ווי אין פּסוק שטייט. מיין ווייב מיט די קינדער וואָלטן געהאַט זאַט זיך אָנצועסן. איך וועל שוין נישט ריידן פון קיין צירונג אָדער פון סאַמעטענע קליידער פאַר דער ווייב, אָבער קיין ברויט וואָלט זיי שוין נישט אויסגעפעלט; אָבער מיט די צוויי אויסגעטרינקטע שקאַפּעס קען איך קיין בעל־עגלה ניט זיין, אַ בעל־עגלה דאַרף האָבן צוויי סוסים וואָס זיי זאָלן קאָנען לויפן, און נישט שלעפּן זיך ווי איך שלעפּ זיך מיט זיי. היינטיגע צייטן אַז עמיצער וויל ערגיץ פאָרן, וויל ער אַז מען זאָל אים ברענגען אויפן אָרט וואָס שנעלער, נישט ווי מען פלעגט זיך שלעפּן מיט הונדערט יאָר צוריק. אָט אַזוי האָט ער מיר דערקלערט די הלכות בעל־עגלה׳ריי, און האָט מיך געבעטן, אַז ווען איך וועל צוריקקומען אין אַמעריקע, זאָל איז זיך זען מיט זיין ווייב׳ס פאַמיליע, זיי איבערגעבן וועגן זיין פּעקל צרות און זיי בעטן, אַז זיי זאָלן אים שיקן געלט ער זאָל זיך קענען קויפן צוויי געזונטע פערד צו באַזאָרגן זיין פאַמיליע מיט ברויט.

פאַרנאַכט זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין זלאַטשאָוו וואו מיינע

שוועגערינס האָבן שוין אויף אונז אַרויסגעקוקט מיט זאָרג, ווייל זיי האָבן זיך אויך געשראָקן, אַז קיין אומגליק זאָל מיט מיר נישט פּאַסירן אין דעם דאָרף וואָס מ'פּאָרט פּאַרביי. ווען זיי האָבן אונז דערזען, זיינען זיי געווען איבערגליקלעך וואָס מיר זיינען שוין צוריק בשלום אין דער היים.

איך פאָר קיין יאַסענאָוויץ

איך פאָר צו מיין פּלימעניק יאַנקל אין יאַסענאָוויץ. דער פּלימעניק מיינער איז שוין נישט קיין האַלבער בעל־עגלה מיט צוויי אויסגעדאַרטע שקאַפּעס מיט איין אויג, נאָר ער האָט אַ קרעטשמע מיט אַ גרויסן שענק, פאַרקויפט שנאַפּס, ביר, טאַבאַק, ברויט, זעמל, א. אז. וו., דערציילט ער מיר, יאַקבי, אַז די הויז מיט דעם שענק און דער גרויסער גאָרטן לעבן דער קרעטשמע, און די שטאַלן מיט די בהמות באַלאַנגען צו זיין פרוי סערל'ען און נישט צו אים; אַז ווען ער האָט געהייראַט מיט דער אלמנה מיט 5 קינדער, האָט זי אים פאַרשפּראָכן אָפּצושרייבן אַ טייל פון איר פאַרמעגן וואָס איר ערשטער מאַן האָט אויף איר אָפּגעשריבן; אָבער עס זיינען שוין אַוועק יאָרן און זי האָט געבוירן אים אַ אינגל וואָס איצט איז ער שוין 8 יאָר אַלט, און זי האָט אים נאָך אַלץ נישט אָפּגעשריבן דעם טייל פאַרמעגן. באַקלאָגט ער זיך פאַר מיר, אַז ער פילט זיך אין הויז נאָר ווי אַ „פאַרעבאָק" און נישט ווי אַ באַלעבאָס.

די פרוי זיינע האָט מיך זייער גוט טראַקטירט, ווייל וואָס אין מויל צו נעמען האָט דאָרטן נית אויסגעפעלט, סיי פון עסנ־ווארג, און סיי פון געטראַנקען. מ'מוז איר געבן „קרעדיט" פאַר איר שאַרפן בליק אויף אַלץ און אַלעמען: אין געשעפט, איז זי ווי דער בעסטער געשעפטסמאַן און אָן איר השגחה ווערט קיין זאַך נית געטאָן אין דער באַלעבאַטישקייט.

מיינע פּלימעניצעס, בערטא און קלאַרא, פאַרבעטן מיך אויף מוצאי־שבת צו גיין מיט זיי שפּאַצירן אויף דער „קעמפּע", (אַזאַ שפּאַציר פּלאַץ אין דער שטאָט זלאַטשאָוו). קומענדיג צו דער „קעמפּע", הערן מיר אַן עכאָ פון בחור'שע און מיידלשע געזאַנגען. האָט דאָס מיך זייער געצויגן אַהין, (אַזאַ נאַטור באַ מיר, וואָס ציט מיך צו הערן געזאַנג). זאָג איך זיי: קינדער, לאָמיר צוגיין נעענטער, וועלן מיר זיך קאָנען בעסער איינהערן צו זייערע לידער. געגאַנגען זיינען מיר נאָכן קול נאָך. די „קעמפּע" איז גרויס און

די טונקעלע אַלייען זיינען שוואַך באַלויכטן פון די עלעקטרישע לאַמפּן. די אינגלעך און מיידלעך האָבן זיך פאַרקליבן אין איינעם פון די טיפע ווינקלען, אַז קיינער זאָל זיי ניט זען און אָנגענו־מען זיך באַ די הענט, טאַנצן זיי און זינגען אידישע און העברייי־אישע לידער.

ווען זיי האָבן דערזען מיט זייערע יונגע ליכטיגע אויגעלעך, אַז אנדערע מענטשן קומען צו, זיינען זיי זיך צעלאָפן, אַז קיינער זאָל זייער געביין נישט געפינען. מסתמא חסיד'ישע קינדער האָבן זיי מורא געהאַט, אַז זייערע עלטערן זאָלן זיך דערפון ניט דערוויסן.

דאָס האָט מיך דערינערט אין מיינע קינדער־יאָרן, ווען מיר, אינגלעך און מיידלעך, פלעגן אַרומשפּאַצירן שבת פאַרנאַכט, ווען די טאַטעס האָבן געפּראַוועט „מלוה מלכה". קיין וואַל אָדער קעמפּע ווי אין זלאַטשאָוו, איז טאַקע באַ אונז אין שטעטל נישט געווען, ד. ה., אַ שפּאַציר־פּלאַץ איז אפילו יאָ געווען (מען האָט אים גערופן „אָגרענט"), האָט ער אָבער באַלאַנגט צום פּריץ, שניידער איז געווען זיין נאָמען, האָט ער קיינעם אַהין נישט אַריינ־געלאָזט שפּאַצירן, אויסער זיינע פריינט, און ווען אימיצער האָט זיך דערלויבט אַהין אַריינצו'גנב'ענען און מען האָט אים געכאַפּט, האָט מען אים אַרויסגעפירט מיט שאַנד. האָבן מיר שפּאַצירט איבער דעם מאַרק, די מיידלעך פּאַראַוויס און די אינגלעך פון הינטן, און געזונגען ליבע לידער, נישט אין העברייאיש, נאָר אין פּראָסט אידיש. איז דאָס שוין געווען אויסער געפאַר, אַז אונזערע טאַטעס זאָלן זיך דערפון דערוויסן. דאָס האָט מיר געגעבן אַ באַגריף, אַז די קינדערשע טראַדיציעס האַלטן נאָך אָן ביז היינטיגן טאָג און ווי עס זעט אויס, וועלן זיי אַזוי אָנהאַלטן ווייטער און ווייטער.

נאָך אַ וויכטיגן באַזוך האָב איך געמאַכט אין דער שטאָט זלאַטשאָוו, באַ מיין קאָזין יעקל טענעבוים, זייער אַן אינטעליגענ־טער מענטש, און אַ שיינע פּערזענלעכקייט דערצו. ער אַרבעט אַלס קלוירק אויף דער פּאָסט. געווען באַ אים אין הויז און זיין פרוי האָט מיר געגעבן אַ שיינע אויפנאַמע, האָבן מיר אויסגע־פרעגט אויב איך זע זיך אַמאָל מיט די קוזינעס וואָס וואוינען אין ווילמינגטאָן, דעלעוואַר, האָב איך זיי געזאָגט, אַז נישט אָפט, אָבער אַמאָל יאָ. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין עלטערן ברודער מרדכי און אויף זיינע צוויי שוועסטער. דערציילט ער מיר, אַז דער ברודער וואוינט אין בעלגיע, די עלטערע שוועסטער

טויזשע אין זלאטשאוו און די אינגערע שוועסטער, מינע, וואוינט אין ווין. עס האט מיך געפרייט צו הערן, אז זיין שוועסטער, מינע, וואוינט אין ווין. איך האב אים דערציילט, אז איך דענק צו פארן פון פוילן קיין עסטרייך און אווארע זיין אין דער שטאט ווין, און בעט בא אים איר אדרעס, אז איך זאל איר קאנען אפשטאטן א וויזיט. זאגט ער מיר, אז ווען איך וועל האלטן ביים אוועקפארן, זאל איך אים לאזן וויסן, וועט ער איר שרייבן א בריוו, אז זי זאל מיך אפווארטן ביי דער באן. איך האב מיט זיי פארבראכט א פריילעכן אוונט. דעם אמת זאגנדיג, איז אינטעלעקטועל פאר־ברענגען מיטן ברודער אליין די גאנצע צייט וואס איך בין געווען אין זלאטשאוו, האב איך נישט געקאנט. טאקע צוויי ברידער, אבער מיט צוויי באזונדערע וועלט-אנשויאונגען. זיין בליק אויפן לעבן איז א פרימיטיווער, ווי פון א מענטש פון אמאל. זיינע באגריפן איבער דעם היינטיגן געזעלשאפטלעכן לעבן זיינען גאר אנדערע ווי מיינע. מיין אני־מאמין איז אן אנדערער ווי זיינער. אזוי האבן מיר נישט געהאט קיינע וכוחים צווישן זיך, סיי איבער פאליטישע פראגן און סיי איבער עקאנאמישע פראגן, אויסער וואס מיר האבן גערעדט איבער פאמיליע אנגעלעגנהייטן. עס איז א פאקט, אז ווי גרויס א פאמיליע זאל ניט זיין אין דער צאל מיטגלידער, קאן מען נישט ריידן פאר וואכן כסדר איבער איין און דערזעלביגער זאך. נאך אלעמען, בין איך דאך נישט געפארן צום ברודער צו האבן דעבאטעס מיט אים. מיין גאנצע נסיעה איז געווען נישט מער און נישט ווייניגער ווי אויסצופירן די מיסיע וועגן וועלכער מיין ברודער האט מיר געשריבן, אז מיט מיין קומען וועל איך אים זיינע יארן פארלענגערן, און זיין וואונטש איז מיך נאך איין מאל צו זען איידער מיר שיידן זיך אויף אייביג. ער האט אויך געשריבן, אז פון זיבן קינדער זיינען נאר מיר צוויי פארבליבן, פאר וואס־זשע זאלן מיר זיך נישט זען נאך איין מאל אין אונזער לעבן? לייענענדיג אט־די ווערטער זיינע, איז מיין הארץ גערירט געווארן, און איך האב זיין וואונטש דערפילט. אבער נאך דעם ווי אונזער ביידענ׳ס שטארקער באגער זיך צו זען איז פארווירקלעכט געווארן; נאך דעם ווי מיר האבן צוזאמען פארבראכט פיר וואכן צייט און אנגערעדט זיך זאט, סיי פון אונזערע קינדער יארן, סיי פון אונ־זער פארשיידנארטיגן לעבן אין גאליציע און אין אמעריקע, איז קיין חידוש ניט וואס איך האב זיך פארבענקט נאך געשפרעכן פון א העכערן אינטעלעקטועלן און גייסטיגן כאראקטער, און איך

האָב זיך שטאַרק געגויטיגט אין צערשטרייאונג נאָך די אַלע טראַ־געדיעס אין פאַמיליע־לעבן, האָבנדיג פאַרלאָרן צוויי גוטע געטרייע ווייבער אין אַכט יאָר צייט. עס איז אמת, אַז מיין מיסיע, וואָס איך האָב דורכגעפירט מיט דער רייזע איז אויך געווען אַ שטיק געזונטער צייט־פאַרטרייב. אָבער מיינע וואונדן זיינען דערמיט נישט פאָלקאָם פאַרהיילט געוואָרן. איז זייענדיג אין אייראָפּע, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן זען אַנדערע לענדער אויך.

איך פאָר קיין ווין

פון פוילן בין איך געפאָרן קיין עסטרייך, דורך טשעכאָ־סלאוואַקיע, און זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט ווין אויף איבער צוויי וואָכן צייט. ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ערשטער טשעכישער סטאַנציע, איז מיין אויפמערקזאַמקייט צוגע־צויגן געוואָרן ווען איך האָב געזען ווי מיידלעך זיינען די שוויי־צאַרן באַ דער באַן. כ'האָב באַוואונדערט זייער מוט און קרעפ־טיגקייט. זיי טראָגן אויף זיך די שווערסטע משא אויף ברייטע רימענע פאַסן, אַזוי ווי דער שטאַרקסטער מאַן, און וואָס פאַרא שווערן באַגאַזש איר זאָלט מיט זיך נישט פירן, טראָגן זיי דאָס פאַר אייך וואוהין איר הייסט זיי, מיט דער קלענסטער מי. איך האָב פּשוט מיינע אויגן נישט געגלויבט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי טוען די אַרבעט אפילו אונטער „אַנדערע אומשטענדן”.

מיט קיין וויזע האָב איך זיך נישט געהאַט פאַרזאָרגט אריינ־צופאָרן אין עסטרייך, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אויפן גרעניץ וועל איך זי אויך קריגן.

אויף דער עסטרייכישער גרעניץ קומט אריין אין וואַגאָן דער וואַכמאַן און הייסט מיר ווייזן מיין פּאַס. איך גיב אים דעם פּאַס, געפינט ער אויס, אַז איך האָב נישט קיין וויזע פאַר עסטרייך. גיט ער אַ זאָג צו מיר: „זי האָבן קיין וויזע פאַר עסטרייך”. זאָג איך אים, אַז איך וויל דאָ נעמען אַ וויזע און פרעג אים וויפיל דאַרף עס מיך קאָסטן. זאָגט ער: דריי דאָלאַר. אין די רייד פון וואַכמאַן צו מיר, האָט זיך פאַראינטערעסירט אַ מאַן, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, אַ ווינער קוילן־סוחר. באַמערקנדיג, אַז ער האַלט אין האַנט שלום־עליכמ'ס אַ בוך, האָב איך מיט דעם אידן פאַר־פירט אַ שמועס און זאָג צו אים: ווי איך זע, ווערן שלום־עליכמ'ס ווערק געלייענט איבעראַל. איז ער געווען נייגעריג צו וויסן אויב איך בין באַהאַוונט אין שלום־עליכמ'ס שריפטן, פרעגט ער מיך:

האָט איר אויך געלייענט עפּעס פון שלום־עליכם? זאָג איך: יאָ, איך האָב אַלע זיינע שריפטן דורכגעלייענט. איז דאָס דעם אידן זייער אַנגענעם געווען צו הערן און ער האָט געזאָגט: עס פרייט מיך צו טרעפן אַן אַמעריקאַנער אידן, וואָס איז באַקאַנט מיט שלום עליכם'ס שריפטן, (אַזוי האָט אונזער באַקאַנטשאַפט אָנגע־האַלטן ביז ווין). רופט זיך מיין נייער באַקאַנטער אָן צום וואַכמאַן: איך נעם די וויזע פאַר אַט דעם הער. האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז די וויזע וועט מיך שוין קאָסטן ביליגער, און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ער איז אַרונטערגעגאַנגען מיטן וואַכמאַן צו דער קאַסע און געקראָגן אַ וויזע פאַר צוויי דאָלער מיט פערציג סענט און מיר איינגעשפּאָרט זעכציק סענט. כ'האָב אים באַדאַנקט פאַר זיין מי און אים פאַרשפּראָכן אָפּצושטאַטן אַ וויזיט אויף דעם אַדרעס פון זיין נעשעפט־קאַרט, וואָס ער האָט מיר געגעבן. ווען איך בין אָנגעקומען אין ווינער באַן־הויף, קומט צו צו מיר אַ שיינע פרוי, עלעגאַנט געקליידעט און פרעגט מיך אויב מיין נאָמען איז טענען. ענטפער איך איר: יאָ. און אייער נאָמען איז אַוואַדע מינא פרענקלין? זאָגט זי — יאָ. האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז מיר זיינען קרובים. זי האָט גלייך גענומען אַ טאַקסאַ־מיטער (ווי מען רופט דאָס באַ זיי) און געהייסן פאָרן צום האָטעל צענטראַל, אין צווייטן באַצירק. זי האָט פאַר מיר געדונגען אַ באַקוועמען, שיינעם ליכטיגן צימער, וואָס איז געווען שיין מעבילירט און אַנגענעם פאַר אויסרוען זיך. איך בין געווען נייגעריג צו וויסן ווי אַזוי מיין קוזינע האָט מיך אומבאַקאַנטערהייט דערקענט אין באַן־הויף. דערציילט זי, אַז איר ברודער יעקל האָט איר געשריבן ווער איך בין און ווי איך קוק אויס, און וועלכן טאָג איך פאָר אָפּ פון זלאַטשאָוו. ער האָט אייך פאַר מיר פאַרגעשטעלט ווי אַן עלטערן מאַן מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, פון מיטעלן וואוקס און וואָס טראָגט ברילן, און דאָס געזיכט גלאַט ראַזירט. אַזאַ איינעם האָב איך געזוכט און אייך געפונען. איידער מיין קוזינע האָט מיר פאַרלאָזן, האָט זי מיר געגעבן איר אַדרעס און מיך איינגעלאַדן אויף מאָרגן צו מיטאָג.

ליגנדיג אויף דער ווייכער סאָפע, באַטראַכט איך מיין ווינער צימער און פאַרגלייך אים מיטן זלאַטשאָווער. די מאָדערנע באַ־קוועמלעכקייטן פון דעם ווינער צימער, וואָס דערמאָנט אָן אַ ניו־יאָרקער האָטעל (שוין אָפּגערעדט פון דער ריינקייט און זויבער־קייט פון דער גאַנצער שטאָט ווין אין פאַרגלייך מיט דער שטאָט

זלאטשאָוו און מיט וועלכן עס איז אַנדער ווינקל אין גאַליציע) — דערקלערן די אורזאַך פאַר וואָס מערסטע טוריסטן, וואָס באַזוכן די שטאָט ווין, ליבן זי אַזוי, און מ׳מוז צוגעבן, אַז זיי ווייסן וואָס זיי ריידן.

מיין קוזינע וואוינט נישט ווייל פון מיין האָטעל, אין 9 און 11 מאטיסא גאָס. נעם איך איר אדרעס און גיי צו איר אויף מיטאָגמאָלצייט. מיר זיצן ביים טיש, און זי זאָגט צו מיר אַזוי: איר וועט ניט טרעפן וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר מיין גאַסט — אַ שניצל, טאָקע דעם אמת׳ן ווינער שניצל, נישט ווי מען מאַכט אים ביי אונז אין ניו יאָרק. ער שמעקט פיל בעסער, (אפשר, ווייל מען עסט אים אין ווין און מען טראַכט: אָט עס איך דעם אָריגינעלן ווינער שניצל! און דערפאַר שמעקט ער אַזוי גוט). היינט דאָס ווינער באַרימטע וואַסער, וואָס קומט פון די שווייצאַרישע בערג. איך האָב ביים מיטאָג אויסגעטרונקען 6 גלעזער וואַסער, און האָב זיך גאָרנישט געקאָנט אָנטרינקען זאַט מיט דעם לייכטן געשמאַקן וואַסער.

אויסגערוט זיך אביסל פון מיין רייזע פון פוילן קיין עסטרייך, בין איך אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן די שטאָט ווין. (איידער איך גיי שילדערן מיינע פּערזענלעכע איינדרוקן וועגן דער שטאָט ווין, וועל איך געבן אַ קורצע באַשרייבונג פון דער היסטאָרישער, געאָגראַפישער, קולטורעלער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּאָזיציע פון ווין, וועלכע איז איינע פון די עלטסטע און דאָך מאָדערנסטע און אינטערעסאַנטסטע צענטערן אין דער וועלט).

די שטאָט ווין פאַרנעמט אַ שטח פון 107 קוואַדראַטנע מייל, און איר באַפעלקערונג איז, (לויטן צענזוס פון יאָר 1929) באַשטאַנען פון 1 מיליאָן 866 טויזנט איינוואוינער. ביזן 12טן יאָרהונדערט איז די שטאָט געווען אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער, דערנאָך איז זי געוואָרן די רעזידענץ פון די באַבנבערגס — עסטרייכישע הערצאָגן, און אין יאָר 1276 איז זי געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון די נייער הערשער פון עסטרייך, די האַבסבורגער דינאַסטיע.

אין שטאָט זעט מען נאָך איצט פּאַרציייטיגע געביידעס פון 13טן און 14טן יאָר־הונדערטער. אין יאָר 1848 — דער היסטאָרישער פעריאָד פון רעוואָלוציעס — איז אין ווין אויך פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט בלוט־פאַרגיסונג.

אונטער דער הערשאפט פון קייזער־קעניג פראנץ־יאָזעף, איז ווין געוואָרן איינע פון די אימפּאזאנטסטע שטעט אין דער וועלט אין זין פון אַרכיטעקטאָרישער קונסט, און אויך איינע פון די ווייכטיגסטע האנדל־צענטערן אין אייראָפּע.

די הויפּט ווינער אינדוסטריעלע פּראָדוקציעס באשטייען פון: מאשינעס, כעמישע שטאָפן, מעטאלענע כלים, מוזיקאלישע אינ־סטרומענטן, קליידער, פּרויען־היט און אנדערע פּוץ־ווארעס און טעפּ־פאבריקאציע. די הויפּט אַרטיקלען פון קאמערץ זיינען: תבואה, פּי טעקסטיל (געוועב־מאטעריאלן), מעל, ווייגען, כעמישע שטאָפן, מעבל, געהילץ, קוילן, ביכער, לעדער־ווארעס, קליידער שוכווארג און קונסט־זשורנאלן.

ווין צייכנט זיך אויך אויס מיט א ריי לער־אנשטאלטן און קולטור־אינסטיטוציעס. די ווייכטיגסטע פון זיי זיינען: דער האפּ־בורג (אָדער אימפּערישער) פּאלאץ מיט א ביבליאָטעק פון ארום א מיליאָן ביכער; דער סט. סטעפאן קאטעדראל, אויף דער רינג־שטראסע, מיט א טויער פון 450 פוס הויך; דער וועלט־בארימטער און איינער פון די עלטסטע אוניווערזיטעטן — דער ווינער אוני־ווערזיטעט, וואס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1365, פאַרמאָגט א פאקולטעט מיט 871 פּראָפעסאָרן און לערער, און 10,560 סטו־דענטן; די אמאליגע קעניגלעכע פּאלאצן זיינען פארוואנדלט גע־וואָרן אין קונסט מוזייען: די צוויי גאלעריעס אין „בעלוועדער", אנטהאלטן ארטיסטישע שאפונגען פון 18טן און 19טן יאָר־הונ־דערטער. דער רעגירונג־מוזיי (דערעפנט אין יאָר 1929), האָט מאלערייען און סקולפּטורן פון מאָדערנע קינסטלער זינט דעם יאָר 1890; דער טעכנישער מוזיי פון אינדוסטריע און פאברי־קאציע, געגרינדעט אין יאָר 1918; מוזיי פון סאָציאלאָגיע און עקאָנאָמישע לערעס — 1928; אלבערטינא, די וועלט־בארימט־סטע קאָלעקציע פון ליטאָגראפישער קונסט, גראוויר־פיגורן און גראווירטע קונסט־שטאָפן.

זינט יאָר 1921, שמ'ט ווין איבעראל צוליב די גרויסע יארידן, וואס ווערן דאָרטן אָפּגעהאלטן צוויי מאָל א יאָר, אין די געוועזענע קייזערלעכע שטאלן, און אין דעם ריזיגן אויסשטעל־זאל אין ווינער בארימטן פּארק „פּראטער". 125 טויזנט קויפער פון 10 לענדער באזוכן דעם ווינער יאריד, וואס פארנעמט א קאָלאָסאלן שטח פון קנאפּע 400 טויזנט קוואדראטנע ארשין.

א קראקאווער סוחר, וועלכער האָט אויך געוואוינט אין זעל־

ביגן האָטעל, פרעגט מיר, אויב איך בין געווען אָנקוקן די דיאנער באַר, ווי זי איז איינגעריכטעט פאַר די קונדן. ענטפער איך אים, אז נאָך נים, עצה׳ט ער מיר אהין צו גיין.

ווען מ׳קומט צו צו דער געביידע, באטראכטנדיג זי פון דרויסן, זעט זי אויס ווי א האָטעל; קומט איר אָבער אריין אינע־ווייניג, זעט זי אויס ווי א דעפּאַרטמענט קראָם, מיט פאַרשיידענע אָפּטיילונגען; א ליכטיגער שיינער פראזיר־צימער פאַר מענער, פרויען און קינדער. די ריינקייט פון דעם פּלאַץ איז צו באוואונ־דערן, (די העפלעכע באדינונג וואָס מען קריגט דאָרטן, איז אפשר בלויז פאַר אמעריקאַנער). די קאָסמעטיק אָפּטיילונג זעט אויס ווי א שיינער אַפּטייק מיט פאַרשיידענע פּאַרפּיומען וואָס פאַרשמעקן דאָס גאַנצע צימער; אַלערהאַנט באַד־קליידער קריגט מען דאָרטן פאַר מענער, פרויען און קינדער; טערקישע שוויץ־צימערן זיינען דאָרטן פאַראַן צוויי: איינער מיט מער היץ און דער צווייטער מיט ווייניגער; שווים־פּלעצער מיט פאַרשיידענע טעמפּעראַטור וואַסערן, קאַלטע און הייסע. די וואַסער פון די שווים־פּלעצער איז אַזוי דורכזיכטיג, אַז איר קאָנט איבערציילן די געפּלאַסטערטע שטיינדלעך אויפן דעק; א געשייערטער, ליכטיגער רעסטאָראַן מיט פאַרשיידענע פרישע שפּייזן, סיי מילכיגע און סיי פליישיגע, און געטראַנקען פון אַלערליי סאָרטן, פון שנאַפּסן ביז זויער־מילך, ווערן סערווירט אויפן העפלעכסטן אופן.

איך בין אויך געווען צו א טעאַטער און צירק־פאַרשטעלונגען. אין טעאַטער האָט זיך געשפּילט א קאָמעדיע. די אַקטיאָרן האָבן כאַראַקטעריזירט פּערזאָנען ווי זיי אַנטלויפן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע, און דאָס שפּיל איז געווען זייער קאָמיש און אַמוזירנדיג. דער ספּעקטאַקל אין ווינער צירק דערמאָנט מיך אין אַמעריקאַנער ריזיגן צירק פון „באַרנום און ביילי". עס איז פאַרגעשטעלט גע־וואָרן אויפן זעלביגן שטייגער אָבער מיט ווייניגער אַקטיאָרן, אַק־ראָבאַטן און חיות. אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער פאַר־שטעלונג האָבן אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט, און אַפילו די חיות און די פערד זיינען גוט געאיבט. אַרויסגייענדיג פון צירק, זאָגט מיין קוזינע צו מיר: אין ניו יאָרק זעט מען אַוודע שענערע פאַרשטעלונגען ווי אין ווין. ענטפער איך איר: געוויס, די שטאָט איז גרעסער, איז די איינגאַמע אויך גרעסער, קאָנען זיך די אונ־טערנעמער דערלויבן צו ווייזן דעם עולם מער אַקראָבאַטן און אויפהאַלטן מער חיות, איז די פאַרשטעלונג מער אינטערעסאַנט.

באַגלייטנדיג מיין קוזינע, פרעג איך בא איר, אין וועלכן באַצירק עס געפינען זיך די קאַרל מאַרקס הייזער, זאָגט זי אין 18טן באַצירק, און פרעגט מיך, אויב איך בין סאָציאַליסטיש געשטימט, זאָג איך איר — יא. זי האָט מיר געגעבן דעם אדרעס און אויף מאָרגן בין איך אַרויסגעפאָרן זען די קאַרל מאַרקס גרופּע הייזער, וואָס די ווינער סאָציאַליסטן האָבן אויפגעבויט פאַר די יוניאָן אַרבעטער. איך גיין דורך דעם קאָרידאָר פון דער געביידע, זע איך ווי א מאַן שטייט בא א קליין שטרויענעם וועגעלע און א קינד שלאָפט אינעווייניג. פאַרפיר איך א שמועס מיט דעם מאַן און פרעג אים ווי הויך די דירה־געלט איז פאַר א צימער אין די הייזער. זאָגט ער מיר — 5 שילינג, און דערציילט מיר, אז דאָס איז א העלפט פון דעם, וואָס פּריוואַטע אייגנטימער רעכענען פאַר אַן ענלעכן צימער אין די אַלטע הייזער. ער דערציילט, אז ער וואוינט אין 3 צימערן מיט מאָדערנע איינריכטונגען פאַר 15 שילינג א חודש אין די קאַרל מאַרקס הייזער. איך רעד זיך מיט אים פאַ־נאַנדער וועגן סאָציאַליזם און געפין אויס, אז ער איז טאַקע א סאָציאַליסט, אָבער פון רעליגיע האלט ער דאָך. ער האָט מיר געזאָגט, אז ער גייט אַלע זונטאָג אין סטעפאַנ׳ס קירך, וואָס איז די שענסטע אין שטאָט ווין. אויב אַזוי, באַשליס איך בא זיך צו גיין אין קלויסטער אַריין און זען די שיינקייט וואָס ער לויבט אַזוי. איך קום אַריין אין סטעפאַנ׳ס קירך, באַטראַכט די אַרכיטעקטור, און עס איז ווירקלעך דאָ אויף וואָס צו קוקן; דערהויפּט זעט די קירך אויס פּראַכטפול ביינאַכט, ווען די עלעקטרישע האָמפּן באַ־לייכטן זי, ווייל דער טייערער מאַטעריאַל וואָס ליגט אין די ווענט, ווייזט זיך דאַן בולט׳ער אַרויס, און מ׳קען זיך איינפאַך אָנשפּיגלען אין אירע ווענט.

איך שטאָט אָפּ א וויזיט מיין באַן־פריינט, דעם קוילן־סוחר, און רעד זיך פאַנאַנדער מיט זיין זון, א סטודענט, וועלכער שטו-דירט מעדיצין. דערציילט ער מיר וואָס פאַרא רייכע ביבליאָטעק די שטאָט פאַרמאָגט, און עצה׳ט מיר זי צו באַזוכן. האָב איך אים געפאָלגט און געגאַנגען אָנקוקן די ביבליאָטעק.

עס איז א הויכע, רונדע געביידע. ביים אַריינגאַנג זעט איר א סטאַטוע פון דעם גרעסטן בינע־קינסטלער וואָס די שטאָט ווין האָט ווען עס איז געהאַט. די ווענט זיינען באַלייגט מיט טויזנטער ביכער. אין לעז־אָפּטיילונג האָב איך געזען ווי דער עולם זיצט פאַרטיפט איבער די ביכער. וואָס פאַרא באַשיידענע אָרדענונג עס

הערשט דאָרטן! איינער שטערט נישט דעם צווייטן, א שטילקייט, וואָס שפּיגלט אָפּ רעספּעקט און ערנסטקייט.

אַרויפגייענדיג אין דער אָפּטיילונג וואו די היסטאָרישע ביכער געפינען זיך, און זעענדיג די פאַרשיידענע אַלטע שריפטן, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער קולטור־געשיכטע פון אונזער פאַר־שטאָרבענעם פיליפּ קראַנץ, אין 3 בענדער. אויך זעט מען דאָרט א מאַפּע פון דעם 4טן יאָר הונדערט, און אנדערע אַנטיקן. אַרויס־קומענדיג פון דער ביבליאָטעק, גייט מיט מיר מיט א מיידל, וואָס איך האָב געטראָפן אין דער לעזער־אָפּטיילונג. פרעג איך איר ווי צו גיין אין מיין האָטעל, זאָגט זי מיר, אז זי וואוינט אויך אין צווייטן באַצירק, און זי גייט איצט אהיים, און אויב דעם הער איז אנגענעם איר געזעלשאַפט, קאָנען מיר גיין צוזאַמען. רעדנדיג מיט איר, האָב איך אויסגעפונען, אז זי איז א אידיש מיידל, און אין אָוונט וועט זי זיין איינע פון די טענצערינס אין פעסטיוואַל ביי דעם ראַט־הויז. די שטאָט האָט געהאַט אַראַנזשירט 21 אַזעלכע פעסטיוואַלס פאַרן זומער, וואו מיידלעך און אינגלעך פירן דורך פאַרשיידענע טענץ. אין אָוונט בין איך מיט מיין קוזינע, מינע, אַוועק צום ראַט־הויז בייצוואוינען דעם פעסטיוואַל. די טענץ זיינען געווען דער ווינער וואַלץ און א באַלעט.

עס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט צו הערן די רעדעס פון די צוויי פירער, פון צוויי באַזונדערע וועלטן, דאָלפוס און אָטאָ באוער, ביי א זיצונג אין פּאַרלאַמענט. איך גיי אין פּאַרלאַמענט, ווייל איך בין געווען הויפּטזעכלעך נייגעריק צו הערן דאָלפוס'ן (ווייל מיט קאַנצלער באוער'ס מיינונגען בין איך שוין געווען באַ־קאַנט). איך האָב דאָרטן זיך פאַרווײלט פון עלף פאַרמיטאָג ביז צוויי נאָכמיטאָג. עס איז דאָרטן גערעדט געוואָרן איבער דער פראַגע פון אַרבעטלאָזיגקייט.

באַ מיין טישל אין רעסטאָראַן זיצט א אידיש־דייטשער יונ־גערמאַן, א סטודענט. איך הער ווי ער זאָגט צו א צווייטן, אז היינט גייט ער אין שענברון. דאָס איז דעם קייזער'ס פּאַלאַץ, און איך בין אויך געווען נייגעריג צו זיין דאָרטן. האָב איך אים פאַרגע־שלאָגן צו באַגלייטן און פאַרן אָנקוקן דעם שלאָס. עס איז שווער צו באַשרייבן וואָס איך האָב דאָרטן געזען דורכגייענדיג די 45 „סאַליעס", דאָס הייסט די גרויסע, שיינע ליכטיגע זאַלן, וואָס יעדער פון זיי איז באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע קונסט־בילדער. דאָרטן וואַרפן זיך אין די אויגן אַפילו בילדער פון ערד־אַרבעטער

אויך, ווי די פויערים באַארבעטן זייערע פעלדער. אָבער וואָס פאַרא גרויסער קאָנטראַסט מערקט זיך צווישן די בילדער פון די פאַר־שטייער פון די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע קלאַסן — די רייכע פּוס־טעפּאַסניקעס, און די האָרעפּאַשנע אַרבעטער!

די בילדער פון די לעצטע זיינען, אמת, אויך געמאָלן מיט קונסט און געשמאַק, און שטעלן מיט זיך פאָר אַ שיינע, אַנציענדע אידיליע; אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין די ראַמען. ווע־רענד די בילדער פון די מאַכטהאָבנדיגע פּאַראַזיטן זיינען אריינ־געשטעלט אין פּראַכטפולע ראַמען מיט קאָסטבאַרע אָרנאַמענטן, האָט מען פאַר די פויערים־בילדער זיך באַנוגנט מיט קליינע, אָרימע, פּראָסטע ראַמקעלעך; און עס דוכט זיך אויס ווי די פּשוט'ע מענטשן אויף די בילדער שעמען זיך וואָס מ'האָט זיי צוזאַמענגע־פּאָרט מיט אַזעלכע „גרויסע" מענטשן... — בילדער פון באַרימטע געסט־ באַזוכער: קיסרים מיט זייערע פרויען; פּרינצן מיט די פּרינצעסינס; בילדער פון גרויסע גענעראַלן, ווי נאַפּאָלעאָן און אַנדערע; בילדער פון זייערע באַנקעטן, ווי די גאַנצע כאַליאַסטרע „דאַרמאָיעדניקעס" זיצן ביי די רייך־סערווירטע טישן איבער דעם בעסטן שאַמפּאַניער און טרינקען און לאַכן דערביי, ווען די פּאַ־יאַצן מיט די טאַצן שפּילן פאַר זייער כבוד ווענן, אַז זיי זאָלן זיך גוט אַמוזירן. אָט אַזעלכע בילדער זעט איר סיי פון די עלטערע און סיי פון די יונגע פּרינצן. אין יעדן צימער זעט איר אַ קינסטלערישן זייגער פון פאַרשיידענע מאַטעריאַלן געמאַכט. איך בין צוגעקומען צו איין זייגער וואָס גייט דריי יאָר צייט מיט איין מאָל אָנציען אים. די קינסטלערישע אַרכיטעקטור וואָס ליגט אין דעם זייגער איז אוממעגלעך צו באַשרייבן.

גייענדיג אַדורך די 45 הייזער, האָב איך זיי באַטראַכט מיט זייערע געמאָלענע ווענט און סטעלעס פון פראַנצויזישע גרויסע מאָלערס, די ווענט מיט עכטן גאָלד באַפּוצט. ווען איר הויבט אויף אייער קאָפּ אָנצוקוקן די שיין־געפּאַרבטע סטעלעס, כאַפּט אַ שווינדל אין קאָפּ. אָט אין די אַלע חדרים האָט געוואוינט איין פאַמיליע, אונטער דער צייט וואָס מיליאָנען מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבער זייערע קעפּ!

אַרויסגייענדיג האָב איך זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט דעם בערלינער סטודענט איבער דעם סאָציאַליסטישן רעזשים אין דייטש־לאַנד. ער האָט דעם דאָזיגן רעזשים פאַרטיידיגט, און איך האָב אים אָנגעגעבן פאַקטן, אַז דער רעזשים אין דייטשלאַנד פירט נישט

אין דעם סאָציאַליזם. מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אַ פריינטלעכן „צום ווידער זען!".

איך פאַר אָנקוקן דעם קייזער'ס שלאָס אין לוקסעמבורג. דער שלאָס איז אַן אַלטער פּאַלאַץ, וואו, נאָך מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, האָט דאָרטן געוואוינט דער עסטרייכישער קייזער, אָבער אַלץ איז דאָרטן פאַרבליבן ווי פריער: די מעבל, דער קייזערינ'ס געשיר, דאָס געווער מיט וועלכן זיי פלעגן מלחמה האַלטן, האַנט צו האַנט, א. א. וו. עס שטייט דאָרטן דעם קייזער"ס קירך מיט די סטאַטועס פון יעזוס און זיינע 12 אַפּאָסטאָלן, און ליכט ברענען נאָך דאָרטן היינט ווי אַלע מאָל.

אין דעם פּאַלאַץ געפינט זיך די גילאָטינע צו קעפּן מענטש. אָנקוקנדיג אָט־דעם מאָרד־אינסטרומענט, גייט איבער אַ שוידער איבערן לייב. דאָרט ווערט אילוסטרירט ווי אַ מאַן זיצט און וואַרט „געקעפּט" צו ווערן, צוגעשמידט מיט אַ קייט צו אַ האַנט אָדער אַ פוס, אין דעם וויסטן קעלער. ווען די צייט קומט פאַר דאָס קעפּן, ווערט דער אומגליקלעכער קרבן אַרויפגעצויגן צו דער סטעליע, וואו עס איז אויסגעשניטן אַ רונדע לאָך, וואו דער קאָפּ ווערט פון דער אַנדער זייט אָפּגעהאַקט, און דער קערפּער ווערט צוריק אַראָפּגעלאָזט אין אַ געוויסער כלי וואו דאָס בלוט גייט אָפּ. עס איז אַ שרעקלעכע האַרץ־קלעמעניש צו זען ווי דער שוידער־לעכער מאָרד־פּראָצעס איז דאָרט פאָרגעקומען!

נאָך מיין אָפּזיין צוויי און אַ האַלב וואָכן אין ווין, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין פראַנקרייך, און זיך אָפּשטעלן אין פּאַ־ריז. פאַר פראַנקרייך האָב איך זיך שוין פאַרזאָרגט מיט אַ וויזע, איידער איך בין געקומען אויף דער פראַנצויזישער גרעניץ, ווייל פראַנצויזיש ריידן קאָן איך נישט און פאַרלאָזן זיך צו טרעפן אַ אידן וואָס רעדט פראַנצויזיש, האָב איך נישט געוואָלט. בין איך אוועק צום פראַנצויזישן קאָנסול. דערציילט ער מיר, אַז איך דאַרף ברענגען אַ צייגעניש פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסול. איך גיי אוועק צו מיין „לאַנדסמאַן", דעם אַמעריקאַנער קאָנסול, ווייז אים מיין פּאַס און פאַרלאַנג ער זאָל מיר געבן אַ שריפט צו קריגן אַ וויזע פון דעם פראַנצויזישן קאָנסול. רופט ער אריין זיין קאַבינעט־מיידל און הייסט איר „טייפּרייטן" אַ בריוו פאַר מיר, און מיט דעם בריוו האָב איך געקראָגן אַ וויזע.

געמיינט האָב איך אַז פון מיין קוזינע, וואָס רעדט פראַנ־צויזיש, וועל איך קריגן אַן אַדרעס אָדער אַ רעקאָמענדאַציע צו

א האָטעל אין פּאַריז, לאָזט זיך אויס, אַז זי איז אומבאַקאַנט אין דער שטאָט פּאַריז; אַלץ וואָס זי האָט אויפגעשריבן, איז אַ נאָמען פון אַ אידישער גאַס, רו־דע־רוזיי. עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט פארלאָזן די שטאָט ווין, ווי עס ווילט זיך נישט פארלאָזן אַ גוטן פריינט.

איך פאָר קיין פּאַריז

פון עסטרייך בין איך געפאָרן, דורך דער שווייץ, קיין פראַנקרייך. דער וועג שניידט דורך אַ זייער לאַנגן טונעל, אָבער דער עסטרייכישער טונעל איז געווען דער לענגסטער. דאָס פאָרן געדויערט אַ 10 אָדער 11 מינוט, און איידער מען דערזעט די ליכטיגע וועלט פאַר זיך ווערט זייער לאַנגווייליג.

אריינגעקומען אין דער שווייץ, האָב איך דערזען אַ קייט פון הויכע בערג באַדעקט מיט ווייסן שניי אין מיטן זומער. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, פון וועלכער איך האָב מיינע אויגן נישט געקענט אוועקרייסן. היינט דאָס ריינע קרישטאָלענע וואַסער וואָס עס האַלט אין איין לויפן פאַזע די בערג! עס רייצט דעם אַפּעטיט צו כאַפּן אַ טרונק פון דעם וואַסער, אויב ס'וואָלט געווען מעגלעך אַפּצושטעלן די באַן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם פּאַריזער באַן־הויף, האָט דאָרטן קיינער ניט געוואַרט אויף מיר אַזוי ווי אין ווין. עלנט און שטום, (ווייל די פראַנצויזישע שפּראַך האָב איך נישט געקענט) גיי איך אַרונטער פון דער באַן און גיי־צו צו אַ טעקסימאַן, דערלאַנג אים דאָס שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכן מיין קאָזינע, מינא, האָט אָנגעשריבן דעם נאָמען פון דער גאַס. ער האָט דאָס פון מיר צוגענומען און אויך גאָרניט גערעדט. געטראַכט, מסתמא, אַז איך בין אַ שטומער. ער ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אריינצוגיין אין דער טעקסי. ער זעצט זיך אויך אריין און מיר פאָרן ווי צוויי שטומע. פאָרנדיג, זע איך ווי מיין בעל־עגלה דרייט זיך אַריין אין אַ קליין שמאָל געסל, וואָס האָט געטראָגן דעם אויפשריפט "רו־דע־רוזיי", גיב איך אים אַ טאָרע אין אַקסל ער זאָל מיך אַראָפּלאָזן. שטעלט ער אָפּ די טעקסי און לאָזט מיר אַראָפּ. איך גיי אַריין אין אַ רעסטאָראַן מיט אַ אידישן שילד, און דער טעקסי־מאַן גייט מיר נאָך ווי אַ קאַלב נאָך אַ בהמה. איך גיי צו צום אייגנטימער אין אַ רעסטאָראַן מיט אַ אידישן שילד, און דער טעקסי־מאַן גייט וויפיל אים קומט פאַר זיין טירחה, זאָגט ער זיבן פראַנק. נעם

איך ארוים צוויי עסטרייכישע שילינגס און גיב זיי דעם רעסטאָראַן־איינגנטימער ער זאָל אים באַצאָלן, און מיר איז נאָך געבליבן קליין־געלט.

די הויפּט־שטאָט פון פראנקרייך — פּאריז — איז די פינפטע גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. זי געפינט זיך ביים טייך סעין, וועלכע איז דער צענטער פון אַ גרויסער נעץ פון טייכן, קאנאלן, וועגן און אייזנבאנען. די שטאָט איז צעטיילט, פאַר אדמיניסטראַטיווע צוועקן, אין 20 באַצירקן.

פּאריז איז דער גרעסטער אינדוסטריעלער און האנדל־צענטער אין פראנקרייך. דאָרטן זיינען פאראַן גרויסע פּאַבריקן פאַר דער פּראָדוקציע פון מאַשינעס, באַן־אויסשטאַטונגען, כעמישע פּראָדוקטן, זייף, פארב, לעדער, פארצעליי, ביר, א. אז. וו. דאָס רוב זעט מען אָבער דאָרטן קליינע ווארשטאַטן וואו מען פּראָדוצירט קליידער, כירורגישע און אָפּטישע אינסטרומענטן, גאָלדענע און זילבערנע ארטיקלען, שטאָלענע און אלומינום ארטיקלען, הענטשקעס, שפּיל־געצייג פאַר קינדער, פּאַפּיר־קעסטלעך צום פארבן, פּארפיומעריי, קינסטלעכע בלומען און אנדערע לוקסוס־זאכן.

פּאריז איז געווען צווישן די ערשטע שטעט אין דער וועלט וואָס האָט איינגעפירט גרויסע דעפּאַרטמענט געשעפטן ווי: „לואוור”, „באָן־מארשע”, א. ד. גל. כמעט דער גאנצער בוך־האנדל פון פראנקרייך געפינט זיך אין פּאריז, ווי אויך די וויכטיקסטע באנקן.

צווישן די פּראָמינענטסטע פּאריזער דורכפאָר־גאַסן זיינען: רו־דע־לא־פּאַאי, רו־דע־לאריוואלי, אוועניו דע־לא־אפּערא, א. אז. וו. אין דער שטאָט געפינען זיך 130 סקווערן מיט סטאַטועס און אנדערע היסטאָרישע דענקמאָלען. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: ארק־דע־טריאומף; פּלאזא דע־לא־באסטיל; פּלאזא דע־לא־קאנקארד; טשאמפּס־עליזיי, א. אז. וו.

די בארימטסטע פּאריזער געביידעס זיינען: דער לואוור, פּאלע־דעי־טראקאדערא, פּאלעי־דע־עליזעי, פּאלעי ראָיאל, פּאַלעי בורבאן און פּאלעי דע־יוסטיץ. דער באַקאַנטסטער קלויסטער צווישן פיל בארימטע קירכן איז דער נאטר־דאם; די בארימטסטע טעאַטערס זיינען די אפּערא, דער טעאַטער פראנסע, די אפּערא קאמיק, און דער אָדעאָן.

דער צענטר פון אמוזירונג פּלעצער און פון דעם וועלט־בארימטן פראנצויזישן „באהעמישן” ארט לעבן, איז דער מאנט־

מארטר. די וויכטיגסטע לער־אנשטאלטן געפינען זיך אין דעם לי־טייניסטן קווארטאל: דער בארימטער סארבאן אוניווערזיטעט, דער פראנצויזישער קאלעדזש. די פאלעטעכנישע שול, די שול פון מעדיצין און די שול פון יוריספרודענץ; די אבסערוואטאריע, דער גארטן פון פלאנצונגען מיט זיין גרויסן מוזיי פון נאטור־היסטאריע.

די הויפט־ביבליאטעק איז די ביבליאטעק נאציאנאל, וואס איז געגרינדעט געווארן פון קעניג לואיז דעם 14טן, און די רייכסטע קונסט קאלעקציעס געפינען זיך אין לוואור. די דאזיגע היסטא־רישע שטאט איז באקאנט געווארן נאך אין דעם 4טן יאר הונדערט. אין יאר 1358 האט אין פאריז אויסגעבראכן די ערשטע פון א לאנגער ריי רעוואלוציעס. אונטער נאפאלעאן דעם ערשטן איז פאריז פיל אויסגעבעסערט און פארשענערט געווארן מיט ניי־געבויטע בריקן, גאסן, מערק און סקווערן. דאס האט דער רעגירונג אפגעקאסט 20 מיליאן דאלאר אין משך פון 12 יאר צייט.

דורך דער צייט וואס פאריז איז צום ערשטן מאל באמבאדירט געווארן פון די דייטשן אין די יארן 1870—71, האט די שטאט געליטן פיל שאדן, אבער מיט א פאר יאר שפעטער איז אלץ ווי־דער געבראכט געווארן אין ארדנונג. אין צייט פון מיין באזוך איז די באפעלקערונג פון פאריז באשטאנען פון ארום 2 מיליאן 900 טויזנט מענטשן.

אפגעפאטערט מיט דעם פורמאן, האב איך זיך געהייסן דער־לאנגען מיטאג עסן. אפגעגעסן, בין איך ארויסגעגאנגען זוכן א האטעל. קומט צו מיר צו א אידישער אינטעליגענטער יונגערמאן (א געוועזענער רוסישער סטודענט און איצט אן ארבעטלאזער דרוק־קער אין פאריז), ער פרעגט מיר אויב ער קען מיר מיט עפעס אויסהעלפן. זאג איך אים, אז איך זוך א האטעל צום וואוינען נישט ווייט פון אט דער זעלביגער גאס. באגלייט ער מיר צו דעם האטעל דע־וויל. ער האט פאר מיר אפגעדונגען א שיין צימער צום וואוינען, און דערנאך מיר אלץ איבערגעגעבן אויף אידיש. האב איך דעם יונגנמאן ארײַנגעשירט פאר דער צייט וואס איך וועל זיין אין פאריז פאר מיין „דאלמעטשער" (איבערזעצער).

געזעגן האב איך גלייך, אז לאנג פארבלייבן אין דער שטאט פאריז וועל איך נישט, ערשטנס, צוליב דער פרעמדער שפראך, און דאס צווייטע, איז מיר דאס עפנטלעכע לעבן פון פאריז נישט געווען צום הארצן. האב איך באלד באשלאסן אז מער ווי א וואך וועל איך דארטן נישט פארבלייבן.

דעם ערשטן פֿאַרמיטאָג האָט מיר דער „גאַיד" געוויזן דעם שטאָט־גאָרטן מיט זיין רייכן אויסשטאַט פֿון בלומען און מאָנו־מענטן פֿון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. פֿון דאָרטן זיינען מיר אַוועק צום באַרימטן אייפֿל־טורעם. ווען מ'קוקט אויף דעם אייפֿל־טורעם פֿון דערווייטנס, זעט ער אויס ווי אַ פּשוט'ע אייזערנע רעשטאָוואַניע און ער שטעלט מיט זיך גאָרנישט פֿאַר אויסערגע־וויינלעכעס; פֿאָרט איר אָבער אַרויף אין דער הויך אַ ן קוקט אָן די שיינע, גרויסע, ציכטיגע רעסטאָראַנען, וואָס געפֿינען זיך אין דעם אייפֿל־טורעם און נאָך אַנדערע פֿאַרגעניגנס פֿאַר די מענטשן, מוזט איר בייטן אייער מיינונג וועגן דעם אייפֿל־טורעם. ווען איר שטייט אין דער הויך קענט איר האָבן אַ „פֿויגל־קוק" איבער דער שטאָט.

שטייענדיג אין דער הויך האָב איך זיך דערמאָנט אין די באַריקאַדן וואָס די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אויפֿגע־שטעלט אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1871, ווען זיי האָבן פּראָקלאַמירט פֿרייהייט פֿאַר דעם פֿראַנצויזישן פֿאָלק. איך גיי אויך אָנקוקן דעם היסטאָרישן פּלאַץ וואו די באַסטיליא איז געפֿאַלן. שטייענדיג אויף דעם אָרט און באַטראַכטנדיג דעם הויכן סלופּ מיט דער פֿרייהייט־געטין אין דער הויך אַלס סימבאָל פֿון פֿרייהייט, האָב איך געטראַכט: הערשט איצט אָט־די פֿרייהייט אין פֿראַנקרייך וואָס יענע רעוואָלוציאָנערן האָבן דאַמאָלסט פּראָקלאַ־מירט? פֿאַרלאָזנדיג דעם וועלט־באַרימטן היסטאָרישן פּלאַץ, זיינען מיר אַוועק אָנצוקוקן דעם דענקמאָל נאָך די פֿאַרלוירענע סאָלדאַטן פֿון דער לעצטער מלחמה.

דער אַנדענק־פּלאַץ געפֿינט זיך אויסער דער שטאָט פּאַריז. ס'שטייט אַ הויך־געמויערטער טורעם פֿון ווייסן מירמל־שטיין און אין די ווענט זיינען אויסגעקריצט די שטעט וואו די פֿראַנצויזישע מיליטער האָט זיך געשלאָגן. ניט ווייט פֿון דעם טורעם ברענט דער יאָרצייט־פֿייער אין אַ קופּערנער שיסל. קיין שטורעם אָדער רעגן קען דאָס ליכט נישט פֿאַרלעשן. לעבן דעם פֿייער ליגן בלומען־קראַנצן און איבער זיי איז דאָ אַן אויפֿשריפֿט ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און ווען געענדיגט.

איך פֿאָר מיט מיין „גאַיד" אין ווערסאַל, וואו דער פֿרידנס־טראַקטאַט איז געשלאָסן געוואָרן. אַריינגעקומען אין דעם פּאַלאַץ, וואו לודוויג דער 16טער האָט רעגירט, און צוגעקומען צו דעם טיש וואו דער פֿרידנס־קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבן געוואָרן,

האָב איך נאָר געוואונטשן, אַז מער קיין מלחמות זאָלן נישט פאָר־קומען, נאָר אַלע לענדער זאָלן ווערן איין לאַנד און די פעלקער איין משפחה.

ריידנדיג מיט מיין „גאַיד" וועגן די אונטערצינדערס פון מלחמות, האָב איך דערמאָנט נאַפּאָלעאָנ'ס נאָמען. פרעגט ער מיך: ווילט איר זעען זיין קבר און קאַסטן אין וועלכן ער ליגט, וועלן מיר צופאָרן אהין. דער פלאַץ וואו ער ליגט הייסט די „אינ־וואלידעס". אין מיטן פון א טונקל־באַלויכטענעם קליינעם זאַל, שטייט א טאָפּל־באַגילטער קאַסטן ארומגעשטעלט מיט פאָנען פון די לענדער אין וועלכע ער האָט מלחמה געהאַלטן. ווי שרעקלעך די געשיכטע פון די מלחמות איז געווען! וויפיל יונגע לעבנס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר דער צייט! לאַנג קוקן אויף דעם קאַסטן האָב איך נישט געקענט, און מיר זיינען אוועק.

מיר זיינען געווען אין דעם פאַנטעאָן וואו עס ליגן וועלט־באַרימטע שריפטשטעלער, ווי וואָלטער, זשאַרעס, עמיל זאָלא, וויקטאָר הוגא, און אַנדערע. קוקנדיג אויף זייערע אָרונ'ס, האָב איך שטאַרק באַדויערט זייער טויט, ווייל מיר האָבן פאַרלוירן די בעסטע מענטשן־פריינט. מיין „גאַיד" האָט דאָס באַמערקט, פרעגט ער מיר, אויב איך בין באַקאַנט מיט זייערע שריפטן. זאָג איך אים, אַז מיט איינינגע. איך דערצייל אים, אַז עמיל זאָלא'ס בוך „זשערמינאַל" וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, און אויך די שריפטן פון די אַנדערע שרייבער. דערציילט ער מיר, אַז זייערע שריפטן ווערן איצט פאַרקויפט אויף דער אויסשטעלונג וואָס גע־פינט זיך איצט אין פּאַריז. פרעג איך אים אויב ער וויל מיט מיר ארויספאָרן צו דער אויסשטעלונג, האָט ער איינגעשטימט, און מיר זיינען אהין אוועק.

מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי טעג אויף דער אויסשטעלונג. אַלץ וואָס מיר האָבן דאָרטן געזעען איז אוממעגלעך צו באַ־שרייבן. איך וועל נאָר איבערגעבן וועגן דעם, וואָס אַנדערע לענדער האָבן אהין געבראַכט. אַמערסטן איז אַמעריקע דאָרטן געווען פאַרטראָטן מיט אירע גרויסע שטעט, ווי ניו יאָרק, שיקאַגאָ, סאַן־פראַנציסקאָ, און נאָך איינינגע שטעט. איר גרויסע אינדוסטריע, אירע קאָלאָניעס, ווי קובא, פּאָרטאָ־ריקאָ, די פיליפינער אינזלען, א. אַז. וו., און וואָס די קאָלאָניעס פּראָדוצירן. עס איז געוויזן גע־וואָרן די הויז וואו דער ערשטער אַמעריקאַנער פּרעזידענט,

דזשאָרדזש וואשינגטאָן, האָט געוואוינט, און נאָך פיל אינטע־רעסאַנטע זאכן.

מיר זיינען אויך געווען אין דער פּאַלעסטינער אפּטיילונג און געזעען אייניגע זאכן וואָס זיי האָבן אהין געבראכט. זיי האָבן געוויזן דרייערליי סאָרטן ערד פון פאַרשיידענע קאָלירן; פאַרשיי־דענע פרוכטן אין סלאָיעס; א „שאָפּ" וואו די פּאַלעסטינער ארבע־טער אָרבעטן; די לאַנד־קאַרטע און נאָך אַנדערע זאכן.

געגעסן מיטאָג מיט מיין „גאַיד" אין רעסטאָראַן „בצלאל" און פּאַרטרונקען מיט א גוטע גלעזל כרמל וויין. זיך געפילט דאָרט ווי איך זיץ אין א תל־אביב'ער רעסטאָראַן — און באַצאָלט א גוטן פּרייז. ווער עס האָט נישט געזען אויף דער אויסשטעלונג די פּאַריזער מאָדעס אין דער נאָדל־אינדוסטריע, דער האָט גאָרנישט געזען. דאָרטן איז אויך געוויזן געוואָרן די פראנצויזישע אינדו־סטריע און אויך זייערע קאָלאָניעס: היינט די קונסט־ארבעט און מאַלעריי פון די פראנצויזן. מיר שיינט, אז זיי זיינען די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט. עס איז שווער אויסצורעכענען זייערע בילדער פון די בארימטע פּערזענלעכקייטן און ווי זיי זיינען גע־מאָלן. זעענדיג זייער מאַלעריי אין שענברון, איז שוין גענוג כדי אָפּצושאַצן זייער גרויסע קונסט.

איך פאָר קיין בערלין

פון פראנקרייך בין איך געפאָרן קיין דייטשלאַנד דורך בעלגיע און זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט בערלין. פאַרשיידענע געדאַנ־קען האָבן זיך געמישט אין מיין מוח. איך קום אין א פרעמדער שטאָט און האָב ניט אפילו קיין אדרעס פון א גאַס און אויך ניט קיין איינציגן באַקאַנטן. אָבער איין זאך האָב איך געוואוסט: אז קיין שטומער אהין וועל איך נישט קומען אזוי ווי קיין פּאַריז. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „אויפן שפּיץ צונג ליגט די גאַנצע וועלט, און אז מען פרעגט, דערפרעגט מען זיך".

בערלין איז געווען די הויפּט־שטאָט פון פּרייסן; אין משך פון די יאָרן 1871 ביז 1918 — פון דער דייטשער אימפּעריע, און פון 1918 — פון דער דייטשער רעפּובליק, (אין דער צייט ווען איך בין דאָרט געווען, אין יאָר 1931, איז דייטשלאַנד געווען אונטער דעם רעזשים פון פּרעזידענט הינדענבורג, דער געוועזענער „גענעראַליסימוס" פון דער דייטשער אַרמיי אין דער וועלט־מלחמה).

בערלין איז די צווייטע גרעסטע שטאָט אין איראָפּע. אָבער, הגם די שטאָט איז שוין געווען אין עקזיסטענץ אין 13טן יאָר הונדערט, איז עס אָבער געוואָרן אַ הויפּט־שטאָט פון אַ באַדייטנ־דיגער מדינה ערשט אין יאָר 1701, ווען פּרייסן האָט זיך פאַר־אייניקט. אַלס די רעזידענץ פון דער רעגירונג, איז בערלין אויך געוואָרן דער צענטער פון וויסנשאַפט, קונסט און קאָמערץ. די הויפּט גאַסן אין בערלין זיינען: אונטער די לינדן, די פרידריך שטראַסע, די קעניג־שטראַסע, און די ווילהעלם־שטראַסע, וואו ס'גע־פינען זיך דעם פּרעזידענט'ס וואוינונג און דעם קאַנצלער'ס פּאַלאַץ.

אין מיטן שטאָט געפינט זיך אַ ריזיגער פעסטונג־שלאָס וואָס באַשטייט פון אַ פירקאַנטיגער געביידע, מיט פיר פּאַלאַצן און אַ גרויסן „דאָם", אָדער קופּאָלע. דער שלאָס אַנטהאַלט 600 צימערן. לעבן אָט דער געביידע געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון דעם געוועזע־נעם קרוין־פּרינץ און די פּרייסישע מלוכה־ביבליאָטעק מיט אַ מי־ליאָן 150 טויזנט בענדער און 50 טויזנט מאַנוסקריפּטן. דאָרטן געפינען זיך אויך: די נאַציאָנאַלע גאַלעריע, די אָפּערא הויז, די אַלטע און נייע מוזייען, דער אוניווערסיטעט, א. אז. וו.

דער בערלינער אוניווערסיטעט איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1809, און אין דער צייט פון מיין באַזוך זיינען דאָרטן געווען קנאַפּע 100 פּראָפעסאָרן (צווישן זיי די באַרימטע וויסנשאַפטס־לייט: העגעל, ווירכאוו און איינשטיין), און העכער 11 טויזנט סטודענטן. צווישן די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס זיינען: דער באַרימטער בראַנדענבורג טויער (60 פוס הויך און 20 פוס ברייט); דער זאָאָלאָגישער גאָרטן; דער באָטאַנישער גאָרטן; די ראַט־הויז; דער אקוואריום; די לאַגער הויז; דער קייזערלעכער שאַטאָ פון מאַנביזשו מיט דעם האהענצעלאָרן מוזיי; דער גאָטישער מאָנו־מענט, און די „קאָלאָניע פון זיג" — 200 פוס הויך — אויפן קעניג פּלאַץ לעבן וועלכער עס געפינען זיך דער קריג־מיניסטעריום און די רייכסטאַג־געביידע מיט אירע פיר טוערן און קופּאָלן.

בערלין איז דער צענטער פון אייזנבאַנען, וואָס פאַרבינדן די שטאָט מיט אַלע פּאָרטן פון לאַנד. איר געאָגראַפישע פּאָזיציע מאַכט די שטאָט פאַר אַ גרויסן האַנדל־פּלאַץ פאַר אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן פון מזרח־פּרייסן, פּוילן, עסטרייך און רוסלאַנד. די הויפּט־אינדוסטריעס אין בערלין זיינען: שטאָל, אייזן, וואָל־וועבעריי, פאַבריקאַציע פון טראַנספּאָרט־איינריכטונגען, אייזן און מאַשינעריע דרוקעריי, עלעקטרישע וואַרעס, כעמישע שטאָפן, ביר,

פאפיר, פאַרצעליי, מעטאַלענע זאכן, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, שפּיל־געצייג, א. אז. וו. די קאָמערץ באשטייט פון: תבואה, גע־הילץ, פי, וואָל, קוילן. בערלין פאַרנעמט א שטרעקע פון 339 קוואַ־דראַטנע מייל, און איר באַפעלקערונג (לויטן צענזוס פון יאָר 1925) האָט אָנגעטראָפן אריבער 4 מיליאָן איינוואוינער.

אָנגעקומען אין בערלינער באַן־הויף, זע איך ווי רעדלעך מענטשן שטייען און זיי ריידן צווישן זיך מיט דער הילף פון אומרואיגע הענט. האָב איך זיך משער געווען, אז דאָס זיינען אוודע מאחינו בני ישראל. ווען איך האָב זיך צו זיי דערנענטערט, האָב איך אויסגעפונען, אז איך האָב קיין טעות ניט געמאכט. פרעג איך אוואו געפינט זיך א גוטער אידישער האָטעל אין בער־לין. האָבן זיי מיר אָנגעוויזן צוצופאָרן אין דער אָראַנבורגער גאַס נומער 66, דאָרטן וועל איך געפינען א אידישן האָטעל.

בין איך צוגעגאַנגען צו טעקסי־מאַן (פון וועמעס אויגן ס'האָט ארויסגערעדט דער דייטשער איד) און זיך געהייסן צופירן אין 66 אָראַנענבורגער גאַס. צוגעקומען צום האָטעל, פרעג איך דעם שאָופער, וויפיל אים קומט, זאָגט ער 2 מארק, און ער פרעגט מיר אויב איך האָב מארקן, ענטפער איך אים — ניין. הייסט ער זיך געבן א דאָלאַר און ער וועט מיר געבן 2 מארק צוריק. ער דער־קלערט מיר דערביי, אז דער דאָלאַר טרעפט אָן 4 מארק.

צו דעם שאופער האָב איך שוין קיין דאָלמאטשער ניט באַ־דאַרפט, ווייל וועלכער איד קען דאָס נישט ריידן קיין דייטש? איך באמערק אין דעם האָטעל, אז אויף אַלע טירן זיינען אָנגע־שלאָגן מזוזות, און דער אייגנטימער, א דאַר נידעריג אידל מיט א קאַפּל אויפן קאָפּ, גיט מיר אָפּ דעם דייטשן „כ'האבע די ערע" און נאָך דעם, דעם אמת'דיג־אידישן שלום־עליכם. ער רופט צו זיין פרוי און זאָגט איר: גיב דעם הער א צימער צום וואוינען. זי באגריסט מיך און רעדט ניט אנדערש ווי נאָר אויף דייטש. איך האָב געטראַכט: דאַכט זיך אַליין א גאַליציאַנער אידענע און וויל קיין אידיש ניט ריידן. אריינפירנדיג מיר אין דעם שיינעם צימער, דערציילט זי מיר, אז אין דעם האָטעל שטייען איין אַלע רבנים, וועלכע קומען פון אנדערע לענדער קיין בערלין, און דער אידישער סעמינאַר געפינט זיך אין דעם האָטעל, און די ציוניס־טישע מיטינגען ווערן אויך דאָ אָפּגעהאַלטן. מיט איין וואָרט, איך בין אריינגעפאַלן אין א „ירושלים"־האָטעל. (הפנים אז די אידן אין באַן־הויף האָבן מיר אָנגענומען אַלס רב, האָבן זיי מיר רעקאַ־

מענדירט אָט דעם „היילינגן" האָטעל...). רעדנדיג מיט דער מאַדאַם פונם האָטעל, פרעג איך איר, אַוואו די אידישע געטאָ געפינט זיך אין בערלין. זאָגט זי — אויף דער אַלעקסאַנדער שטראַסע, דאָרטן וואוינען די פוילישע אידן. לאָז איך איר איין מיט מיר אהין צו פאָרן, זאָגט זי, אַז זי פאָרט נישט אום טבת, אָבער אויב איך וויל, וועט זי מיט מיר אַרונטערפאָרן אין אָוונט. ביינאַכט קאָן מען, פאַרשטייט זיך, נישט זעען אַזוי פיל ווי ביי טאָג; אָבער אביסל האָב איך דאָך געזען; און. נאָך אַלעמען, האָב איך נישט דערוואַרט צו זען מער ווי איך האָב געזען אין אַנדערע גרויסע שטעט אין די אידישע געטאָס. אויפן וועג צוריק, דערציילט מיר די האָטעל־איינגנטימערן, אַז אין דער שטאָט בערלין געפינט זיך אַן אַמוזירונג־פּלאַץ וואָס רופט זיך „דאָס פאָטער לאַנד", און אויב איך וויל פאַרברייננגען אַ פריילעכן אָוונט, זאָל איך אהין צוגיין. אויף מאָרגן בין איך אוועק אין „פאָטער לאַנד".

דער דאָזיגער אַמוזירונג־פּלאַץ איז איינגעטונקט אין אַ ים שטראַלן, אַז עס איז מיר ליכטיג געוואָרן אין די אויגן פון די טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס באַלייכטן דעם פּלאַץ. די הויז באַשטייט פון צוויי עטאַזשן, אויף יעדן איינעם געפינט זיך אַן אָרקעסטער מוזיק, וואָס אונטערהאַלט די געסט: איין קאַפּעליע פון סאַמע געקליבענע שיינע יונגע מיידלעך אויף דעם ערשטן עטאַזש, שפּילן און זינגען צו דער זעלבער צייט. דאָס ווייזט אויס, ציט־צו די באַזוכער צו פאַרברענגען דאָרטן. אויף דעם צווייטן שטאָק שפּילן און זינגען יונגע מענער, און ס'האָבן אויך געטאַנצט אַ גרופּע מיידלעך ,20 אין צאָל, געקליידעט אין ביירישע קאָסטיומען. זיי האָבן געטאַנצט די „ריינלענדער". זיצנדיג דאָרטן און איינקוקנדיג זיך ווי די מיידלעך האָבן דורכגעפירט דעם טאַנץ, און טרינקנדיג דערביי אַ גוטע דייטשישע גלאָז ביר, פילט מען זיך אין אַ פריילעכער שטימונג און מ'פאַרגעסט אין אַלע צרות.

אַ יונגערמאַן אין דעם אַמוזירונג פּלאַץ, דערקענט אין מיר, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, רעדט ער זיך פאַנאַנדער מיט מיר און זאָגט, אַז ער איז אַן אָנגעשטעלטער ביי ווערטהיימער אין דעפּאַרטמענט געשעפט. ער רעדט מיך איין צו קומען זען דעם בערלינער גרעסטן דעפּאַרטמענט געשעפט. האָב איך אים פאַרשפּראָכן דאָרטן צו זיין, און אויף מאָרגן פרי בין איך דאָרטן געוועזן.

קיין גרויסן אונטערשייד פון אַ ניו יאָרקער דעפּאַרטמענט הויז זעט מען דאָרטן נישט, אַ חוץ איין זאַך — דאָס איז אַ פאַנ־

טאָן אין מיטן קראָם וואו דאָס וואַסער האַלט אין איין שפּריצן. איך האָב אויפגעזוכט דעם יונגנמאַן מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן אין „פאַטערלאַנד" און ער פרעגט ביי מיר צי אין ניו־יאָרק געפינען זיך גרעסערע דעפּאַרטמענט קראָמען ווי די. זאָג איך אים, אַז איך גלויב אַז „מייסי'ס" אין ניו יאָרק, איז גרעסער, אָבער קיין פאָנטאַן אין מיטן קראָם איז דאָרטן נישטאָ, ווייל אַן אַמעריקאַנער געשעפטסמאַן גיט זיך נישט אָפּ מיט אַזאַ „פּאָע־טישער" באַפּוצונג פון זיין געשעפט. אויף דעם פּלאַץ פון דעם פאָנטאַן ווערט בעסער געטאָן „ביזנעס". רופט ער זיך אָן: ס'איז נישט קיין וואונדער וואָס די אַמעריקאַנער זיינען אַזוי רייך.

מיך האָט באַזונדערס צוגעצויגן די אָפּטיילונג וואו ביכער ווערן פאַרקויפט. ריידנדיג מיט דעם ביבליאָטעקאַר ווי גרויס דער אויסוואַל איז פון די דייטשע קלאַסיקער, דערציילט ער מיר, אַז אַ סך מער ביכער פון קלאַסיקער געפינען זיך אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, און ער פרעגט מיך אויב איך האָב זי שוין באַזוכט. ענטפער איך אים, אַז דערווייל נאָך נישט, אָבער איך וועל די גע־לעגנהייט נישט דורכלאָזן. אויף מאָרגן בין איך אַוועק אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. האָב געטראָפן דאָרטן אַ גרויסן עולם אין לעזע־זאַל, אַזוי ווי אין דער ווינער שטאָט־ביבליאָטעק. די בער־לינער געביידע איז אָבער פון אַ רייכערער אַרכיטעקטור און אויס־שטאַטונג. כ'האָב אויך באַ זיך אָפּגעמאַכט צו פאָרן זען קייזער ווילהעלם'ס פּאַלאַץ. האָב איך געפרעגט באַ צוויי יונגע לייט ווי אַזוי איך קאָן צוקומען אַהין, האָבן זיי מיר געגעבן דעם אַדרעס.

אין דעם פּאַלאַץ בין איך אַדורכגעגאַנגען פון צימער צו צי־מער — אויך דעם חדר אין וועלכן די וועלט־מלחמה איז דערקלערט געוואָרן. קוקנדיג אויף דעם היסטאָרישן טיש וואו מען האָט די בלוטיגע קריג דערקלערט, האָב איך נאָר געוואונטשן, אַז אַזעלכעס זאָל מער נישט פאָרקומען. אַריינגעקומען אין דעם קייזער'ס ביבליאָ־טעק און באַטראַכט די ווענט מיט ביכער וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט, האָב איך באַטראַכט דעם טיש וואָס אונזער אַמע־ריקאַנער מיליאָנער פּירפּאָנט מאָרגאַן האָט דעם קייזער געשיקט אַ מתנה. דער טיש איז געמאַכט פון אַ קאַליפאָרניער בוים, וואָס פאַרנעמט כמעט אַ האַלבן צימער. זעענדיג דעם פּראַכט און גלאַנץ פון דעם גאַנצן פּאַלאַץ, האָב איך דעם קייזער נישט מקנא געווען וואָס ער האָט „נעבאַך" אַלץ געמוזט פאַרלאָזן און ווערן „נע־ונד"...

איך פאָר אָנקוקן דעם יאָרצייט־מאָנומענט פון די פאַרלוי־

רענע סאָלדאַטן פון דער לעצטער מלחמה. דער פּלאַץ מיטן „נר־תמיד״ איז אַנדערש ווי אין פּאַריז. עס איז אַ רונדער אוהל, און אין דער סטעליע געפינט זיך אַ גרויסע עפענונג וואו דער פלאַם זאָל אַרויס. אין מיטן דעם אוהל ליגן לעבעדיגע בלומען און לעבן זיי אַן אויפשריפט ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און ווען געענדיגט.

מער פון אַלץ האָט מיך פאַראינטערעסירט אין בערלין צו גיין זען די קברים פון די 32 קאָמוניסטן, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן אין יאָר 1919. איך האָב באַטראַכט זייערע מצבות אין דער פאָרמע פון אַ בוך. קאַרל ליבקנעכט׳ס און ראָזאַ לוקסעמבורג׳ס מצבות שטייען אין פראָנט, און אין דער זייט שטייט אַ וואַנט פון רויטע ציגל געמאַכט, און אויף דער וואַנט הענגט די סאָוועטישע עמבלעם. טיף געבויגן, מיט ערע־פורכט פאַר זייער אַנדענק, האָב איך פאַרלאָזן דעם פּלאַץ אין טיפן טרויער. בא מיר אין געדאַנק האָט זיך גענומען פאָרמירן אַ פּאַראַלעל צווישן די צוויי דענקמאָלן וואָס איך האָב געזען און וועלכע סימבאָליזירן צוויי באַזונדערע, אַנטקעגנגעזעצטע וועלטן. פון איין זייט — דער יאָרצייט־מאָנומענט פאַר דעם „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט״, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן אויפגעבויט אַלס אַן אַקט פון מלחמה־„פּאַטריאָטיזם״ פאַר די „העלדן״, וואָס זיינען געפאַלן אַלס קרבנות אויפן מזבח פון דעם אימפּעריאַליסטישן עגל־הזהב — דאָס איז דער סימבאָל פון דער אַלטער אָפּגעלעבטער פאַרשימלטער אָרדנונג, וועלכע שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר; פון דער צווייטער זייט, דער דענקמאָל פון אונזערע מאַרטירער־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר דעם הייליגן אידעאַל פון פרייהייט און גלייכהייט און אַז מלחמות זאָלן אויף אייביג אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד. — דאָס איז דער האָפענונג־סימבאָל און טרייסט פון דער אַרבעטנדיגער מענטשהייט, און אָנזאָג, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג און דער קאַפּיטאַליזם מיט אַלע זיינע איבלען און אומגליקן וועלן אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אַ נייער פרידלעכער אָרדענונג אונטער וועלכער אַלע מענטשן וועלן לעבן גליקלעך.

אין בערלין האָב איך אויך נישט מער פאַרבראַכט ווי אַכט טעג. נישט דערפאַר, וואָס דאָס עפנטלעכע לעבן דאָרטן איז מיר נישט געווען געפעלן ווי אין פּאַריז, נאָר פּשוט צוליב דעם, וואָס מיינע אָרימע פינאַנץ־מיטלען האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף... ווי

זאָגט דאָרטן שלום־עליכם, „אז די פאָדעם גייט אויס פון קעשענע, קען מען שוין מער קיין חכם נישט זיין"...

עס האָט זיך מיר געוואָלט זיין אין בערלין אזוי ווי אין דער שטאָט ווין, ווייל די שפראך איז דיזעלבינע, און די ריינקייט פון דער שטאָט זייער ענלעך, און די העפלעכקייט פון די מענטשן אויך דיזעלבינע, אָבער וואָס קאָן מען טאָן, אז די קעשענע זאָגט ניין?!

איך פאָר צוריק קיין אַמעריקע

פון דייטשלאַנד בין איך צוריקגעפאָרן קיין פוילן צו מיין ברודער, וואו איך בין פארבליבן נאָך 2 וואָכן. דאַן בין איך צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, אויף דער זעלבער שיף „איראָפּא". אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, בין איך דעם 21טן יולי, 1931. קומענדיג אויפן ניו יאָרקער האפן, האָבן מיינע קינדער אויף מיר שוין געוואַרט, און דער עלטערער זון מיינער, דער דאָקטאָר, האָט מיך גענומען אין זיין אויטאָמאָביל און מיך געבראַכט צו זיך אהיים, אז איך זאָל זיך אויסרוען פון מיין רייזע.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון איראָפּע, האָב איך אָפּגעקויפט א שניידער־שאָפּ, פון מיינעם א באַקאַנטן, אין דער 54טער גאַס אין „בעירידזש", ברוקלין. איך האָב אַרויסגענומען מיין מעבל פון לאַגער־הויז און האָב איינגעריכטעט דעם פּלאַץ צו דער אַרבעט. דאַן האָב איך רעקלאַמירט אין דער נאכבארשאפט, אז פון היינט אָן און ווייטער איז דאָס געשעפט אונטער א נייער פירערשאַפט. עס זיינען אַוועק א פּאָר וואָכן און כ'האָב אָנגעהויבן קריגן אַרבעט אויף אַרבעט. אזוי האָב איך פארדינט אויף א פיין לעבן און אויך געשפּאָרט א ביסל געלט פאר א „רעגנדיגן טאָג". איך האָב פאר זיך אָפּגעדונגען א שיינעם ליכטיגן צימער צום וואוינען בא א שוועדישער פאַמיליע, טאָקע נישט ווייט פון מיין געשעפט.

איך האָב מיין געשעפט געהאַלטן דריי יאָר, און אונטער דער צייט האָט מען מיך צוויי מאָל באַ'גנב'עט. איך האָב דערביי געהאַט א גרויסן פארלוסט, ווייל איך האָב באַצאָלט די קונדן פאר זייערע קליידער — און זיי אַליין אויך פארלוירן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אז דאָס זאָל ווידער ניט פּאַסירן.

נאָך דער צווייטער גנבה, האָב איך אַליין אויך שוין פארלוירן דעם צוטרוי דאָרטן צו פארבלייבן. האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אן אַנדערן פּלאַץ, וואו איך זאָל זיך קאָנען איינאָרדענען מיט א

צימער צום וואוינען, אז איך זאָל מער אזעלכע פארלוסטן נישט האָבן. איך בין ארומגעגאנגען עטלעכע וואָכן און געזוכט אזא מין פּלאַץ, אָבער עס איז זייער שווער געווען צו געפינען: דאָ איז די קראָם געווען צו קליין פאר בײדע זאכן, און דאָרטן איז עס ניט געשטאנען אויף א גוטן אָרט עס זאָל אריינברענגען גענוג ארבעט צו מאכן א לעבן. איז מיר פשוט מיאוס און מאוס געוואָרן דאָס זוכעניש. און דאָ שטיי איך, ווי מ'זאָגט, אויף „הינערשע פיסלעך". האָב איך זיך מיישב געווען, אז איך זאָל אריינגעבן מיין געשעפט אויסשטאטונג אין לאגער-הויז פאר א ווײלע, ביז איך וועל אויסגעפינען א פאסיקן פּלאַץ.

איך פאָר דעם צווייטן מאָל קיין אייראפּע

זינט דער באָלשעוויסטישער רעזשים איז איינגעפירט געוואָרן אין רוסלאנד, האָט מיך מיין הארץ אהין כסדר געצויגן, געוואָלט זען מיט מיינע „אייגענע" אויגן ווי דער סאָציאליזם ווערט דאָרטן געבויט. ארומגייענדיג אָן א באשעפטיגונג, האָב איך באשלאָסן מיין וואונטש איצט דורכצופירן. געזאָגט און געטאָן. בין אוועק צו גוסטאַוו אייזנער, דעם אגענט פון שיף- און באן-קארטן, אין זיין אָפיס אין בראָדוויי גאס, ניו יאָרק. ווי נאָר איך בין אריינגע־קומען, האָט ער גלייך פארשטאנען נאָך וואָס איך בין צו אים געקומען. האָט ער מיך פריינטלעך באגריסט און מיך געפרעגט וואָס איז מיין פארלאנג. דערוויסנדיג זיך, אז די רייזע קיין רוסלאנד מיט דעם דריטן קלאס, אהין און צוריק, וועט מיר קאָסטן דריי הונדערט מיט ניינציג דאָלאר, האָב איך אים געגעבן פינף-און-צוואנציג דאָלאר האנט-געלט, און ווען ער וועט האָבן אלע פאפירן פארטיג, האָב איך אים געזאָגט, וועט ער פון מיר קריגן דאָס רעשט.

ער ווייזט מיר א מאפּע און צייכנט פאר מיר אָן דעם וועג וואו און אין וועלכע לענדער איך וועל זיך קאָנען אָפּשטעלן אויף דער רייזע קיין רוסלאנד: נעאפּאָל און זשעניעווע אין איטאליע; פון דאָרטן וועל איך פאָרן מיט דער באן קיין עסטרייך, טשעכאָ־סלאוואקיע, פוילן און פון פוילן קיין רוסלאנד. אָפּרייזן פון אמע־ריקע וועל איך מאי דעם 12טן, אין יאָר 1934, מיט דער שיף „איל-קאנטע-דע-סאוואיע", פון איטאליענישער קאָ. פארזאָרגט זיך מיט דער שיפסקארטע און באן-בילעט צום פאָרן, בין איך אוועק צו מיין שוועגערין פייטשע'ס טאָכטער, קלאַראַ, א שול־

לערערין, אז זי זאָל מיט מיר גיין אַרויסקריגן אַ פּאַס פאַר מיין רייזע קיין אייראָפּע. איז זי מיט מיר אַוועק אין קאָנצעלאַריע, אוואו מען גיט אַרויס די פּעסער און געשוואָרן, אַז זי קען מיך אין אַמע־ריקע מער ווי פינף יאָר, און איך האָב אַרויסגעקראָגן מיין פּאַס.

צו מיין אָפּפאָרן פון ניו יאָרק איז געקומען מיין אינגערער זון מיט זיין פרוי צו געזעגענען זיך מיט מיר. (מיט מיין עלטערן זון און זיין פאַמיליע האָב איך זיך שוין געהאַט געזעגנט אַפריער). ס'איז אויך געקומען מיין שוועגערין פייטשע און אַ דעלעגאַציע וואָס מיין ברענטש 3 פון אַרבעטער רינג האָט געשיקט מיך צו באַ־גלייטן, און אַנדערע קרובים און גוטע פריינט. איך האָב זיי אַלעמען געזאָגט אַ „זייַ־געזונט"! און זיי מיר אַ „פאָר־געזונט", און איך ווער שוין געטראָגן אויף די כוואַליעס פון ים.

מיט דער גרויסער נייער שיף זיינען מיר געפאָרן זעקס טעג און אויפן זיבעטן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין איטאַליע. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן איניקע אינזלען: אַ שפּאַנישן, אַ פּאָרטו־געזישן, אַ פראַנצויזישן, און אַן ענגלישן פּאָרט, וואו די שנעל־לויפנדיקע שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעלאָזט צוויי לינקאָלן־אויטאָמאָבילן אויפן האַפן, וואָס זי האָט געפירט פון אַמעריקע. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי די פרוכט־פּעדלערס זיינען צוגעקומען צו דער גרויסער פּאַסאַזשירן־שיף מיט זייערע קליינע שיפעלעך צו פאַרקויפן פרישע און געזונטע פרוכטן. זיי האָבן זייער סחורה אַרויפגעצויגן מיט שטריק אין קליינע געפאָרבטע קוישעלעך, און די פּאַסאַזשירן אויפן דעק האָבן די פרוכטן אַרויסגענומען, אַריינגעלייגט דאָס געלט אין די קוישלעך און זיי צוריק אַראָפּגעלאָזט צו די פאַרקויפער. לײדער האָב איך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון די פרוכטן צוליב דער נודנער ים־קראַנקהייט, וואָס איך האָב פון איר געליטן כמעט דעם גאַנצן וועג ביז איטאַליע.

איך קום אָן אין נעאַפּאָל

די ערשטע שטאָט אוואו די שיף אונזערע האָט זיך אָפּגע־שטעלט איז געווען נעאַפּאָל. אַרונטער פון דער שיף, בין איך צו־געפאָרן צום האָטעל טורין. דורך דער צייט וואָס איך בין געווען אין דער שטאָט בין איך אַרויסגעפאָרן באַקוקן פּאָמפּעי, וואָס געפינט זיך אונטער דעם וואולקאַן „וועזוואווי", (דאָס איז אַ שטאָט וואָס איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק,

און איצט גראָבט מען איר אויס) האָב זיך דאָרטן צוזאַמענגע־טראָפן מיט אַן ענגלישן זשורנאַליסט און דערקענט אין אים, אַז ער האָט געהאַט געשטודירט די געשיכטע פון דער שטאָט פּאָמפּעי. איך האָב מיט אים דאָרטן פאַרבראַכט עטלעכע שטונדן. ווען ניט צוליב אָט־דעם געלערנטן, וואָלט איך געווען פאַרלאָזן פּאָמפּעי אַן אומצופרידענער, ווייל קיין זאַך וואָס עס האָט זיך דאָרטן געפונען אין די הייזער זעט מען ניט, אויסער די אויסגעגראָבענע חורבות אָן דעכער און אָן פענצטער. איין זאַך וואָס פאַר מיר איז יאָ געווען אינטערעסאַנט צו זען, איז די אַלטפּרענקישע ציגל מיט וועלכע זיי האָבן דאַמאָלסט געבויט זייערע הייזער, וואָס זיינען היינט שוין מער ניטאָ. נאָך אַ זאַך וואָס מיר האָט געוואונדערט, איז די שמאָלע געסלעך אָן טראָטואַרן, און ווי די מענטשן מיט די חיות האָבן זיך אין איין צייט דורכגעשטופּט.

פאָרנדיג צו פּאָמפּעי, האָב איך זיך פאַרטראַכט וועגן דעם וועזוואַווי, וואָס ער שטייט און ברענט יאָר איין און יאָר אויס, אָן אַן אויפהער, און גיט פון זיך אַרויס לאַווע, אַ ווייסן רויך, ווי שטיקער וואָלקנס. פון דרויסן איז דער וואולקאַן באַדעקט מיט אַ שוואַרצער בלאָטע און אינעווייניג איז די בלאָטע ווי פאַרקילטע דרעלעס, פון דעם שטענדיגן פלאַם פייער וואָס ס'ברענט דאָרטן אָן אַן אויפהער.

גייענדיג איבער די גאַסן פון דער שטאָט נעאַפּאָל, צו באַ־טראַכטן און זען איר גרויס און שיינקייט, האָב איך אָנגעטראָפן אַ נידעריגן איטאַליענער מיט גראָבע, לאַנגע, שוואַרצע וואָנצעס, זיצנדיג אויף אַ קליין וועגעלע מיט צווי רעדלעך, און אַ קליינעם פּאָני, די גרויס פון אַ הונט, איינגעשפּאַנט אין דעם וועגעל, מיט אַ צימלעך גרויסער פעסל מינעראַל־וואַסער צום פאַרקויפן. ער האָט געשריען: „שינקא סאַנטימא אקווא מינעראַל פרעשקא", (פינף סענט פרישע מינעראַל־וואַסער), און דאָס, קליינע גרויע, מאָגערע אייזעלע מיט צווי גרויסע אויערן האָט זיי אַלע דריי געשלעפּט: דאָס וועגעלע, די פעסל וואַסער און דעם פעטן איטאַליענער. האָט איר געהייסן זיך געבן די מינעראַל וואַסער מיט סיראָפּ, האָט איר געמוזט באַצאָלן „דיעשע סאַנטימען" (10 סענט).

זיצנדיג באַ דעם אַוונט־מאָלצייט אין מיין האָטעל, זע איך ווי עס מאַרשירן אַריין אַ גרופּע סטודענטן, בחורים און מיידלעך, מיט זייערע זעקלעך אויף די פּלייצעס אַזוי ווי סאָלדאַטן. איך רייד זיך מיט זיי פאַנאַנדער, געפין איך פון זיי אויס, אַז זיי קומען פון

טריאל, און גייען אויספאָרשן די קארפאטן־בערג. זיי זיינען פאַר־בליבן נעכטיגן אין דעם האָטעל און אויף מאָרגן זיינען זיי אוועק מיט זייערע רענצלעך אויף די פּלייצעס צו די קארפאטן, פריילעך און מונטער.

נעאפּאָל איז אַ שיינע, גרויסע שטאָט מיט פיל האָטעלן — צוליב דעם פּאָרט וואו די שיפן שטעלן זיך אָפּ. די האָטעלן זייערע, האָב איך באמערקט, זיינען איינגעריכטעט ספּעציעל פאַר די טור־ריסטן אזוי ווי אין אנדערע גרויסע שטעט, מיט אַלע באקוועמלעכ־קייטן, אז דער גאַסט זאָל זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים, און אים זאָל ניט זיין לאַנגווייליג די צייט וואָס ער וועט דאָרטן פאַרבלייבן.

איך פאָר קיין רוים

פון נעאפּאָל בין איך געפאָרן קיין רוים, און בין דורכגעפאָרן די קארפאטן מיט זייערע לאַנגע טונעלן, וואָס מאַכן פינצטער אין דער באַן, און דאָס מאַכט אייך אומאנגענעם די רייזע. אָנגעקומען אין רוים, בין איך צוגעפאָרן מיט אַ טעקסי צו דעם האָטעל „פּיען־שאַן־גיאַלינטי״, און האָב דאָרטן פאַרבראַכט בלויז עטלעכע טעג. עס איז פאַר מיר געווען זייער שווער זיך צוגעוואוינען צו זייערע שפּייזן, (אפשר איז דאָס געווען איינע פון די אורזאַכן וואָס איך בין געווען קראַנק פאַרנדיג אויף דער איטאַליענישער שיף). איך האָב דאָס אויך דערפילט זייענדיג אין דער שטאט נעאפּאָל און האָב שוין באַלד אָנגעהויבן גלויבן אינם גלייכווערטל „זע נעאפּאָל און שטאַרב״. אָבער כ׳האָב זיך דאָך אויסגעקויפט פון טויט און בין איצט אין רוים.

רוים די הויפּט־שטאָט פון דער מאָדערנער איטאַליענישער מלוכה, איז אפשר די סאַמע עלטסטע פון אַלע שטעט אין דער וועלט. אין דעם פּעריאָד פון די „מלכים״ (510—153) פאַר קריס־טוס׳עם געבורט, האָט רוים שוין עקזיסטירט און האָט דעמאָלט פאַרנומען זיבן בערג וועמעס שפּיצן האָבן זיך דערהויבן פון 80 ביז 120 פוס איבער דעם טייך. עס געפינען זיך נאָך איצט אין רוים פיל טיילן פון פאַרשיידענע דענקמאָלן און געביידעס פון טיפן אַלטערטום. אויף דער צפון־זייט געפינט זיך דער טריאומף־טויער פון סעפּטימוס סעווערוס, און צום דרום־זייט — דער טויער פון דעם גרויסן פלאַווישן אמפיטעאַטר וואָס איז געבויט אין דעם כאַראַקטעריסטישן סטיל פון די רוימער. דער דאָזיגער אמפי־

טעאטער איז געווען דער פּלאַץ פאַר די גלאַדיאַטאָרס (פעכטער) און ווילדע חיות. איצט רופט זיך עס קאָליזייאום.

צווישן די פּאַלאַצן אין רוים איז דער גרעסטער, דער וואטי־קאַן, די „מלוכה" פון דעם פּויפּסט, און דער קווירינאַל פּאַלאַץ. די פּאַלאַצן פון די רוימישע נאָבל־לייט אנטהאַלטן קאָלעקציעס פון בילדער און סטאַטועס.

אין רוים זיינען פאַראַן פיל מוזייען און ביבליאָטעקן, די וויכטיקסטע פון וועלכע זיינען: קאַלעגיא ראמאנא; פּאַלאַצא דע־קאנסערוואטאָרי; דער לאַטעראַ פּאַלאַץ, און די ווילא מעדיצי. דער רוימישער מוזיי פון אַלטטימלעכער סקולפּטור ווערט פאַר־רעכנט אַלס איינער פון די ערשטע אין דער וועלט. די ביבליאָטעק פון וואַטיקאַן אנטהאַלט 34 טויזנט מאַנוסקריפּטן פון די וויכטיג־סטע קלאַסישע ווערק.

די שטאָט רוים איז „גליקלעך" צו האָבן מער ווי 300 קירכן. די ריזיגע קאַטאַקאָמבן (די אוהלים פון קברים) אין רוים פאַר־נעמען אן אונטערערדישן שטח פון פיל מיילן. אין רוים געפינען זיך אזוי פיל היסטאָרישע פּלעצער און מאַנומענטן, אַז ס'וואָלט געגומען אַ גאַנץ באַזונדערן בוך זיי צו באַשרייבן. וועל איך דאָ דערמאָנען בלויז מאַנכע פון זיי: די געטאָ, די פּראָפּאַגאַנדאַ, די סאַפּיענזאַ, און דער פּראָטעסטאַנטישער בית־עולם. דערפאַר איז אָבער רוים גאַנץ אָרים אין פאַבריקן. די הויפּט־אינדוסטריע אירע ווערט אָנגעפירט אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און באַשטייט אין דער פּראָדוקציע פון מאָזאַאיק, בראָנז, סטאַטועס און בילדער. הינטערן שטאָט געפינט זיך אַ מאָדערנע „מואווינג פּיקטשור" איינריכטונג.

די באַפעלקערונג פון רוים ווערט גערעכנט אַרום 915 טויזנט.

דער וויכטיגסטער בילדונג־אַנשטאַלט אין רוים איז דער רוי־מישער אוניווערסיטעט. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1303 פון דעם פּויפּסט באָניפאַציאוס דער 8טער, און איז געווען אונטער קאָנטראָל פון דער קירך ביז יאָר 1890. אין מיין צייט האָבן דאָרטן געלערנט 4,450 סטודענטן.

ווי געזאָגט, האָבן מיר די איטאַליענישע עסנס נישט "פאַ־ליובעט"". האָב איך אין די פיר שטעט אין איטאַליע פאַרבראַכט נישט מער ווי עטלעכע טעג אין אַ שטאָט. אין רוים בין איך גע־גאַנגען אָנקוקן דעם קאָליזייאום (אַ היסטאָרישער פּאַלאַץ). דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך דאָרטן אזוי פיל געזען ווי אין פּאַמפּעי.

ס׳שטייט אַ גרויסע פּוסטע געביידע, אויך אַן אַ דאַך און אָן טיר און פענצטער. אַלץ וואָס איר זעט דאָרטן איז שטיינערנע טרעפּ, וואו די האַרצלאָזע מענטשן פלעגן אַרויפגיין זיך קוויקן מיט די ווילדע געפעכטן וואָס דאָרטן פלעגן פאַרקומען צווישן אַן אומ־וויסנדיגן מענטשן מיט אַ ווילדער חיה ווי זיי האָבן זיך געראַנגלט איינער מיטן צווייטן. אויסער די טרעפּ, זעט איר אייניגע גריבער (אויך פאַר דעם זעלביגן צוועק).

כ׳בין געגאַנגען אין פאַשיסטן־הויז זיך צו פאַרזאָרגן מיט אַ בילעט, אַז איך זאָל קאָנען אַרויספאָרן פון דער שטאָט. צוגע־קומען, דערציילט מען מיר, אַז כדי אַריינצוגיין, מוז מען האָבן אַ דערלויבעניש. ניי איך קריגן די קאַרט, הייסט מען מיר באַצאָלן צוויי לירעס. באַצאָלט און בין אַריין. בא דער טיר שטייען צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן אויף זייערע אַקסלען און מ׳מוז זיי ווייזן דעם בילעט, אַניט לאָזן זיי אייך ניט אַריין. קיין באַזונ־דערעס זעט מען דאָרטן נישט, אויסער די בילדער, וואָס שטעלן פאָר ווי מוסאָליני איז געקומען צו דער מאַכט אַלס פאַשיסטישער דיקטאַטאָר. קוקט איר אָן די געביידע פון דרויסן, זעט זי אויס ווי אַ פּאַנאָראַמע פון קאָמעדיאַנטן מיט גרויסע בלעכענע בוכ־שטאַבן וואָס ווייזן אייך אָן, אַז דאָס איז דאָס פאַשיסטן־הויז. כ׳בין אויך געווען אין סעינט פעטער קירך וואו די אמת׳ע פינצ־טערניש געפינט זיך. דאָס ווערט אָנגערופן דעם „פּויפּסט׳ס טעמפּל", מיט צוויי אַלייען בא דער זייט. איך האָב באַטראַכט די איקאָנעס מיט גאָלד באַדעקט, און די ווענט מיט גאָלד באַפּוצט. דאָס גיט אייך אַ בליאַסק אין די אויגן ביים אַריינקומען, אַז איר מיינט, אַז דאָס איז אַ גאָלדענער פּאַלאַץ. איך האָב געטראָפן דאָרטן אַ סך דייטשן, וועלכע האָבן אַהין אַראָפּגעבראַכט אַן עלטערן גלח פון דייטשלאַנד, אַז דער פּויפּסט זאָל אים „הייליגן", מיינענדיג, אַז דער פּויפּסט אַליין איז אַזוי הייליג, אַז ער קאָן מאַכן אַ צווייטן הייליג . . .

אין דעם מוזיי, לעבן אַט דעם קלויסטער בין איך אויך געווען. אין דעם פּלאַץ איז גראַד כדאי געווען צו זיין און צו זען די היסטאָרישע זאַכן וואָס דאָרטן געפינען זיך. צו באַשרייבן אַלץ וואָס דאָרטן געפינט זיך איז אַ זאַך פון אוממעגלעכקייט, ווייל פון דעם מוזיי איז אָנגעשריבן אַ דיקער בוך. בין געווען אין נאָך אַנ־דערע פּלעצער, אָבער ס׳איז נישט ווערט געווען צו נאָטירן.

די שטאָט רוים איז אַן־און־פאַר־זיך אַ גרויסע, שיינע לעבע־

דיגע שטאָט. אפשר צו פיל קאָכעדיג און שרייענדיג פון דעם טומעל פון די אויטאָמאָבילן און טעקסי־קעבס וואָס ווערן געפירט מיט פערד און וואָס קלאַפּן מיט זייערע אייזערנע פּאָדקאָוועס אויף די הארטע גרויסע שטיינער. היינט די קולות פון זייערע משונה׳דיגע טרובעס, וואָס איר הערט ניט אין קיין אַנדערע גרויסע שטעט אין אייראָפּע, איז הפנים ספּעציעל געמאַכט פאַר דער שטאָט רוים. ווען איך האָב פאַרלאָזט די שטאָט, האָט גענומען עטלעכע שעה איידער דער גערויש פון די „האָרנס" איז פון מיינע אויערן פאַרשוואונדן.

איך פאָר קיין מילאַן

פון רוים בין איך אַוועקגעפאָרן קיין מילאַן און בין פאַרביי־געפאָרן פיל אָזערעס וואָס געפינען זיך דאָרטן . איך האָב לאַנג ניט פאַרבראַכט, זיך געאיילט ווייטער צו פאָרן. אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט זען אין דער שטאָט, אין דעם שיינעם וואָקזאַל, וואָס איז געבויט פון מאַסיוון מירמל־שטיין און דעם באַרימטן מילאַנער קלויסטער, וואָס, ווי מ׳האָט מיר דערציילט, איז דער גרעסטער וואָס איטאַליע פאַרמאָגט. בין איך געווען נייגעריג אים צו זען. צוגעקומען, האָב איך געזען אַ געביידע וואָס פאַרנעמט אַ קוואַדראַטנעם קוואַרטאַל. האָב איך באַטראַכט די אַרטיסטישע אַרבעט וואָס איז ווירקלעך אַ וואונדער. אַריינגעגאַנגען אינעווייניג, האָב איך בייגעוואוינט אַ קאָנפירמאַציע פון אינגלעך און מיידלעך. זעענדיג ווי די גלחים האָבן געפּראַוועט די רעליגיעזע צערע־מאָניע, האָט דאָס מיך דערמאָנט אָן דעם, ווי דער כהן־גדול האָט געפּראַוועט די עבודה ביים מקריב זיין קרבנות אין אידישן בית־המקדש. זיך צוגעקוקט צו די קליינע בודקעס וואָס שטייען ביי די לאַנגע ווענט און קוקן אויס ווי טעלעפאָן־צעלן. און די מענטשן שטייען לעבן זיי און זיינען זיך מתודה פאַר די גלחים וואָס שטייען אין די בודקעס. די מענטשן זעען ניט די גלחים, אָבער די גלחים זעען די באַזוכער יאָ. איידער די מענטשן שטעלן זיך אויף זייערע קני ביים וידוי, צו דערציילן זייערע געהיימע „זינד", דאַרף מען אַריינוואַרפן געלט אין דער בלעכענער פּושקע, (מילא, די נאַריש־קייט צו געבן געלט פאַר אומזיסט בין איך זיי שוין מוחל, אָבער פאַרוואָס דערציילן דעם גלח די געהיימניסן פון טיפן הארצן? דער־ציילט דען דער גלח אימיצן זיינע זינד וואָס ער באַגייט בסדר?).

איך פאָר קיין ווענעדיק

פון מילאַן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ווענעדיק, (די איטאַ־ליענער רופן די שטאָט — ווענעציע). ווען איך בין געקומען אין ווענעדיק, בין איך צוגעפאָרן מיט אַ שיפל צו אַ האָטעל, ווייל פון דאָרטן קאָן מען שוין נישט פאָרן צום האָטעל מיט אַ טעקסאַ־מעטער, ווי אין אַנדערע שטעט אין אייראָפּע, ווייל די שטאָט שטייט אין וואַסער. אין דער שטאָט האָב איך אויך נישט לאַנג פאַרווײַלט, בלויז עטלעכע טעג. ווען מ׳האָט פאר מיר פאָרגעשטעלט די שטאָט, האָב איך זיכער געדענקט דאָרטן צו פאַרברענגען לענגער. עס איז ווי איינער קוקט אויף אַ שטאָט. באַ מיר האָט די שטאָט ווענעציע ניט זייער אויסגענומען — ניט מיט איר שיינקייט און ניט מיט איר ציכטיגקייט. און זען דאָרטן עפּעס אינטערעסאַנטעס האָב איך אויך נישט געפונען, אויסער די שפּאַציר־שיפלעך אויף וועלכע די טוריסטן וואָס קומען אַהין פאָרן אַרום.

אין די גאַסן פון דער שטאָט זעט איר אָרימע הייזער מיט אָפּגעשיילטע ווענט, די צימערן קליינע, מיט נידעריגע סטעליעס. עס איז מייסטענס אַן אָרימע באַפעלקערונג, וואָס לעבט נאָר כמעט פון די טוריסטן, ווייל אַוואו איר גיט זיך נאָר אַ קער, זעט איר האָטעלן, רעסטאָראַנען מיט וויין־שענקען, און פון די טוריסטן מאַכן זיי אַ לעבן.

באַזוכט דעם שטאָט־פּאַרק, און דאָרטן געזען דעם מאָנומענט, וואָס איטאַליע האָט אויפגעשטעלט פאַר איר נאַציאָנאַלן העלד, גענעראַל גאַריבאַלדי, פאַר זיין איבערגעבנקייט צו זיין פאָטער־לאַנד. דער מאָנומענט שטייט אין אַ פליסיגן פאָנטאַן וואו די וואַ־סער שפּריצט שטענדיק אויפן מאָנומענט. בין איך אויך געגאַנגען אָנקוקן די „פּיאַזאַ סעינט מאַרק” דאָס ראַט־הויז וואו די טויבן קומען זיך צונויף. האָבן זיך די טויבן אַוועקגעשטעלט אויף מיינע אַקסלען און מיר געקוקט אין די הענט אַריין אויב איך האָב זיי געבראַכט עפּעס אין מויל אַריין. מעגט איר זיין אַ דאָרטיגער מענטש אָדער אַ פרעמדער, איז פאַר זיי קיין אונטערשייד ניט. די טויבן זיינען שוין צוגעוואוינט צו די מענטשן וואָס קומען אַהין.

עס איז פאַרבייגעפאָרן אַ קליין אינגל פון אַ יאָר זיבן, אָדער אַכט, איינער אַליין אויף אַ שיפל, האָט דאָס מיר דערמאָנט אין די קליינע קינדער פון די רוסישע טשערקעסן, וואָס לויפן אויף די ווילדע פערד זייערע און ווערן נישט דערהאַרגעט, ווי געזאָגט,

בין איך אין דער שטאָט וועגעדיק אויך נישט געווען קיין לאַנגע צייט, ווייל זי איז פאַר מיר נישט געווען אינטערעסאַנט גענוג, און צו דעם אַלעמען, שינדט מען פון אייך אַראָפּ די הויט, ווייל וואָס זיי מאַכן נישט פון די טוריסטן דאָס האָבן זיי נישט.

אָפּגעשטאַנען אַ שטיקל צייט אין די איטאַליענישע האָטעלן, האָט דאָס מיך אָפּגעקאָסט אַ שטיק מיט געלט, ווייל פאַר יעדן שפּייז וואָס איר הייסט זיך געבן, רעכענען זיי געשוואָלענע פּרייזן. הייסן הייסט דאָס, אַז מ'רעכנט אייך פינף און דרייסיג לירעס אַ מעת־לעת פאַר עסן און שלאָפן, שטייט איר אָבער אָפּ צוויי טעג, דערלאַנגט מען אייך אַ חשבון פאַר הונדערט מיט צוויי לירעס מיט זיבעציג סענט; און ווען איר פרעגט בא זיי פאַרוואָס זיי רעכענען אייך צו אַזוי פיל, דערציילן זיי אייך, אַז איר האָט זיך געהייסן געבן נאָך „אַן איי צום פרישטאָג און אַ גלאָז טיי נאָכן מיטאָג", פאַר וועלכעס איר מוזט באַצאָלן עקסטרא. זיי באַרייסן די טוריסטן — אָרעם אָדער רייך — זיי גייט דאָס ניט אָן. דאָס דעראינערט מיך אין די קאתרילעווקער אידן פון שלום־עליכם: ווען זיי האָבן דערזעען אַ יעהופּיצער פויגל האָבן זיי אים אָפּגע־פליקט. איז מיר די גאַנצע מעשה נמאס געוואָרן און איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

פון איטאַליע קיין רוסלאַנד בין איך דורכגעפאָרן עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און פוילן. אין פוילן האָב איך איבערגעריסן מיין נסיעה; זיך געוואָלט זען מיט מיין ברודער נאָך איין מאָל אין מיין לעבן. געוואוסט, אַז קיין אַנדער געלעגנהייט אים צו זען וועל איך שוין ניט האָבן. ווען די באַן איז אָנגעקומען אין דעם זלאַטשאָווער באַן־הויף, האָב איך זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט, אַרונ־טערגעגאַנגען פון דער באַן און בין צוגעגאַנגען צום וואַכמאַן מיטן רויטן בענדל אויפן היטל און אים געבעטן אונטערצושרייבן מיין פּאַס, אַז איך זאָל קאָנען פאַרבלייבן פאַר אַ קורצער צייט אין פוילן. אונטערגעשריבן, בין איך אַריין אין באַן־הויף זוכן אַ פורמאַן ער זאָל מיר אַריינפירן אין שטאָט אַריין. געפונען איינעם וואָס האָט געוואַרט אויף דעם לעצטן צוג וואָס קומט פון לעמבערג. ווען דער בעל־עגלה האָט מיך דערזען, האָט ער זיך דערפרייט צו האָבן אַן אַמעריקאַנער פּאַסאַזשיר. ער האָט ביי מיר צוגענומען מיין טשעמאָדאַן און מיר געהייסן אַרויפגיין אויף דעם פיאַקר. ער גיט אַ קנאַק מיט זיין בייטש, און די צוויי אויסגעדאַרטע „קאַש־טאַנעס" הויבן אָן צו לויפן. פאָרנדיג, זאָג איך אים, אַז ער זאָל

מיך צופירן צו זילבערמאנ׳ס האָטעל. ווען איך בין ארונטער פון וועגל און אים באַצאָלט, האָט ער מיך באַדאַנקט און געזאָגט: „נו, עס איז מיר באַשערט געווען צו מאַכן עטלעכע זלאָטעס״, און מיר געבעטן, אַז ביים אַוועקפאָרן זאָל איך אים לאָזן וויסן, וועט ער מיר צופירן צו דער באַן.

איך גיי צו דער טיר פון דעם האָטעל און קלינג אָן, האָט זיך דער שווייצאַר אויפגעכאַפּט, גיט מיר אָפּ א „יאַקשעמאַש״, נעמט ביי מיר צו דאָס רענצל פון האַנט און גיט מיר אַ צימער צום שלאָפן. אריינגעגאַנגען, אַ מידער פון דער לאַנגער רייזע, בין איך באַלד אַנשלאָפן געוואָרן ווי אַ געהאַרגעטער.

דאָס מאָל האָט שוין מיין ברודער יאָ געוואוסט פון מיין קומען, איז ער געקומען אין האָטעל זיך נאָכפרעגן אויב איך בין שוין געקומען. ער איז געקומען גאַנץ פרי און מיך אויפגעוועקט. דערציילט אים דער האָטעל־אייגנטימער, אַז איך בין געקומען זייער שפּעט אין דער נאַכט און בעט זיך ביי אים ער זאָל מיך איצט ניט וועקן. דער הער זילבערמאַן האָט זיך נישט געקענט איינבעטן ביי מיין ברודער און האָט געמוזט מיר לאָזן אויפוועקן. איך הער מען קלאַפּט, גיי איך צו צו דער טיר און איך לאָז אים אריין. דער ברודער האָט מיך הארציג באַגריסט און מיך געקושט אָן אַן אויפהער. איך האָב זיך אָנגעטאָן, און מיר זיינען אַוועק אין זיין הויז אריין, וואו זיין פרוי האָט שוין אויף אונז געוואַרט מיט אַ פאַרטיגן פרישטיק.

מיין שוועגערין, מרים־חיה, און זייערע ליבע קינדער, און מיין שוועגערין, שיינדל די אלמנה, מיט איר מיידל קלאַרא, האָבן מיר זייער וואַרים אויפגענומען, און די שכנים פון הויז האָבן מיך אויך פריינטלעך באַגריסט. אָפּגעגעסן פרישטאָג, האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין זלאַטשאָוו נאָר אויף אַ פּאָר טעג, ווייל איך האָב ניט געקאָנט פאַרבייפאָרן און זיך נישט זעען מיט זיי. האָבן זיי פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל זיך אָפּשטעלן ביז די אינגערע טאָכטער באַשע מיט איר מאַן וועלן קומען פון קאַמענקע. גלייך אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו זיי אין קאַמענקע זיי זאָלן קומען זיך זעען מיטן פעטער פון אַמעריקע, ווייל ער איילט זיך אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד. אַזוי שנעל ווי זיי האָבן דערהאַלטן מיין ברודער׳ס בריוו, זיינען זיי געקומען צופאָרן און מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע טעג אַנגענעם און פריילעך.

מיין ברודער׳ס צווייטער איידים, איטשע שליאַמאָוויטש, אַ

היינט וועלטיגער שיינער יונגערמאַן, איז געווען זייער צופרידן מיך צו קענען. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין אַ פריי־לעכער שטימונג, און זיך מיט זיי אַלעמען געזעגנט און האַרציג צוקושט, און בין אַוועקגעפאָרן קיין פּאַדוואָלאָטשיסק, צום רו־סישן גרעניץ.

אָנגעקומען אין פּאַדראָוואָלאָטשיסק, האָב איך פאַרשפּעטיגט די באַן וואָס גייט אַריין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָב געמוזט וואַרטן ביז אויף מאָרגן אין דער פרי. זיך נאָכגעפרעגט אויב אין שטעטל איז פאַראַן אַ פּלאַץ אַוואו צו נעכטיגן, האָב איך אָנגע־טראָפן אַ אידן מיט צוויי אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע קינדער, וואָס וואַרטן ביי דער באַן אימיצן צו באַדינען און מאַכן עטלעכע גראָשן. ער נעמט צו דעם רענצל ביי מיר און הייסט מיר גיין מיט אים, וועט ער מיר פאַרזאָרגן אַ נאַכט־לעגער, און אין דער פרי וועט ער קומען און מיר צופירן צום באַן. די צוויי קינדער גייען מיט אונז און זיי רייסן זיך נאָר מיין האַנט צו קושן — אפשר פון מיר אַרויסקריגן אַ גראָשן.

ווען איך האָב דערזען דעם צימער, די מעבל און דעם „האָ־טעל״, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קרעטשמע, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, נאָר גיי קריג עפּעס בעסערס אין פּאַדוואָ־לאָטשיסק! נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאַרבלייבן נעכטיגן אין דעם שמוציגן חדר. אַוועקגעשטעלט מיין רענצל און איך בין אַוועק אין מאַרק אַריין, אָנקוקן פון וואָס די מענטשן מאַכן אַ לעבן. אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין קרעמל וואו מ׳פאַרקויפט ליאָדע („אייז־קרים״) און באַטראַכט די אָרימקייט. עס שטייען צוויי קליינע טישלעך מיט סאַראַטע איבערגעדעקט, מיט אַכט אַלטע בענקלעך אַרום זיי, אַ שמאָל הילצערנער „קאַונטערל״ („סטאָיקע״) וואו עס שטייט די ליאָדע אין אַ פאַרזשאַווערטער בלעכענער כלי מיט אייז באַלייגט. אַ בלאָנדע מיידל שטייט בא דעם „קאַונטער״ פאַרקויפט די ליאָדע מיט קיכעלעך צום פאַר־בייסן, וואָס ליגן אין פּאַפּירענע קעסטעלעך אויף דעם „קאַונטער״, און לעבן זיי שטייט אַ קעסטל מיט לויזע טאַבאַק און פּאַפּיראָסן צום פאַרקויפן, איינפאַכע ציגאַר־שפּיצלעך, בליי־שטיפטן און פע־דערס צום שרייבן, א. אז. וו.

די מיידל וואָס שטייט און פאַרקויפט דאָס אַלץ איז אַ בלאַסע, איידעלע פרוילן, זייער אָרים געקליידט, נאָר דער ברייטער, ווייסער שירץ אירער פאַרדעקט די קליידער און באַלייכט איר צאַרט גע־

זיכט. דערזען אַן אַמעריקאַנער, האָט זי זיך דערפריַיט, און פרעגט: „וואָס ווינשט דער הער?" (אַוואַדע געוואָלט זען ווי אַן אַמערי־קאַנער דאָלאַר זעט אויס). געהייסן געבן ליאָדע פאַר מיין באַגלייִ־טער מיט זיינע צוויי קינדער. די אָרימע קינדער מיטן טאַטן זייערן האָבן זיך פּשוט מחיה געווען, (זיכער שוין לאַנג ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ליאָדע). אַרויסגייענדיג אין גאַס האָב איך באַמערקט די מרה־שחורה וואָס ליגט אויף די פּנים'ער פון די אידן פון שטעטל. נישט געגוג וואָס זיי האָבן נישט אַוואו צו פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס זיי זאָלן קענען פאַרזאָרגן זייערע פאַמיליעס, האָבן זיי נאָך מורא אַז די פּאָליאַקן זאָלן זיי נישט שלאָגן. זיי גייען אַרום אין צעריסנע קלײדער פון וועלכע דאָס לייב שטעקט אַרויס, אַז עס איז אַן אימה אויף זיי אַ קוק צו געבן, און דאָס האַרץ ווערט צעבראָכן אין שטיקער דאָס צוצוזען.

אין דער פרי הער איך מען קלאַפּט אין טיר. איך עפן אויף זע איך מיין „שוויַיצאַר", דאָס נידעריגע דאַרע אידל מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע. דאָס מאָל האָט ער שוין מיטגעבראַכט פיר קינדער מיך צו פירן צום באַן. צוגעקומען צום באַן־הויף, פרעג איך דעם אידן (זיינע קינדער האָלטן זיך שוין נישט אָן אין אים, נאָר אין מיר, אַלע געוואָלט איך זאָל זיי לאָזן אַ פּאָר גראָשן,) — וויפיל זאָל איך אייך באַצאָלן פאַר דער טרחה. זאָגט ער: קיין סך קען איך בא אייך נישט פאַרלאַנגען, ווייל דער באַן־הויף פון אייער האָטעל איז נישט וויט, און קיין סך באַגאַזש מיט זיך האָט איר אויך נישט צום טראָגן, וועל איך אייך רעכענען צוויי זלאָטעס. געהאַט בא זיך דריי זלאָטעס מיט פופציג גראָשן פּויליש געלט, גיב איך דעם אידן אַוועק דאָס גאַנצע געלט. ווי ער האָט דערזען, אַז איך גיב אים נאָך מער וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט, איז אויף אים געקומען אַ גרויסע שמחה און ער האָט מיר געגומען בענטשן, ווי איך וואָלט אים דערהאַלטן ביים לעבן. עס זאָל מיר נאָר מקוים ווערן אַ העלפט פון די ברכות וואָס דער איד האָט מיר אָנגעוויג־טשעוועט, וואָלט איך געווען אַ גליקלעכער מענטש...

איך פאָר אַריין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

ווען איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף דער באַן, וואָס איז אָפּגעפאָרן פון פּאָדוואָלאָטשיסק, גאַליציע, (איצט פּוילן), נאָך סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מיין האַרץ געציטערט פון פרייד און באַ־גייסטערונג. ענדלעך, ענדלעך ווערט פאַרווירקלעכט מיין לאַנג־

יאָריגער אידעאַל צו זען מיט מײנע אײגענע אויגן דאָס ניי־לעבן אין דעם פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד, וואָס איז די אײנציגע טרייסט פון די האַרעפּאַשנע מאַסן און די האָפענונג פון דער מענטשהייט, — דאָס אײנציגע לאַנד אין דער וועלט, וואו דורך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן פּריוואַט אײגנטום, דער קאַפּיטאַליזם און אַלע איבלען וואָס האָבן אים באַגלייט אין משך פון וואָסערע 150 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, — אַ לאַנד, וואו עס איז געבראָכן געוואָרן די פינצטערע מאַכט פון רעליגיע, וואָס איז „אָפּיום פאַר די מאַסן", און עס איז פאַרשוואונדן דער אַנטיסע־מיטיזם וואָס איז אַ קללה פאַר דער מענטשהייט!

די ערשטע שטאָט וואָס איך האָב באַזוכט אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז געווען קיעוו, וואָס ליגט צעשפּרייט ביים טייך דניעפּער און געפינט זיך אויף אַ שטרעקע פון 585 מייל פון מאָסקווע. קיעוו, איז אײנע פון די עלטסטע שטעט אין דער אוקראַאינישער סאָוועט־טישער רעפּובליק. זי איז באַרימט מיט אירע גרויסע יאַרידן וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן זינט יאָר 1717. קיעוו איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ שטאַרקער פעסטונג, וואָס דער צאַר־רעפאָרמאַטאָר, פּיאָטר דער גרויסער, האָט אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1706. צווישן די אַנדערע היסטאָרישע אינסטיטוציעס אין קיעוו, געפינען זיך, דער אַלטער סט. וולאַדימיר אוניווערסיטעט, וואָס איז אין יאָר 1833 אַריבערגעפירט געוואָרן פון ווילנע, און די „קיעווא־פּער־טשערסקאַיאַ לאַווראַ".

איך בין פאַרפאָרן אין האָטעל „קיטערינג", וואו עס האָט זיך דאַמאָלסט געפונען נאָך אַן אַמעריקאַנער „לאַנדסמאַן", פּראָפעסאָר וויליאַם בוליט, דער ערשטער געזאַנדטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פּראָפ. בוליט איז איינער פון די בעסערע טיפּן פון אַמעריקאַנער ליבעראַלן. ער האָט זיך תמיד באַצויגן סימפּאַטיש צו דער נייער רוסלאַנד און מיטגעהאָלפן אַז די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן זאָלן אַנערקענען די סאָוועטישע רעגירונג לויט אַן אָפּמאַך צווישן פּרעזידענט רוזוועלט און מאַקסים ליטווינאָוו, סאָוועטישער אויסלאַנד־קאָמיסאַר, אין יאָר 1933.

איך האָב געטראָפן אין קיעוו נאָך אַן אַמעריקאַנער גאַסט, די באַרימטע פילם־אַקטריסע, קלאַראַ קימבאַל יאַנג. דעם אמת זאָגנדיג, האָט זיך אין קיעוו געקאָכט מער מיט קלאַראַ קימבאַל יאַנג ווי מיט אַמבאַסאַדאָר בוליט... צו זיין איינער פון די „גליקלעכע" צו זען זי שפּילן, האָט מען זיך געמוזט פאַרזאָרגן מיט אַ בילעט מיט

עטלעכע טעג אין פאראויס. פרייליין יאנג האט געמאכט א גרויס פוראר, (אדער „היט", ווי מען זאגט אין אמעריקע), מיט איר אויס־געצייכנטן שפילן, און דער טעאטער איז תמיד געווען געפאקט בא אירע פארשטעלונגען. „סיטערינג" איז א גרויסער שיינער האטעל, מיט א סך מאדערנע צימערן, אויסגעמעבלירט לויט דער לעצטער מאדע: הייסע און קאלטע וואסער, אן עלעוואטאר, צענטראלע בא־הייצונג, מיט א טעלעפאן אויף יעדן עטאזש; און די צימערן ווערן געהאלטן זייער ריין און ציכטיג. דאס עסנווארג איז פריש און געשמאק, די באדינונג העפלעך, די גאנצע אטמאספערע איז א היימישע, אן אנגענעמע, און די געסט פילן זיך באקוועם.

אין דאס רוב שטעט אין ראטנפארבאנד איז איינגעפירט, אז א טוריסט ווערט פארזארגט פון דעם האטעל, וואו ער שטייט־איין, מיט א „גאיד" אדער וועג־ווייזער, וועלכער פירט אים ארום ווייזן פארשיידענע אינטערעסאנטע פלעצער. האב איך געבעטן מיין „גאיד" פון האטעל צו פירן מיך אין איניגע פאבריקן. צוערשט האב איך באזוכט א שניידער־פאבריק וואו עס ארבעטן פינף טויזנט מענטשן אויף עטלעכע עטאזשן, און אויף יעדן עטאזש ווערט געמאכט א באזונדער טייל פונם מלבוש. די פאבריק איז זייער גרויס, ליכטיג און לופטיג. די ניי־מאשינען און פרעס־מא־שינען ווערן באטריבן פון עלעקטרישע קראפט. די סיסטעם איז דארטן, שטיק־ארבעט, און מ'ארבעט אכט שעה א טאג.

ווען איר קומט צו צו דער פאבריק זעט איר, אז ס'איז דארטן איינגעארדנט א פלאץ פאר גימנאסטישע איבונגען און א פאוויר־ליאן צום באדן זיך, מיט הייסע און קאלטע וואסער פאר שפריץ־בעדער, סיי פאר־מיטאג און סיי נאך מיטאג־צייט. עס זיינען פא־ראן נאך פיל וויגאדעס אין דער פאבריק: א מיטינג־לאקאל, וואו די ארבעטער קומען זיך צוזאמען צו פארהאנדלען זייערע פאך־אנגעלעגנהייטן און פאסירונגען; א ביבליאטעק מיט טויזנטער ביכער אין עטלעכע שפראכן; א גרויסער ליכטיגער רעסטאראן מיט פרישע געשמאקע שפייזן, א. אז. וו. (דיזעלבע איינריכטונגען ווי די, וואס איך האב געפונען אין דער קיעווער שניידער־פאבריק, טרעפט מען אין אלע גרויסע פאבריקן אין סאוועטן לאנד, וואו עס געפינען זיך א סך ארבעטער).

איך בין אויך געווען אין א שיך־פאבריק, וואו עס ארבעטן 3,000 ארבעטער. דאס איז אויך א גרויסע, לופטיגע, ליכטיגע גע־ביידע, ווי די שניידער־פאבריק, נאר די ארבעט־שטונדן דא זיינען

ניט די זעלביגע. אין דער שיך־פאַבריק אַרבעטן אייניגע 7 שעה און אַנדערע 6, דאָס הייסט, אַז ביי שווערערע מלאכות אַרבעט מען 6 שטונדן און בײַ לייכטערע — 7 שטונדן, (אַזוי פירט זיך עס אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע איבעראַל). אַ זאַך וואָס האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען, די גרויסע צאָל פרויען וואָס אַרבעטן דאָ, טראָץ דעם, וואָס די אַרבעט איז אַ שווערע. צוקוקנדיג זיך מיט וואָסער אַ פלייס די פרויען אַרבעטן, קאָן מען ניט באַמערקן, אַז עס קומט זיי אָן שווער. ריידנדיג מיט מיר וועגן זייערע שכירות, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי זיינען העכסט צופרידן מיט דעם לוין וואָס זיי באַקומען. זיי ווייסן, אַז זייער פראָלעטאַרישע „גאָסודאַרסטוואָ" באַ'גנב'עט זיי ניט, ווי ס'טוען די פריוואַטע אונטערנעמער. עס איז נאָר אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די אַרבעטער ווערן שענדלעך עקספּלואַטירט פון די באַלעבאַטים, וועלכע רויבן אַוועק פון די אַרבעטער די פּרוכט פון זייער האָרעוואַניע. זיי, די קאַפּיטאַליסטן, ווערן אַלץ רייכער און רייכער, און די אַרבעטער אָרימער און אָרימער; אין אַ לאַנד אָבער, וואו ס'הערשט די דיקטאַטור פונם אַרבעטער־קלאַס, קאָן אַזעלכעס ניט פּאַסירן.

איך בין געווען נייגעריג צו באַזוכן די „קיעווא־פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ", וואָס האָט אַ היסטאָרישן באַדייט, אַלס אַ זכר פון די אַמאָליגע פינצטערע צייטן אין אַלטן רוסלאַנד. דאָס איז אַ קלויסטער־מאָנאַסטיר, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן נאָך אין עלפטן יאָר הונדערט פון אַ פראַנצויזישן אַרכיטעקטאָר און דאָס בויען האָט געדויערט גאַנצע 50 יאָר. די אידן פלעגן עס רופן די „שוואַרצע טומאה".

אין דער פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ ליגן באַגראָבן די „גרעסטע" גלחים וואָס רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט אין משך פון די 900 יאָר פון אָט־דעם קלויסטער'ס עקזיסטענץ. ווען איר קומט אַריין אין דער „לאַווראַ", ווערט איר איבעררעאשט און ממש פאַרבלענדט פון די אומגעהייערע אוצרות גאָלד און טייערע חפצים וואָס באַצירן די צימערן מיט די הייליגע איקאָנעס און די טרונעס! (עס ווייזט אויס, אַז די רוסישע צאַרן האָבן זיך פיל מער געזאָרגט פאַר די טויטע ווי פאַר די לעבעדיגע...). עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַ חוץ דעם היסטאָרישן און רעליגיעזן ווערט פון דער „לאַווראַ", האָבן די ביטרע גייסטלעכע פון איר אויך געמאַכט אַ קוואַל פון מאַטעריעלן ווערט פאַר זיך... זיי האָבן נעמלעך אָנגעפירט אַ פּראַ־

פאנאנדע אז די „מאַשצעס׳ (די ביינער פון די „הייליגע״) וואָס ליגן אין די טרונעס אין דער „פעטשערסקאיא לאווראַ״ זיינען דורכאוים ניט אונטערגעגאנגען דעם פאַרפוילונג־פּראָצעס פון טויטע קערפּערס פון פּשוט׳ע בשר ודמ׳ס, און זיינען פארבליבן „אומבארירט״... טויזנטער אבערגלויבערישע קריסטן פון דער ריזיגער רוסלענדישער אימפּעריע פלעגן פּילגרימירן צו די „הייליגע״ טויטע אין דער קיעווער לאווראַ, פון אַלע טיילן פון לאַנד, צו „מאַליען״ זיך דאָרטן, און איבערלאָזן אַ שיינע נדבה פאַר די לעבע־דיגע גלחים זיי זאָלן ראַטעווען די נשמות פון די זינדיגע רוסן...

באַמערקנדיג, אַז אין קיעוו ווערן געבויט פיל הייזער אין איין צייט, האָב איך געפרעגט, וואָס איז די אורזאַך דערפון, האָט מען מיר דערקלערט, אַז מען דערוואַרט דאָרטן דאָס אָנקומען פון 55 טויזנט רעגירונג־אַנגעשטעלטע. אַזוי ווי קיעוו וועט ווערן די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, דאַרף מען צוגרייטן וואוינונגען פאַר אָט־די באַאַמטע, (30 טויזנט פון זיי וועלן זיך באַזעצן אין קיעוו גופא, און 25 טויזנט אויסערן שטאָט). די הייזער זיינען געמויערטע, געבויט פון צעמענט, און דאָ טוען פרויען ווידער שווערע אַרבעט בא די הייזער, כמעט צוגלייך מיט די מענער. זיי גרייטן צו דעם צעמענט פאַר די ווענט און טוען אַנדערע אַרבעט.

איך האָב געמוזט פאַרלאָזן קיעוו, ווייל איך האָב געוואָלט באַזוכן נאָך פיר שטעט אין ראַטנפאַרבאַנד, און איך בין פון דאָרטן אָפּגעפאָרן נאָך אָדעס. (נאָך מאָסקווע און לענינגראַד זיינען קיעוו, אָדעס און כאַרקאָוו די גרעסטע און וויכטיגסטע שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך פאָר קיין אָדעס

אָדעס איז איינע פון די אינגסטע און שענסטע שטעט אין דער ריזיגער סאָוועטישער מדינה. זי געפינט זיך ביים שוואַרצן ים, אויף אַ מהלך פון 938 מייל פון מאָסקווע. נאָך אין די אַלטע צייטן האָט מען אָדעס גערופן „קראַסאַוויצאַ־אָדעסאַ״ און „יוזש־נאַיאַ פּאַלמיראַ״, די שטאָט פון פּאַלמען בוימער אין דרום־רוס־לאַנד, און זי האָט כשר פאַרדינט דעם נאָמען. ליגנדיג צעשפּרייט אין איר מאַיעסטעטישן פּראַכט אַרום די ברעגן פון איינער פון די גרעסטע תבואה־פּראָדוצירנדיגע געגנטן, איז אָדעס איינע פון די וויכטיגסטע צענטערן פאַר תבואה און מעל־עקספּאָרט, ווי אויך פאַר האָלץ, וואָל און צוקער. דער גרויסער מאָדערנער האָפן פון

אדעס איז פאַנאַנדערגעטיילט דורך דאמבעס אויף 6 פּאַרטן. אין דער וועלט־מלחמה איז אָדעס געווען פיל מאָל באָמבאַרדירט און פאַר א צייט זיך געפונען אין די הענט פון די דייטשן, אָבער נאָכן פרידן־אָפּמאַך, אין יאָר 1918, און נאָך דער דערעפנונג פון די דאַרדאַנעלן, (דער קאַנאַל וואָס טיילט אָפּ אייראָפּע פון אזיע) איז אדעס איבערגעגאַנגען צו די אוקראַינישע רעוואָלוציאָנערן און איז געוואָרן א טייל פון דער אוקראַינישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

איך בין געווען אין דעם קונסט־מוזיי. אין אַמ־דער פּראַכט־פולער געביידע האָט אַמאָל געוואוינט דער גראַף פּאָטאָצקי. דער פּלאַץ באַשטייט פון עטלעכע עטאַזשן און אויף די ווענט פון יעדן עטאַזש הענגען שיינע בילדער פון רוסישע און אויסלענדישע מאָלער פון א גרוים קינסלערישן ווערט.

ארומגייענדיג איבער דעם אונטערשטן עטאַזש, האָב איך באמערקט א טיר אין דער פּאָדלאָגע (קענטיג אז דער גראַף האָט זיך געריכט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער זיך פאַר־זאָרגט מיט א געהיימען אַרויסגאַנג, כדי צו ראַטעווען זיך פון א זיכערן טויט...). איך בין געווען אין א שטריק־פאַבריק, וואו עס ארבעטן 3,000 ארבעטער, און די שטונדן זיינען 7 שעה א טאָג. די געביידע איז אויך א גרויסע, ליכטיגע און לופטיגע, אזוי ווי אַלע אַנדערע גרויסע פאַבריקן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָב זיך דאָרטן צוזאַמענגערעדט מיטן פאַרוואַלטער (בא זיי הייסט ער דירעקטאָר), און בא אים געפרעגט, וואו דער סאָוועטן פאַרבאַנד קריגט די רויע סחורות פאַר די שטריק? האָט ער מיר דערקלערט, אז דעם מאַטעריאַל פאַר די ווייכע שטריק קויפט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אין מעקסיקאַ, פאַר די קופּער־שטריק — אין דייטשלאַנד, און די מאַטעריאַל פאַר די אייזערנע שטריק איז פון סאָוועטישער איינענער פּראָדוקציע. דער דירעקטאָר האָט באמערקט, אז עס וועט ניט נעמען לאַנג ווען זיי וועלן ניט דאַרפן אָנקומען נאָך די אַלע מאַטעריאַלן צו אַנדערע לענדער, ווייל זיי וועלן שוין האָבן איינענע.

זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דער פאַבריק מיט א דייטשן אינ־זשינער, אַן עלטערן נידעריגן מאַן מיט א ליסן קאָפּ און מיט שיינע בלאָנדע וואָנצעס, ווייזט ער מיר אָן אויף זיין פּאַטענטירטער מאַשין, וואָס ער האָט פאַרקויפט צו דער סאָוועטישער רעגירונג, און זאָגט מיר, אז די ארבעטער בא דער מאַשין ארבעטן אויס־

געצייכנט. האָב מיט אים גערעדט א געשפּרעך ווען די סאָוועטישע אינזשינערן אין אַלגעמיין, געוואָלט הערן זיין מיינונג איבער זיי. האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז עס וועט אַוועקגיין נאָך עטלעכע יאָר, וועלן די רוסישע אינזשינערן איבערשטייגן די וועלט אין דעם פאך פון אינזשענירונג. ער דערציילט מיר, אז שוין היינט-צו־טאָג ארבעטן רוסישע אינזשינערן אין די סקאנדינאווישע לענדער מיט גרויס דערפאָלג.

צום באַדויערן, איז מיר צוליב מאנגל אין צייט ניט אויס־געקומען צו זיין אין מער פאַבריקן אין אדעס, ווי צום ביישפּיל, אין די גרויסע טאבאַק־פאַבריק, די „אויל־קלאָט" פאבריק א. א. וו. איך האָב זיך אָבער נאָכגעפרעגט אויף אָט־די פאבריקן, און די אויסקונפטן וואָס איך האָב געקראָגן וועגן זיי, זיינען געווען העכסט־צופרידנשטעלנדיגע אין אַלע פּרטים, ענלעך צו די קיעווער פאַבריקן, ווי אויבן באשריבן.

איך האָב באזוכט מיין פריינט כאַליוו'ס פאַמיליע, און זיי געבראַכט עטלעכע דאָלאר פון אים. זיי זיינען געווען צופרידן צו באַקענען זיך מיט זייער ברודער דוד'ס פריינט פון אַמעריקע. איי־נער פון זיינע ברידער מאָטל, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, א בוכ־האַלטער, איז געקומען צו מיר אין האָטעל און געבעטן איך זאָל מיט אים ארויספאָרן צום ארקאַדיע (א פאַרגעניגנס־פלאַץ אַזאַ ביים ים), דאָרטן האָבן מיר געטראָפן פיל יונגע לייט פארברענ־גענדיג מיט זייערע מיידלעך ביי טישלעך, עסנדיג „מאָראָזשענאַ" („אייז־קרים") און פארטרינקנדיג מיט זעלצער־וואסער. אַנדערע זיינען געזעסן און געגעסן פליישיגע מאכלים און פארטרונקען מיט פרישע ביר, נאָר וואָס פון פעסל. אַנדערע האָבן זיך געקוויקט מיט מילכיגע עסנס און פארטרונקען מיט מילך אָדער קאַפע. דער בלויער רוישיגער ים, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שפּאַרן צו אונז מיט זיינע הויכע כוואַליעס, האָט אפּנים אויך געוואָלט פאַר־זוכן פון די גוטע פרישע מאכלים, אָבער ער האָט ניט דערגרייכט דאָס זייניגע. די טריל־קלאנגען פון צווישן די ביימער, וואָס זיינען געווען באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן, האָבן זיך געלאָזט הערן גאַנץ ווייט פון די יונגע פאָרלעך וואָס זיינען דאָרטן פארבליבן נאָך אונזער אַהיים פאָרן. ווען איך האָב געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן פון אדעס, האָט מיך כאַליוו'ס משפּחה באגלייט צום באַן־הויף מיט פרישע, לעבעדיגע בלומען. איך האָב זיי באַדאַנקט פאַר דער פריינט־

שאפט וואָס זיי האָבן מיר ארויסגעוויזן, זיך מיט זיי געזעגנט און בין אוועקגעפאָרן קיין כארקאָוו.

איך פאָר קיין כארקאָוו

כארקאָוו, וועלכע געפינט זיך 465 מייל פון מאָסקווע, איז אויך אַן אַלטע שטאָט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1654. אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָר הונדערט, האָט די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון די קוילן-גריבער ביים „דאָן" געפירט צו דעם וואוקס פון כארקאָוו, און עס זיינען דאָרט אויפגעבויט געוואָרן באַנען-ליניעס, וואָס זיינען ביז לעצטנס געווען די איינציגע טראַנספּאָרטאַציע-מיטלען פאַר דער באַפעלקערונג. אַזוי ווי די צוויי טייכן וואָס געפינען זיך אַרום דער שטאָט זיינען ניט פּאַסיק פאַר נאַוויגאַציע (וואַסער-פאַרקער), האָט די סאָוועטישע רעגירונג אין כארקאָוו איינגעאָרדנט לופט-ליניעס און לופט-שיפן, וואָס פליען אַרום קיין קיעוו, אָדעס, טיפליס, באַקו, באַטום, טאַגאַנראָג, א. אַז. וו. אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז דער אינדוסטריעלער פּראָגרעס פון דער שטאָט כארקאָוו געשטערט געוואָרן. די שטאָט איז געווען פאַרנומען פון דייטשן, אוקראַינער נאַציאָנאַליסטן, רויטע-אַרמייער, דעניקינ'ס באַנדיטן, א. אַז. וו.

אין יאָר 1920 האָט די רויטע אַרמיי ענדלעך פאַרנומען די שטאָט פּערמאַנענט און האָט זי געמאַכט פאַר דער הויפּט-שטאָט און אַדמיניסטראַטיוון צענטער פון דער אוקראַאינישער ס' ס. ר.

די כארקאָווער יאַרידן זיינען ווידער דערעפנט געוואָרן אין יאָר 1923, און כארקאָוו איז געוואָרן דער צענטער פון אַגריקולטורעלע און מעטאַלורגישע אינדוסטריעס פון אוקראַינע. איר הויפּט אינדוסטריעלע פּראָדוקציע איז אויפגעבויט פון מעטאַלורגיע, שמעלצונג, לאָקאָמאָטיוון, אַגריקולטורעלע מאַשינען און געצייג, וועלאָסיפּעדן („בייסיקלס"), עלעקטרישע אויסשטאַטונגען, שטריק, כעמישע שטאָפן און האָלצוואַרג. כארקאָוו איז די הויפּט-קוואַרטיר פון דעם מלוכה'שן קוילן-טראָסט און פון דעם דרומ'דיגן מאַשינעריע-און מעטאַלורגיע-טראָסט. (פון די לעצטנס-צוגעקומענע אינדוסטריעס זיינען: טראַקטאָרס, עלעוויטאָרס און הידראַ-עלעקטרישע גענעראַטאָרס).

דער פריערדיגער כארקאָווער אוניווערזיטעט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטיטוט פון פאָלקס-בילדונג. עס איז דאָרטן אויך פאַראַן אַן אַגריקולטורעלער און עקאָנאָמישער אינסטיטוט,

און אויסשטעלונגען פון אגריקולטורעלע געצייג, וואו מ׳לערנט מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן ווי אזוי צו באַארבעטן די ערד, און אין צוויי מוזייען ווערט געוויזן פעלד־קולטור און ערד־מעסטונג.

די רייזע פון אדעס קיין כארקאָוו דויערט כמעט די זעלבע צייט ווי פון קיעוו קיין אדעס. אין דער שטאָט כארקאָוו בין איך איינגעשטאַנען אין דעם האָטעל „אסטאָריא". דער ערשטער ארויס־פאָר מיט מיין „גאַיד" אין כארקאָוו איז געוועז אָנצוקוקן די צוויי סטאַדיאומס, פאר פארשיידענע פיזישע איבונגען, (נישט פאר „פרייז פייטערס" ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער כדי געלט צו מאכן). אין איינעם פון די סטאַדיאומס געפינט זיך 12 טויזנט זיץ־פלעצער, און אין דעם צווייטן — 25 טויזנט. לעבן די סטאַ־דיומס זיינען איינגעריכטעט שיינע ליכטיגע טראַקטירן מיט לייכטע שפייזן און פארשיידענע געטראַנקען.

איך בין געוועזן אין א זאָקן־פאבריק, וואו עס ארבעטן 2,300 ארבעטער. די מערסטע פון זיי פרויען, און זיי ארבעטן 7 שטונדן א טאָג. די מאַשינעס אין דער פאבריק קומען פון ענגלאַנד.

פארבייגייענדיג די מאַשינעס, האָב איך באַמערקט אין איין מאַשין שטעקנדיג א קליין רויט פענדל, שטעל איך אָפּ מיין „גאַיד" און פרעג אים וואָס דאָס באַטייט. דערקלערט זיך מיר, אז די מיידל וואָס ארבעט בא דער מאַשין איז אן „אודארניצא" (שלאָגלערין), און ווייזט מיר, אז אויף דער וואַנט־צייטונג פון דער פאבריק איז דאָ איר בילד מיטן נאָמען. זי דערציילט מיר, אז די „שלאָגלערס" קריגן א פרעמיע („באַנוס"), ד. ה., מער באַצאָלט ביים סוף חודש פאר זייער שנעלקייט און קוואַליטעט פון דער ארבעט. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אז דער „פאָרמאַן" זאָל צוגעבן אן אר־בעטער מוט און אים זאָגן, אז זיין ארבעט איז בעסער געמאכט ווי א צווייטנס, און אויף דעם סמך זאָל דער ארבעטער פארלאַנגען מער געלט פון זיין באַלעבאָס, ווערט דער „פאָרמאַן" גלייך ארויס־געוואָרפן פון דער פאבריק. אָבער ניט אזוי איז עס אין סאָוועטן־פארבאַנד. אויסגעדרייט זיך צו דער שלאָגלערין, האָב איך באַ־מערקט א שמייכל אין אירע שווארצע קארשן־אויגן און אויף איר חנ׳עווודיק רונדן פנים געוועגדעט צו מיר א שמייכל — ווי איינער זאָגט: „דאָס בין איך"!

ארויסגייענדיג פון פאבריק, זיינען מיר אריינגעגאַנגען אין דער „יאסלע", („נוירסערי"), טאַקע לעבן דער פאבריק, וואו די

מוטערס אַרבעטן. באַטראַכט ווי גוט עס ווערט דאָרטן אויפגעפּאַסט אויף די קינדער, און האָב זיי טאַקע געזאָגט, אַז איך בין געקומען אָנזאָגן זייערע קינדער, אַז מיינע קינדער אין דעם רייכן לאַנד אַמעריקע האָבן נישט געקראָגן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט ווי די קינ־דער קריגן אין סאָוועטן־לאַנד. מילך, פּוטער און אייער פון די פרישסטע ; די בעסטע פּרוכטן, רויע און געקאָכטע. היינט די ריינקייט ווי זיי האַלטן די קליינע קינדער ! אַלע קעפּעלעך מיט אַ מאַשין אָפּגעשוירן. געטראָפן אייניגע קינדער שלאָפן אויף דער פרייער לופט אין זייערע הילצערנע הויכע וויגעלעך מיט פיר קליינע רעדלעך, צוגעדעקט מיט גרויע קאָלדרעס, און יעדע „נוירס" פּאַסט אויף אירע 12 קינדער. בין אַריינגעגאַנגען אין שפּיל־צימער, ספּעציעל געמאַכט פאַר זיי אַוואו צו שפּילן זיך, די 2יאָריגע באַ־זונדער, און די 4־יאָריגע באַזונדער. שפּיל־געצייג קריגן זיי לויט זייער עלטער נאָך. די קינדער און די מוטערס זיינען אונטער אַ דאָקטאָר'ס אויפזיכט, אָבער זיי ווערן געלערנט זיך אַליין צו באַ־דינען. איינע פון די „נוירסעס" האָט עס מיר דערוויזן : אַרונ־טערגענומען אַ האַנטוכל פון דעם נאָגל וואָס שטעקט אין אַ נידריג רונדן טישעלע מיט פאַרשיידענע אָרנאַמענטן, צוגערופן אַ קינד און האָט אים געהייסן אויפהענגען דאָס האַנטוכל. דאָס קינד האָט גענומען דאָס האַנטוכל און עס אויפגעהאָנגען אויף דעם טשוואַק אַוואו עס באַלאַנגט.

אַזעלכע יאַסלעס זיינען איינגעריכטעט כמעט לעבן אַלע סאָ־וועטישע פאַבריקן אַוואו פרויען אַרבעטן.

איך בין געווען אין אַ טעקסטיל פאַבריק, אַוואו עס ווערט געמאַכט דער שטאָף פאַר מענער־קליידער. עס אַרבעטן דאָרטן 2,500 אַרבעטער, מענער און פרויען. די שטונדן זיינען 6 אַ טאָג, (ווייל עס איז אַ שווערע אינדוסטריעלע אַרבעט). בין דורכגעגאַנגען מיטן דירעקטאָר און מיין „גאַיד" אַלע עטאַזשן פון דער גרויסער, ליכטיגער און לופטיגער פאַבריק. ער האָט מיר דערקלערט דעם גאַנצן פּראָצעס ווי די וואַרעס ווערן אויסגעאַרבעט ביז זיי ווערן פאַרטיג צום שניידן קליידער פון זיי. איך האָב באַטראַכט ווי פרויען זיינען געשטאַנען בא די פאַרב־קעסלען און האָבן די וואַ־רעס געפאַרבט אין עטלעכע קאָלירן.

איך האָב באַזוכט אַ סאָלדאַטן־קלוב און דאָרטן געטראָפן אַ סאָלדאַט מיט אַן אָפיצער שפּילנדיג שאַך, און זיך גערופן איינער דעם צווייטן „טאָוואַרישטש". בין דורכגעגאַנגען און באַטראַכט

דעם קלוב, וואָס איז איינגעריכטעט כדי די סאָלדאַטן זאָלן האָבן וואו זייערע לײדיגע צייט צו פאַרברענגען. אַ שיינע, ליכטיגע ביבליאָטעק מיט טויזנטער ביכער פון די גרעסטע שריפטשטעלער און קלאַסיקער. באַמערקט איינינע ביכער אין דעם ליכטיגן לעזע־צימער וואָס זיינען פאַר מיר אויך ניט פרעמד געווען, ווי: טאָל־סטאָי, גאָרקי, דרייזער, זאָלאַ, א. אַ. וו. דאָרטן איז פאַראַן אַ לאָקאַל וואו די אָפיצערן האַלטן לעקציעס פאַר די סאָלדאַטן וועגן מי־ליטערישער קונסט, כדי זיי זאָלן וויסן ווען נויטיג ווי אויפצופירן זיך אין אַן איבערפאַל, אין צייט פון מלחמה, קעגן די שונאים פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין דעם גרויסן קלוב איז פאַראַן אַ טעַ־אַטער איינגעריכטעט מיט 13 הונדערט זיץ־פלעצער, און די בעסטע אַקטיאָרן שפּילן פאַר זיי — אַפילו די גרויסע קינסטלער פון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער קומען פאַר זיי שפּילן עטלעכע מאָל דורכן סעזאָן.

איך בין געווען אין אַ געריכט, וואו די פּראָצעסן ווערן דורכגעפירט אין דער אידישער שפּראַך, און זיך איינגעהערט צו אַ פּראָצעס. דאָס געריכט־הויז איז ניט קיין גאָר גרויסע, אָבער מיט אַן אַנגענעמער אַטמאָספערע. מען שרעקט אייך דאָרטן ניט מיט קיין נאַרישן עטיקעט און רעליגיעזע צערעמאָניעס ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס ווען דער גרויסער מעשענער גלאָק טוט אַ קלונג, פּאַרטויבט דאָס די אויערן; און ווען דער „ווירדיגער" ריכטער אין שוואַרצן מאַנטל ביז צו דער ערד קומט אַריין, מוזן זיך אַלע, יונג און אַלט, אויפשטעלן צוליב זיין כבוד וועגן... דאָ בין איך געזעסן אַווײלע, ביז דער ריכטער איז אַריינ־געקומען, און קיין גלאָק האָט ניט געקלונגען. דער ריכטער מיט אַ מאַשין־אָפּגעשוירענעם קאָפּ האָר, אין איין איינפאַכן אַנצוג, איז אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט משפט'ן, אָן נאַרישע צערעמאָניעס, אָן ווילדע שטיק. צוויי מיידלעך באַ דער זייט, אַלס „דזשוראָרס" און אַ קלוירק צו פאַרשרייבן די פאַרהאַנדלונגען וואָס קומען פאָר. נאָכן פּראָצעס איז דער ריכטער צוריק אַריין אין דעם צימער פון וועלכן ער איז אַרויסגעקומען און דאָרט האָב איך מיט אים געהאַט אַן אינטערוויו.

איך האָב באַזוכט מיין פריינט, כאַליוו'ס אַ פּלימעניק, ישראל רעכטער, אַ „סופרים קאָורט" ריכטער און פּראָפעסאָר פון געזעץ, — מאַרק אילעניין איז איצט זיין נאָמען. מיט זיין פרוי, אַ דאָק־טערשע, איז ער עלף יאָר פאַרהייראַט און קיינע קינדער האָבן

זיי נים. זיי פילן זיך גליקלעך אין זייער איינציגן שיינעם צימער וואָס איז איינפאַך אויסגעמעבעלירט, און אַ קיך. די מעבל איז באַשטאַנען פון: אַ שאַפע פאַר קליידער, אַ קאָמאָדע פאַר וועש, אַ רונדער טיש מיט עטלעכע בענקלעך צום זיצן, אַ שרייב־טיש מיט אַ טעלעפאָן, אַ שמאָלע בעט צום שלאָפן און אַ זאָפע זיך אָפּצורוען. ביידע באַלאַנגען זיי צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיך מיט מיר פאָטאָגראַפירט בא זיך אין הויז. אַ קריסטלעכער ריכטער וואָס איז דאַמאָלסט בא זיי געווען צו גאַסט, האָט אַרונטערגענומען דאָס בילד.

אַזוי פירט זיך דאָס היינט אין סאָוועטן פאַרבאַנד, אַ קריסטלעכער ריכטער קומט צו אַ אידישן ריכטער, און פאַרקערט; קיין דיסקרימינאַציע, רופן זיך „טאָוואַרישטש" איינער דעם צווייטן און אַרבעטן פאַר דעם זעלבינן אידעאַל.

אין דער גרויסער טראַקטאָר־פאַבריק אוואו עס אַרבעטן 18 הונדערט אַרבעטער און גיבן אַרויס 145 טראַקטאָרס אַ טאָג אין 6 שטונדן צייט, איז מיר ניט אויסגעקומען צו זיין צוליב מיין שכנה רויזע פּראַדקינ'ס משפחה, וועמען איך האָב געבראַכט עטלעכע דאָלאַר פון איר. זיצנדיג מיט זיי אַלעמען צוזאַמען בא אַ שיין־געדעקטן טיש מיט גוטע מאכלים, רוף איך זיך אָן צו זיי: ווען אייער שוועסטער רויזע וואָלט דאָ געווען און זען ווי מיר פאַרברענגען, וואָלט זי אָנגעקוואָלן פון נחת. רופט זיך אָפּ איינער פון אירע דריי ברידער: לאָמיר אַלע מיטן חבר טענען זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן און איר שיקן דאָס בילד. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

איך פאָר קיין מאָסקווע

פון כאַרקאָוו בין איך געפאָרן קיין מאָסקווע. דער וועג האָט שוין גענומען לענגער ווי פון אדעס קיין כאַרקאָוו. פאָרנדיג האָב איך באַמערקט גרויסע שפּייכלערס מיט פאַרשיידענע עסנוואַרג, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האַלט אין זאַפּאַס, אַז די באַפעלקערונג זאָל נישט דאַרפן ליידן פון הונגער אין פאַל די פעלדער וועלן נים אַרויסגעבן גענוג תבואה. מיט האַלץ זיינען זיי אויך פאַרזאָרגט פון איין יאָר צום צווייטן. אין יעדן הויף וואו איר גייט אַריין, זעט איר ליגן גאַנצע בערג מיט האָלץ אָנגעגרייט פאַרן ווינטער, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן ליידן פון קעלט. אָבער לאָמיר ניט פאַרכאַפּן די פיש פאַר דער נעץ, און געבן אַ קורצן היסטאָרישן און

נעאגראפישן איבערבליק וועגן דער הויפט-שטאט פון ס. ס. ס. ר., אזוי ווי איך האב זיך נוהג געווען באשרייבנדיג די אנדערע סאוועטישע שטעט וואס איך האב באזוכט.

מאסקווע איז די סאמע גרעסטע און עלטסטע שטאט אין דעם סאוועטן־פארבאנד. צוזאמען מיט לענינגראד שטעלט זי מיט זיך פאר דעם גרעסטן אינדוסטריעלן און קולטורעלן צענטער אין לאנד. אין 12טן יאר הונדערט איז מאסקווע נאך געווען א דארף; אין יאר 1462 האט דער צאר איוואן דער דריטער, (דער „גרויסער"), מאסקווע געמאכט פאר דער הויפט־שטאט פון דער רוסלענדישער אימפעריע, און זי איז פיל מאל אטאקירט און כמעט פארניכטעט געווארן פון טאטערן און מאנגאלן. אין יאר 1812, אין דער צייט פון נאפאלעאנ'ס אריינדרינגונג, איז מאסקווע אפגעברענט געווארן.

די סאוועטישע רעגירונג האט געמאכט מאסקווע פאר דער הויפט־שטאט און מלוכה־רעזידענץ אין יאר 1918, פארוואנדלענדיג די פראכטפולע צארסקע פאלאצן און קאטעדראלן פון דעם בארימטן „קרעמל" (אדער קרעמלין) אין מוזייען און אדמיניסטראטיווע אינסטיטוציעס; און אין דער זעלבער מאסקווע, וואס האט אמאל געשמ'ט מיט אירע „סאראק־סאראקאוו", (40 מאל 40 קלויסטערס) ווערן איצט אויסגעארבעט אלע פלענער פאר דעם סאציאליסטישן איבערבוי פון דער וועלט. א זיבעט־חלק פון דעם גאנצן סאוועטישן האנדל גייט דורך מאסקווע, און ריזיגע אייזנבאן־ליניעס פארבינדן די שטאט מיט וולאדיוואסטאק, די פאסיפישע צענטראל־אזיאטישע רעפובליקן, מיט דעם שווארצן און קאספישן ים'ען, מיט לענינגראד, מיט דעם באלטישן געגנט; די מאסקווער ריזיגע לופט־ליניעס האלטן זי אין פארבינדונג מיט די אנדערע טיילן פונם ראטן־פארבאנד און מיט דער גאנצער וועלט.

אונטער דעם סאוועטישן רעזשים ווערט די אלטע מאסקווע בסדר מאדערניזירט דורך נייע געביידעס, כדי צו מאכן איר פאר איינער פון די שענסטע, פראכטפולסטע שטעט אין אייראפע. די הויפט מאסקווער אינדוסטריען זיינען: טעקסטיל, מעטאלורגיע און שפייז־שטאפן, און פון די נייע אינדוסטריעס איז די פראדוקציע פון גלאז און גלעזערנע כלים און אפאראטן מכל המינים — איינע פון די וויכטיגסטע. לעבן דעם „קרעמל" געפינען זיך די „קברים פון די ברידער" וואו עס רוען די קערפערס פון 500 באלשעוויקעס, וועלכע האבן פארלוירן זייערע לעבנס אין דער רעוואלוציע פון

יאָר 1917. אין צענטער פונם רויטן סקווער, שטייט אַ פּראַכטיגער מאַוזאָליי פון דעם פאָטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע „איל־איטש" — וולאַדימיר איליטש לענין — וואָס ווערט באַזוכט פון מיליאָנען מענטשן פון אַלע טיילן פון ראַטנפאַרבאַנד און פון דער גאַנצער וועלט. (איצט ווערט אין מאָסקווע געבויט דער פּאַלאַץ פון די סאָוועטן וואָס איז איינע פון די גרעסטע אַרכיטעקטאָרישע קונסט וואונדער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט). צווישן די וויכטיגסטע לער־אַנשטאַלטן אין מאָסקווע זיינען: דער מאָסקווער מלוכה־אינסטיטוט פון אָריענטאַלישן שטודיום; די אקאַדעמיע פון שיינע קונסט, און אַ ריי אַגריקולטורעלע, טעכנישע און „גאָרני" אינסטיטוטן (בערג־וויסנשאַפט), וואו מ'לערנט מינען־אַרבעט, קוילן און מעטאַל גרובן, א. אז. וו.

מאָסקווע געפינט זיך 403 מייל ווייט פון לענינגראַד, און פאַרנעמט אַ שטרעקע פון 27 קוואַדראַטנע מייל מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 3 מיליאָן מענטשן. אין מאָסקווע בין איך איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל „גאָסטיניצאַ", און באַלד געשלאָסן קאָנטשאַפט מיטן ענגליש־שפּרעכנדיגן „גאַיד", וועלכער האָט מיר באַגלייט אויף מיינע באַזוכן אין פאַרשיידענע פּלעצער: פאַבריקן, מוזייען, פּאַרקס, א. אז. וו.

דעם ערשטן באַזוך האָבן מיר געמאַכט אין לענינ'ס מוזיי. אין דעם מוזיי ווערט געוויזן לענינ'ס קאַריערע, ווען ער איז אַלט געווען 3 יאָר האָט ער זיך שוין אַרויסגעוויזן צו זיין קליגער ווי אַנדערע קינדער אין זיין עיאָרן. אין די נידעריגע שול־קלאַסן איז ער געווען אַ גוטער תלמיד, און אַלס אוניווערסיטעט־סטודענט איז ער געווען דער בעסטער. עס ווערן דאָרטן געוויזן די אויסצייכענונגען וואָס ער האָט באַקומען אין די שולן און אין „קאַלעדזש", אויך ווערט געוויזן אין בילדער זיין איבערגעבנקייט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער געקליידט אַלס איינפאַכער פּויער, אין אַ רויטן פּאַריק מיט לאַנגע האָר, אין אַ פוטערנער גרויסער היטל אויף זיין קאָפּ, אין אַ שווערן אַלטן מאַנטל און אַ פּאָר שוואַרצע צעדרייטע הויכע שטיוול ביז איבער די קני, מיט אַן אַלטער לייוונטענער טאָרבע אויפן פּלייצע, פּראָפּאַגאַנדירט דעם סאָציאַליזם. אויך זעט מען דאָרטן הענגען דאָס בילד פון פאַניאַ קאַפּלאַן, דאָס אידישע מיידל, וועלכע האָט געשאָסן צוויי מאָל אין לענינ'ען, און אויך דעם פּיסטאָלעט

מיט וועלכן זי האָט זיך באַנוצט, און נאָך אַנדערע מכשירים פון היסטאָרישן באַדייט און ווערט.

ווען איך בין געזעסן מיטאָג־צייט אין עס־צימער פון מיין גרויסן האָטעל, בא א שיין געדעקטן טיש מיט גוטע פרישע שפּייזן, סומען אריין צוויי אמעריקאַנער אינזשינערן, וואָס האָבן געאַרבעט אין מאָסקווע בא דער אונטערערדישער באַן, באַגלייט פון א מאָסק־ווער שיינער מיידל מיט פעך־שוואַרצע האָר. איר דערקענט אין אירע שוואַרצע קאַרשן-אויגן, אַז זי איז א „באָלשעוויטשקע”. זי גייט אָנגעטאָן אין א שניי־ווייסער פּלאַטע קלייד מיט ווייסע שיך, אין א ווייסער געשטריקטער היטעלע. דער גאַנצער יוניפאָרם אירער איז לויט דער לעצטער מאָדע. זי איז א כלה פון איינעם פון די אינזשינערן, וועלכער דערציילט, אַז ער וועט מיט איר הייראַטן אין מאָסקווע און זי נאָכהער ברייננגען קיין אמעריקע. איך בין נייגעריג געווען צו וויסן וויפיל די סאָוועטישע רעגירונג צאָלט זיי נעהאַלט, האָט מיר דער חתן פון דער מיידל דערציילט, אַז ער איז אָנגעשטעלט אויף 20 חדשים צייט, און קריגט 450 דאָלאַר א חודש. דער צווייטער, א פאַרהייראַטער, קריגט 15 הונדערט רובל, רוסישע געלט, א מאָנאַט און א פרייע וואוינונג פאַר אים מיט זיין פרוי און קינד. פון דעם צווייטן אינזשינער'ס רייד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג נויטיגט זיך שוין נישט אַזוי פיל אין די אויסלענדישע אינזשינערן ווי פריער. מען האָט אים פשוט געזאָגט: ווילסטו זיך אָפּשטעלן אַרבעטן און קריגן דיין געהאַלט אין סאָוועטישע רובלס, קענסטו זיך אָפּשטעלן. וויסנדיג, אַז אין אמעריקע קאָן ער דאָס נישט פאַרדינען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַרבעטן.

נייענדיג קויפן די אידישע צייטונג, וואָס גייט אַרויס אין מאָסקווע — „עמעס”, אונטער דער רעדאַקציע פון משה ליטוואַ־קאָוו, האָב איך אויפן וועג אָנגעטראָפן א מאָגערן נידעריגן אידן מיט א קורצער שוואַרצער באָרד, וועלכער האָט געטראָגן א גרויסן סאַמעטענעם טלית־זעקל אונטער זיין אָרעם און איז געגאַנגען אין שול אריין דאַוונען. דערקענט, אַז איך בין אַן אמעריקאַנער איד, שטעלט ער מיר אָפּ, גיט מיר אָפּ א ברייטן „שלום־עליכם” און רעדט זיך מיט מיר פאַנאַנדער וועגן דאָס אידישע לעבן אין אמע־ריקע. אַזוי ריידנדיג, גיב איך אים א זאָג: ווי איך זע, גייט מען אין מאָסקווע אויך אין שול אריין דאַוונען און קיינער שטערט גאָרנישט! רופט ער זיך אָן: וואו האָט איר דען געהערט אַז מען

שטערט יאָ? דערצײל איך אים, אַז די אידישע בורזשואַזע צײ־טונגען אין אַמעריקע שרײבן אַז מ׳שטערט צו גײן דאַוונען אין מאָסקווע. זאָגט ער: אויב אַזוי שרײבן זײ ליגן פאַר זײערע לײענער.

ער האָט זיך פאַר מיר אָבער יאָ באַקלאָגט, אַז די „גאָסור־דאַרסטוואָ" האָט אַרויפגעלײגט גרויסע פּאַדאַטקעס אויף דער שול, און אויך אויף די קלויסטערס. זאָגט ער מיר: „מילא, פאַר די קלויסטערס אַרט מיך ניט, אָבער פאַר די שולן אַרט מיך יאָ". דערקלערט איך אים, אַז בא אונז אין אַמעריקע זײנען די שולן און די קלויסטערס פרײ פון שטײערן, װײל דאָס איז אין די אינ־טערעסן פון די רײכע, זײ דאַרפן האָבן אַזעלכע „אינסטיטוציעס", וואו דעם אומוויסנדיגן אַרבעטער־פאָלק צו פאַררײדן די צײן, אַז עס „מוזן" זײן אויף דער וועלט רײכע און אָרימע... בײ אײך אין סאָוועטן־לאַנד, אָבער, דאַרף מען אַזעלכע אינסטיטוציעס נישט האָבן; און אויב עס זײנען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס װילן יאָ אָנהאַלטן רעליגיעזע אינסטיטוציעס, טאָ זאָלן זײ באַצאָלן דערפאַר.

איך בין געווען אין אַ געריכט, וואו מען פאַרהײראַט זיך. געטראָפן דאָרטן 8 פּאָרלעך און צווײ פרויען אָן זײערע מענער, וועלכע זײנען געקומען זיך גט׳ן. געזען דאָרט, אַז דער פּראָצעס פון הײראַטן איז דער זעלביגער ווי אין ניו יאָרק, נאָר מיט דער אויסנאַם, וואָס קײן רב אָדער גלח איז דערבײ נישטאָ. זײ קריגן אַרויס דעם דובליקאַט פון דעם קאָנטראַקט און זײ זײנען שוין פאַרהײראַט. די גט־פּראָצעדור איז אויך אָן אײנפאַכע: דאָס מײדל איז צוגעגאַנגען צום קלוירק און איבערגעגעבן איר שטאַם־צעטל אַזוי ווי בײם הײראַטן, נאָר קײן דובליקאַט קריגט זי ניט אַרויס, דאָס צווײטע פּאַפּיר בלײבט אין געריכט. האָב זיך נאָכגעפרעגט וויפיל מאָל זײ גיבן אַרויס הײראַט־סערטיפיקאַטן צו אײנעם, האָבן זײ מיר דערקלערט, אַז ניט מער ווי פיר מאָל, און ווען אײנער באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, קריגט ער אַרויס אַ סערטיפיקאַט נאָר אײן מאָל; און ווען מ׳דערוויסט זיך אַז ער האָט זיך פאַרהײראַט אַ צווײטן מאָל, ווערט ער אַרויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטײ, סײדן ער דערווײזט, אַז די ערשטע פרוי איז גע־שטאָרבן.

בין געווען אין דעם „מוזײ פון דער רעוואָלוציע". געזען ביל־דער פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זײער פאַר־מעגן, ענערגיע און די בעסטע צײט פון זײערע בליענדיגע יאָרן, און אַנדערע האָבן באַצאָלט מיט זײערע לעבנס, פאַר דער באַ־

פרייאונג פון דעם רוסישן פאָלק. איך וועל פאַר אייך איבערגעבן די נעמען פון איניגע פון זיי: מיכאיל באַקונין (דער גרינדער פון אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד); סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ, (איינע פון די ערשטע און גרעסטע פרייהייט־קעמפערינס, מיטגליד פון דער ער־שטער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ); גריגאָרי טשערנישעווסקי (פּראָפעסער פון דעם באַרימטן רעוואָ־לוציאָנערן בוך „טשטאָ דיעלאַט?" — „וואָס איז צו טאָן?"); סערגעי סטעפּניאַק (קראַווטשינסקי, רעוואָלוציאָנער און פּראָפעסער פון א בוך „א לעבן פאַר א לעבן"); פּיאָטר קראָפּאָטקין, (געוועזענער פּרינץ, דענקער, וויסנשאַפטמאַן און שריפטשטעלער, פּראָפעסער פון ביכער וועגן דער פילאָסאָפיע פון אַנאַרכיזם); די „באַבושקאַ" יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, און פיל אַנדערע. געזען נאָך אַן אויל־בילד, וואָס שטעלט פאָר ווי רעוואָלוציאָנערן זיצן בא א טיש און הערן זיך צו צו לעניג׳ס א רעדע. אין אַט־דער גרופּע געפינען זיך: מאַקסים גאָרקי, לעאָן טראָצקי, מאַקסים ליטווינאָוו, יאָזעף סטאַלין און אַנדערע.

ווי אימפּאָזאַנט עס איז געווען אָפּגעפּארבט א מאָדעל פון דער שיף „טשעליוסקין" (וואָס די סאָוועטישע עראָפּלאַן־פליער האָבן איר אויסגעפונען אויפן אייז מיטן קאַפּיטאַן סמיט און זיינע 21 מאַטראָסן). די שיף איז געשטאַנען אויפן רויטן סקווער און האָט אויסגעזען אַזוי ווי זי שטייט אויפן געפרוירענעם ים אַרומ־געריגגלט מיט אייז. מיט אירע עלעקטרישע לאָמפּן האָט די שיף אין אָוונט באַלויכטן דעם גאַנצן ריזיגן רויטן סקווער ווי א שלאָס פון מיטל־אַלטערישע צייטן...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם גראַנדיעזן פּאַראַד וואָס מאָסקווע האָט געפייערט לכבוד דעם קאַפּיטאַן און זיינע מאַטראָסן. איידער דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן, האָט א קאַנאָן אויסגעשאָסן 21 מאָל; אַז די שטאָט האָט אַזש זיך געטרייסלט! אָנגעהויבן האָט זיך דער מאַרשרוט 10 דעם זייגער פאַר מיטאָג און זיך געענדיגט שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

די ערשטע אין דעם פּאַראַד איז געווען די קאַוואַלעריע מיט די גרויסע קאַנאָנען, נאָך זיי די שווערע גאַז־טענקס, דערנאָך די אולאַנער מיליטער אויף זייערע הויכע, שטאַרקע פערד; הינטער זיי זיינען געגאַנגען די רויטע־אַרמייער אין שטריינג־ דיסציפּלי־נירטע רייען, און דערנאָך די אַרבעטער מיט רויטע פאָנען. איבער די מאַרשירנדיגע זיינען געפלויגן עראָפּלאַנען,אַזוי פיל, ניט צום

איבערצוצײלן, אַזױ װי די שטערן אין הימל... אַרבעטער פֿון יעדער פֿאַבריק האָבן געמאַרשירט מיט זײערע רױטע פֿאָנען און קאַפּע־ליעס מוזיק. מענטשן פֿון פֿאַרשײדענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן פּאַראַדירט צוזאַמען װי אײן משפּחה, דורכגעדרונגען פֿון אַן אַלגע־מײנעם אידעאַל.

קײן מאָסקװע האָב איך אױך געבראַכט עטלעכע דאָלער פֿאַר אַ ברודער פֿון מײנעם אַ באַקאַנטן. געקומען אין הױז און די פֿאַ־מיליע ניט געטראָפֿן, זײ זיצן אױף אַ „דאַטשע" (קוראָרט). איבער־געלאָזן מײן אַדרעס באַ אַ שכן און אים געזאָגט צוליב װאָס פֿאַר אַ צװעק איך װיל זײ זען. 12 באַנאַכט, מ'רופֿט מיר צום טעלע־פֿאָן. װער איז דאָס? שמעון סלאָװען. ער בעט מיך צו װאַרטן אין האָטעל ביז ער װעט קומען איבערצונעמען דאָס געלט װאָס זײן ברודער, דער אַפּטײקער פֿון סטעמפֿאָרד, קאָנעקטיקוט, האָט פֿאַר אים געשיקט. איז ער צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל מיט אים פֿאָרן, װײל ער װיל אַז איך זאָך באַקענען מיט זײן פֿאַמיליע. ער האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זײן פֿרױ און זײנע צװײ זין, אײנער אַ פֿאַבריק־אַרבעטער, און דער צװײטער אַן אינזשינער. זײ האָבן מיר באַדאַנקט פֿאַר דער מי, און געלאַדן מיר צום טיש, װאָס איז געװען צוגעגרײט מיט פֿאַרשײדענע גוטע שפּײזן. זיצנדיג באַ דער געשמאַקער װעטשערע, רופֿט זיך אָן די מאַדאַם סלאָװען צו מיר: חבר טענען, איר מעגט זאָגן מײן שװאָגער משה'ן, אַז ס'איז אונז איצט בעסער װי פֿאַר דעם קײסער. מײן מאַן אַרבעט פֿאַר דער „גאָסו־דאַרסטװאָ", פֿאָרט אַרום אין אַן אױטאָ־באָס מיט קלײדער װאָס ער נעמט אין די פֿאַבריקן און טײלט זײ פֿאַנאַנדער אין די קראָ־מען צו פֿאַרקױפֿן, און זי זעצט פֿאָר מיט שטאָלץ: הײנט װאױנען מיר אין מאָסקװע און מײן זון איז אַן אינזשינער. האָבן מיר דאָס געהאַט פֿאַרן קײסער ניקאָלאַי? נאָך דער געשמאַקער װעטשערע האָבן זײ אַלע מיך באַגלײט צו דער באַן, צוריקצופֿאָרן אין שטאָט אַרײַן. איך האָב זיך מיט זײ געזעגנט און בין אַװעקגעפֿאָרן.

בין געװען זען די מאָסקװער שיך־פֿאַבריק. געװאָלט זען אױב אין דער פֿאַבריק װערן די שיך געמאַכט אױף דעמזעלביגן אופֿן װי אין דער קיעװער פֿאַבריק. אין דער פֿאַבריק אַרבעטן 6,500 אַרבעטער, די שטונדן זײנען דיזעלביגע װי אין דער קיעװער שיך־פֿאַבריק, נאָר די מאָסקװער איז אַ גרעסערע און זײ גיבן אַרױס 18,500 פּאָר שיך אַ טאָג. דער דירעקטאָר האָט מיר דערצײלט, אַז הײנט־צו־טאָג האָט דער סאָװעטן־פֿאַרבאַנד נאָר 10 גרױסע פֿאַ־

בריקן פון שיף, און ווען דער צווייטער 5 יאָר פּלאַן וועט זיך ענדיגן, וועלן זיי האָבן 21 גרויסע פאַבריקן, און דאָס וועט מעגלעך מאַכן ארויסצוגעבן א מיליאָן פּאָר שיך א טאָג. ער דערציילט מיר, אז ער גיט אויף די פּראָפעסיע און גייט אויף דער בינע אלס מענאָר־זינגער. דערקלערט מיר, אז ער באַזיצט אַן אויסערגעוויינט־לעכע שטימע צום זינגען. ער זאָגט: א דירעקטאָר קאָן יעדער גוטער פאַכמאַן ווערן, אָבער צו ווערן אַן אפּערע־זינגער דאַרף מען האָבן א געבוירענעם טאַלאַנט. האָב אים געפרעגט אויב ער טוט דאָס צוליב גרעסערע פאַרדינסטן, ענטפערט ער מיר: ניין, נאָר צוליב זיין וואונטש, בעסער זיך נוצלעך מאַכן פאַרן פּראָלע־טאַרישן פאָטערלאַנד. אזוי איז דאָס אין סאָוועטן־לאַנד: יעדער מענטש קאָן דאָרטן דערגרייכן זיין געוואונטשטן ציל לויט זיינע פייאיגקייטן און נייגונגען.

בין געווען אין א פּאַרק פון קולטור און אָפּרו. אָט דער אומ־געהייער גרויסער פּלאַץ האָט אמאָל, אין דעם קייסער'ס צייטן, גערינט פאַר אָפּלייגן די שמוץ און אָפּפאַל פון שטאָט. האָבן די באָלשעוויקעס אים אָפּגערייניגט און פאַרוואַנדלט אין א פּאַרק מיט לויטערע פאַרגעניגנס פאַר דעם יונגן דור פּראָלעטאַריער, וועלכע קומען אהין נאָך דער ארבעט פאַרברייננגען. די איינריכטונגען וואָס געפינען זיך אין דעם פּאַרק זיינען: א טעאַטער און קינאָ, א זאַאָלאָ־גישער גאָרטן, א פּלאַץ פאַר גימנאַסטישע איבונגען, א טאַנץ־זאַל, וואו מ'לערנט טאַנצן, א פּלאַץ פאַר גאָלף און טענים צו שפּילן, א פּלאַץ פאַר בעסקעט און פוט באָל, א רעסטאָראַן מיט לייכטע שפּייזן צום עסן און טרינקען. ארום דעם פּאַרק שטייט א געדיכטער וואַלד אוואו די פאַמיליע-לייט קומען זיך צוזאַמען און פאַרבריינ־גען זייער פריילעך. לערערינס ברייננגען אהין ארוים קינדער צו פאַרברייננגען דאָרט מיט זיי פון 10 אין דער פרי, און פאָרן מיט זיי צוריק 8 דעם זייגער אין אָוונט. ווען מ'שטייט דאָרטן און מ'קוקט זיך צו ווי די יונגע זאָרגלאָזע קינדער פאַרברייננגען אין דעם פּאַרק, מוז מען זיי מקנא זיין אין וואָס פאַר א וואונדער לאַנד זיי געפינען זיך.

איך פאָר קיין לענינגראַד

לענינגראַד, וואָס האָט זיך אמאָל גערופן סט.־פּעטערבורג, און פון די יאָרן 1914 ביז 1924 — פּעטראָגראַד, איז אמאָל געווען די קרוינשטאָט פון רוסלאַנד און איר גרעסטער האַנדלס־צענטער.

איר באַפעלקערונג איז געווען אַרום צוויי און אַ האַלב מיליאָן. אָבער צוליב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917, דעם מאַנגל אין פּראָוויזיע, באַלייכטונג און באַהייצונג, צוליב די שווערע פאַרלוסטן פון לעבנס אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה, און איבערהויפּט — דאָס איבערפירן פון דעם גאַנצן סאָוועטישן מלוכה־אַפּאַראַט, פון לענינגראַד נאָך מאָסקווע — דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז די באַפעלקערונג איז געפאַלן ביז קנאַפּע $1\frac{1}{4}$ מיליאָן מענטשן. שפּעטער, ווען אין יאָר 1921 האָט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד אָנגעהויבן דער רעקאָנסטרוקציע פּעריאָד, האָט די לענינגראַדער באַפעלקערונג ווידער אָנגעהויבן שטייגן, און אין יאָר 1931 האָט זי שוין דערגרייכט אַרום אַ מיליאָן און דריי פערטל איינוואוינער — און האַלט כסדר אין וואַקסן.

אויך דער שיף־פאַרקער אין דעם לענינגראַדער פּאָרט איז באַדייטנדיג פאַרגרעסערט געוואָרן, שטייגנדיג פון וואָסערע 300 שיפן אין יאָר 1921 ביז העכער 1,800 שיפן אין יאָר 1927. און אונטער די „פּיאַטילעטקעס" וואַקסט די צאָל אַלץ מער און מער. דער האַפן ווערט כסדר פאַרבעסערט מיט פאַרשיידענע מאָדערנע, וויסנשאַפטלעכע אויסשטאַטונגען, און די עלעקטריפיקאַציע פּראָגראַם פון סאָוועטן פאַרבאַנד (וואָס האָט שוין איבערגעשטיגן די עלעקטריציטעט־פּראָדוקציע פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער), העלפט פיל מיט אין דעם אינדוסטריעלן פּראָגרעס פון דער שטאָט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ זיינען די פריערדיגע צאַרסקע פּאַלאַצן און קירכן פאַרוואַנדלט געוואָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט אין אַנשטאַלטן פאַר העכערער בילדונג און קולטורעלע צענטערן פאַר די אַרבעטער־מאַסן. לויט דעם „סדר־היחוס", פאַרנעמט לענינגראַד דעם צווייטן אָרט נאָך מאָסקווע אין ס. ס. ס. ר.

וואָס אנבאַלאַנגט אָבער בילדונג־אינסטיטוציעס, איז לענינגראַד איינע פון די גרעסטע קולטור־צענטערן אין דער וועלט. דאָרטן געפינען זיך: די אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט; דער רוסישער מוזיי; דער „ערמיטאַזש"־פּאַלאַץ פון קונסט; דער אַגריקולטור־מוזיי; דער מוזיי פאַר פאָלק'ס געזונטהייט און וואוילזיין פון קינדער; דער מוזיי פון קאָמערציעלער נאַוויגאַציע; דער מוזיי פון רעוואָלוציע; דער אידישער מוזיי; דער לענינגראַדער מלוכה־אוניווערסיטעט; דער קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; דער פּראָלעטאַרישער אינסטיטוט; די אַקאַדעמיע פון געשיכטע און מאַטעריעלע קולטור; די אַקאַדעמיע פון איידעלע קונסט, און

א צאָל מעדיציינישע, אגריקולטורעלע, וואלד־וויסנשאפט און אנ־דערע טעכנישע לער־־אנשטאלטן. די לענינגראד מלוכה־ביבליאָטעק פארמאָגט העכער 10 מיליאָן ביכער אין פארשיידענע שפראכן.

דער וועג פון מאָסקווע קיין לענינגראד איז ווידער נישט קיין לאנגער — כמעט ווי פון קיעוו קיין אדעס. געקומען אין לעניג־גראד, בין איך פארפאָרן אין האָטעל „איירעפּא". מיין „גאיד" איז מיט מיר געגאנגען אין א מוזיי, וואָס איז אמאָל געווען דער קייזערין יעקאטערינע דער גרויסער'ס. וואָס מ'זאָל נישט ריידן וועגן איר „צניעות" און „מאָראל", אָבער אז זי האָט געהאט א קינסטלערישן געשמאק, קאָן מען זען פון די בילדער אין מוזיי וואָס זי האָט זיך איינגעשאפט. זי האָט נישט געזשאלעוועט קיין מי (פון געלט איז שוין אָפגערעדט), צו קריגן בילדער פון די גרעסטע קינסטלער וואָס די וועלט פארמאָגט, סיי רוסישע און סיי אויסלענ־דישע; האָבן זיי געמעגט קאָסטן מי־יודע וויפיל, זיינען זיי נאָר גע־ווען פון עכט־קינסטלערישן ווערט, האָט זי באצאָלט פאר זיי און אין איר מוזיי אויסגעשטעלט.

איך בין געפאָרן אָנקוקן די פעטרא־פאוולאָווסקע „קרע־פּאָסט" (פעסטונג), אוואו מ'האָט פארשיקט די פּאָליטישע „פאר־ברעכער" אין צייט פון די צארן. באטראכט די וויסטע, פינצטערע קארצערס אין וועלכע מ'האָט געהאלטן מענטשן פארשלאָסן הינ־טער אייזערנע טירן מיט א לאָך אין דערמיט, וואָס מער ווי מיט איין אויג האָט דער געפאנגענער נישט געקאָנט זען א פריינט, וועלכער איז אים געקומען באזוכן צייטנווייז; און ריידן האָט ער צו אים געמוזט אין דער שפּראך פון דעם וועכטער, וועלכער איז געשטאנען אינמיטן צווישן די צוויי טירן — איינע פון דעם אריינגאנג און די צווייטע פון דעם תפיסה־צימער. איך האָב זיך קוים פאָרגעשטעלט ווי די נאָבעלע העלדן האָבן דאָס געקענט איבערטראָגן צו זיצן פיל יאָרן אין אזעלכע פינצטערע קברים מיט שווארצע שטיינערנע ווענט, מיט איין קליין פענצטערל אין דער הויך, מיט אייזערנע גראטעס באדעקט, אז מער ווי א בלאסן שיין קאָן מען ניט זען פאר מאָנאטן און יאָרן. בין אריינגעקומען אין דעם צימער נומער 42, וואו דער איידעלער מענטש קראפּאטקין, וועלכער האָט זיך געלאָזט מקריב זיין פאר דער ארבעטנדיגער מענטשהייט, האָט דאָרטן אָפּגעפינסטערט א שטיק צייט און זיך נישט געוואָלט אומקערן צו דער בורזשואזער וועלט.

איך בין געווען אין דעם קאמער וואו מאקסים גאָרקי, דער

וועלט־באַרימטער רעוואָלוציאָנער און ליטעראַט איז געזעסן. זיין צעל איז אויך אַזוי געבויט ווי אַלע אַנדערע. אין איינעם פון די צעלן ווערט געוויזן ווי אַ פאַרשיקטער „פאַרברעכער" זיצט אויף זיין נידעריג־שמאָלער אייזערנער בעטל, די האָר צעשויבערט, דאָס פּנים בלאַס, אָנגעטאָן אין אַרעסטאַנטן־קליידער, און ער טראַכט איבער זיין שרעקלעכער לאַגע.

בין געווען אין אַ קאַטעדראַל, (גרויסער קלויסטער) וואָס איז איצט אַן אַנטי־רעליגיעזער מוזיי. דאָרטן ווערט געוויזן די אַנטוויקלונג פון די רעליגיעס, ווי די אידן נעמען אָן די תורה, א. אַ. וו. אויך דער טלית און תפילין און אַנדערע מכשירים ווערן געוויזן, מיט וועלכע אידן באַנוצן זיך בײַ רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אויך בילדער וואָס ווייזן ווי די בודיסטישע רעליגיע איז אָנגענומען געוואָרן, ווי די אומוויסנדיגע מענטשן לויפן נאָך בודאַן און פאַרהייליגן אים אַלס זייער „דערלייזער". אויך זעט מען דאָרטן אַ בילד פון מאַכמעדן, ווי זיינע נאָכפאָלגער פאַרגעטערן אים, און זיי גלויבן אויך אַז ער וועט זיין זייער „דערלייזער". די מאַכמעדאַנישע, בודיסטישע גלויבנס זיינען שטאַרק אַנטוויקלט געוואָרן, און די אומוויסנדיגע מענטשן האַלטן נאָך אָן דעם אבערגלויבן ביז היינט צו טאָג.

אויך ווערט דאָרטן געוויזן ווי דער ערד־קוגל באַוועגט זיך. דאָס ווערט דעמאָנסטרירט דורך אַן עקספּערימענט: דאָס איז אַן אייזערנע וועב־שפּינדל, (אַן אינסטרומענט וואָס שפּינט פאָדים). מען נעמט צו דאָס שפּינדל פון דעם אָרט וואו זי היינגט אַרונטער פון דאַך, און מען גיט איר אַ וואָרף פון דעם פּלאַץ און זי שטעלט זיך אָפּ אויף אַ צווייטן פּלאַץ. דאָס ווייזט אַז דורך דער צייט וואָס דאָס שפּינדל האָט זיך געהאַלטן אין באַוועגן אַהין און צוריק, האָט זיך די ערד אַזוי פיל־מאָל זיך געדרייט, ווייל זי שטעלט זיך ניט אָפּ אויפן זעלביגן אָרט וואו זי איז געשטאַנען.

אויך געזען אַ בילד פון דעם פייער אויף וועלכע די באַרבאַרישע נאַציס האָבן פאַרברענט די „ניט־אַרישע" ליטעראַרישע, פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ביכער, און ווי דער אומוויסנדיגער המון שטייט און קוקט זיך צו גלייכגילטיג צו אָט דער שוידערלעכער סצענע און לאַכט נאָך דערביי... עס איז ווירקלעך אַ שאַנד און אַ שפּאָט אַז אַזעלכעס זאָל פּאַסירן אין 20טן יאָרהונדערט, אין דער „הויך־קולטורעלער" דייטשלאַנד!

אויך אַ פּאַטעטיש בילד ווי לעאָן טראָצקי גייט אַריבער צו

דער בורזשואַזיע. עס שטייען אויסגעשטעלט צוויי רייען מענטשן — אין איין ריי — די בורזשואַזיע, און אין דער צווייטער — די רויטע אַרמיי. דאָס בילד שטעלט פאָר ווי טראָצקי, אָנגעטאָן אין זיין מיליטערישן יוניפאָרם, איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער בורזשואַזיע. דער פּלאַץ ווערט דאָרטן אויך באַלויכטן מיט עלעקטריציטעט.

בין געווען אין דעם „סמאָלין אינסטיטוט", וואָס איז אַמאָל געווען אַ „דערציאונג"-אַנשטאַלט פאַר מיידלעך פון די „העכערע" קלאַסן אין רוסלאַנד. יעדע מיידל האָט געהאַט אַ צימער פאַר זיך. מ'קאָן זיך פאָרשטעלן ווי גרויס די צימערן זיינען געווען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דעם אינסטיטוט פאַרוואַנדלט אין אַ ראַט הויז („סיטי האָל"), און די צימערן איינגעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען צו פאַרוואַלטן די שטאָטישע געשעפטן. היינט ווי רייך די צימערן זיינען אויסגעמעבלירט מיט די טייערסטע, שענסטע מעבל נאָך דער לעצטער מאָדע.

בין אַדורכגעגאַנגען איינינגע צימערן און זיי באַטראַכט. אין איינעם פון די צימערן זעט איר לענינ'ס מעבל (ער האָט דאָרטן געוואוינט מיט זיין פרוי זינט דער רעוואָלוציע), אָבער נישט מיט די מעבל וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען אַפריער, נאָר גאַנץ אָרים: אַ שמאָלע בעט מיט וויניג בעטגעוואַנט, אַ קליינער טיש מיט אַ פּאָר פּראָסטע ביינקלעך, אַ קליינער שרייב-טיש, אַן אַלטע, קליינע קליידער-שאפע און אַנדערע מכשירים.

איין גרויסן צימער האָבן די באָלשעוויקעס פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנגרעס-זאַל, וואו זיי מאַכן געזעצן פאַרן לאַנד. די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איז דאָרטן אויסגעקריצט אין גאָלדענע בוכשטאַבן.

בין געפאָרן אָנקוקן דעם שטאָט-פּאַרק און האָב אויסגעפונען, אַז דעם פּאַרק אין לענינגראַד האָבן די באָלשעוויקעס איינגעאָרדנט אויפן זעלבינגן אופן ווי דעם פּאַרק אין מאָסקווע — אויסער דעם, וואָס דער לענינגראַדער פּאַרק איז אַרומגערינגלט מיט וואַסער, און דאָס יונגוואַרג פאָרט אַרום אין שיינע שפּאַציר-שיפלעך און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

קיין לענינגראַד האָב איך קיין געלט ניט געבראַכט פאַר קרובים, אחוץ אַ גאָלדן זייגערל פאַר מיין פריינט כאַליוו'ס פּלימעניצע, פּייגעלע רעכטער, אַ דאָקטאָרשע. האָב איך איר געבראַכט אַ גרוס פון איר מוטער, פון איר ברודער אין כאַרקאָוו, און פון אַ פעטער פון אַמעריקע. געקומען אין הויז און איר ניט געטראָפן (זי איז אויך

געװען אויף אַ דאַטשע), האָב איך געטאָן דאָס זעלביגע װי מיט סלאַווינ׳ען אין מאָסקווע: איבערגעלאָזן מײן אַדרעס פון האָטעל און אָנגעזאָגט װען זי קאָן מיך טרעפן.

אויף מאָרגן, נאָך מיטאָג, קומט זי צו מיר, אַ נידעריגע איידעלע, יונגע, שײנע פרוי, עלעגאַנט געקלײדעט. האָב איר גלײך דערקאָנט דורך איר געזיכט, אַז דאָס איז כאַליוו׳ס אַ קרובה. זי האָט מיך אײנגעלאַדן אַרויסצופאָרן מיט איר אויף דער דאַטשע און מיך באַקענען מיט איר מאַן, אויך אַ דאָקטאָר. זײ זײנען ניט לאַנג פאַרהײראַט און האָבן אײן קינד. זיצנדיג בײם טיש װאו מיר האָבן געגעסן אָװנט־מאָלצײט, פרעגט די דאָקטאָרשע, אויב איך װעל זען אַ חכמה פון איר אײן־יאָריגער טעכטערל, זאָג איך: נו, אדרבה, לאָמיר זען. גיט זי צו איר אַ זאָג: פּאַניטשקאַ. „װ׳סטראַי!״ אַזױ שנעל װי דאָס פּיצל קינד האָט דערהערט דאָס װאָרט „װ׳סטראַי״, האָט דאָס שוין געהאַלטן דאָס פויסטל אין דער הויך. איך בין געבליבן זיצן װי פאַר׳כישופ׳ט, אַזעלכעס צו זען פון אַ יאָריג קינד, אין װעמען מ׳פלאַנצט שוין אײן דאָס פּראָלעטאַרישע באַװאוסטזײן! אָט אַזױ װערן הײנט דערצויגן די קינדער אין סאָװעטן־פאַרבאַנד צו זײן אויף דער װאַך װען נויטיג. דאָס דערינערט מיך אין די אַכט־יאָריגע קינדער, װעלכע האָבן זיך געשפּילט אין מאָסקװער פּאַרק. אַז מײן „גאַיד״ האָט געפרעגט בײַ אײנעם פון די אינגלעך: װאָס פאַר אַ „געים״ זײ שפּילן, האָט ער איר געענטפערט: נישט קײן „געים״ שפּילן מיר, און ער װײזט איר, אַז אויף יענער זײט פּאַרק שטײען די „פאַשיסטן״ און אַזױ שנעל װי זײ װעלן אַרויסקומען, װעלן זײ „דערשאָסן װערן״; און ער װײזט אָן מיט שטאָלץ אויף אַ קלײן ביקסל אין האַנט מיט װעלכעס ער װעט זײ „דערשיסן״...

איך פאָר קײן לאָנדאָן

פון לענינגראַד בין איך אַװעקגעפאָרן קײן לאָנדאָן מיט דער שיף „סיביריאַ״. דאָס איז געװען אַ לאַסט־שיף, און געפאָרן נאָך האַמבורג אויסצולאַדן די סחורה װאָס זי האָט מיט זיך געפירט. אָן משא נעמט עס 5 טעג, אָבער דאָס מאָל זײנען מיר אָנגעקומען אין לאָנדאָן אין 7 טעג אַרום. צװײ טעג בין איך קראַנק געװען אויף דער רײזע, אויך געליטן פון דער ים־קראַנקהײט, אָבער די אַנדערע טעג פון מײן רײזע האָב איך זיך געפילט זײער פרײלעך, װײל אויף דער שיף האָט געהערשט אַ באָלשעװיסטישע אַטמאָס־

פערע, (ניט קיין פאַשיסטישע ווי אויף דער „קאַנטע־דיסאוואיא״). זיך באַקאַנט מיט אַ גרופּע אינטעליגענטע מענטשן אויף דער „סי־ביריא״ און זיך מיט זיי פאָטאָגראַפירט.

צווישן די פּאַסאַזשירן זיינען דאָרטן געווען: אַ סאָוועטישע אינזשינערשע מיט איר מאַן און קינד, (געפאָרן באַזוכן אַ ברודער אין לאָנדאָן), אַ שיקאַגער קאָמוניסט און אַ לאָנדאָנער קאָמוניסט (געפאָרן אין שליחות פון זייערע שטעט), אַ סיאַמער סטודענט (גע־פאָרן קיין בערלין אָפּצוגעבן עקזאַמען אין פיזיק), אַ סקולפּטאָר (האָט געמאַכט אַ ביוסט פון ג. דימיטראָוו׳ן, דעם וועלט־באַרימטן בולגאַרישן קאָמוניסט, אַ צווייטן ביוסט פון פּרץ הירשביין, דעם פּאָפּולערן אידישן שרייבער). דער סקולפּטאָר איז צוריקגעפאָרן אין אויסטראַליע נעמען זיין פאַמיליע און זיך באַזעצן אין סאָוועטן־לאַנד. אַ דייטשע קאָמוניסטקע (זי האָט איבערגעלאָזט אירע צוויי קינדער מיט אירע עלטערן אין מאָסקווע און איז געפאָרן קיין בער־לין, אפשר וועט איר מעגלעך זיין אַרויסצוראַטעווען איר מאַן פון קאָנצענטראַציע לאַגער); אַ מאַן פון לאָס אַנדזשעלעס מיט זיין פרוי און טאָכטער (געפאָרן אויף אַ באַזוך, געוואונטשן מיט מיר נאָך אַמאָל זיך צו טרעפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד).

געקומען אין לאָנדאָן און האָב פאַרשפּעטיגט די שיף „מאַ־דזשעסטיק״, (געוואָלט זיך פאַרהיטן פון דער ים־קראַנקהייט, גע־הערט אַז די שיף וואָרפט זיך ווייניגער ווי אַנדערע אויפן וואַסער). זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „יוסטאָן״ אויף צוויי טעג, און דאָן אוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג צו מיין קוזינע, חיה יהודית, קיין מאַנטשעסטער. זי ניט געזען, אַ געשיכטע פון אַ יאָר 45. איך האָב איר אויך איבערראַשט אַזוי ווי מיין ברודער: קום אַריין אין הויז און זי דערקענט מיר נישט. ווען איך האָב זיך פאַר איר פאָרגע־שטעלט, איז זי געוואָרן איבערראַשט, איז די פרייד געוואָרן אַ האַר־ציגע צווישן אונז ביידן. זי האָט מיך אויפגענומען טאַקע ווי אַן אמת׳ן גוטן קוזען און זיך אָפּגערעדט פאַר מיר פון איר שווער האַרץ, באַדויערנדיג די צייט וואָס זי האָט מיך נישט געזען. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל מיט איר צוגיין צו אירע קינדער (זיי וואוינען טאַקע אַלע אין מאַנטשעסטער) — דריי זין און צוויי טעכטער. אַריינגעקומען מיט איר צו איר זון ראובן, און מיר פאָר־געשטעלט פאַר זיין פאַמיליע, וועלכע איז געווען זייער צופרידן מיך צו קענען. האָבן מיר נישט געוואָלט אָפּלאָזן, און האָבן נאָר געוואָלט איך זאָל זיך מיט זיי אָפּשטעלן כאָטש אויף עטלעכע וואָכן.

די אַנדערע קינדער פון מיין קוזינע האָבן מיך אויך אויפגענומען אויפן זעלביקן שטייגער און האָבן אויך פאַרלאַנגט, אַז די צייט וואָס איך וועל פאַרברענגען אין מאַנטשעסטער, זאָל איך זיין מיט זיי. איך בין אָבער דאָך פאַרבליבן בא ראובנ׳ען.

אַלע קינדער זיינען געווען העכסט צופרידן וואָס איך האָב זיי אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט, זיך געשפּאַנט צוגעהערט צו מיין באַריכט פון דער פאַמיליע און פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די קינדער, אַזוי ווי די מוטער, האָבן אַליין ניט געוואוסט ווי מיר צופרידנצושטעלן, מיט מיר אַרויסגעפאָרן צום „בלעק פּול" (אַ זומער פאַרגעניגנס־פּלאַץ ביי דעם ים־ברעג), וואָס שפּיגלט זיך אָפּ צווישן די גרויסע שיינע האָטעלן פאַזע דעם ברויזנדיגן בלויען ים. פאַר די געסט וואָס קומען אַהין פאַר דעם זומער סעזאָן, זיינען צוגעגרייט פאַרשיידענע באַקוועמלעכקייטן, סיי פאַר די באַזוכער פון די רעסטאָראַנען, סיי פון טעאַטער און קינאָס ,און פון פאַרשיידענע געשעפטן, לויט יעדן איינעמס געשמאַק. געזען דאָרטן די שיין־געפאַרבטע טראַמוויען, וואָס פירן די מענטשן בא דעם ים אויף אַ לאַנגער שטרעקע, און מ׳קילט אייך אין די גרעסטע היצן פאַר אַ קליינעם פּרייז. האָב דאָרטן פאַרבראַכט מיט זיי דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט זיינען מיר צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. אין די עטלעכע טעג וואָס איך בין געווען מיט זיי, האָבן זיי מיר פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן. פאַר מיין אָפּרייז האָבן זיי מיר געגעבן 2 ענגלישע פונט און געניצטע קליידער פאַר אונזערע קרובים אין פּוילן. זיך מיט זיי האַרציג געזעגנט און בין אַוועקגעפאָרן קיין סויט־העמפּטאָן צו דער שיף.

געוואַרט אויף דער שיף „מאַדזשעסטיק", אָבער קיין חרטה ניט געהאַט, ווייל כ׳האָב אויסגעמיטן די נישט־אַנגענעמע נודנע ים־קראַנקהייט. אָפּזייענדיג צוויי טעג אויפן ים, האָב איך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון מיין קוזינעס זון, ראובן, פון מאַנטשעסטער, ווינטשנדיג מיר אַן אַנגענעמע, פריילעכע רייזע.

צוריק אין אַמעריקע

נאָך מיין לאַנגער רייזע בין איך אָנגעקומען קיין ניו יאָרק אין יולי דעם 24טן, 1934. אַ מידער פון דער רייזע, בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין עלטערן זון, יוסף דעם דאָקטאָר, אין סטעמפאָרד, זיך אַביסל אָפּצורוען. עפּעס אַ קלייניגקייט, אין אַזאַ קורצער צייט צו זיין אין פיר לענדער. אָפּגערוט זיך אַ וואָך צייט אין

סטעמפאָרד, צוריקגעקומען אין ברוקלין, און האָב ווייטער גענו־
מען זוכן א באשעפטיגונג פאר זיך. האָב געפונען א פלאַץ וואו
איך בין אָפּגעשטאַנען 18 חדשים. דערנאָך בין איך קראַנק געוואָרן
אויפן הארץ און די דאָקטוירים האָבן מיר פארבאָטן צו ארבעטן.
האָב איך זיך איבערגעקליבן צו מיין זון שכנא, אין ברוקלין, מיט
וועלכן איך וואוין צוזאמען ביז היינטיגן טאָג.

צום שלום וויל איך באמערקן, אז מיין רייזע נאָכן סאָוועטן
פארבאנד האָט מיך געשטארקט גייסטיג און אָפּגעפרישט מיינע
געפילן. איך שעץ זיך גליקלעך וואָס אויף די עלטערע יאָרן האָב
איך דערפילט מיין לעבנס־לאנגן באגער: צו זען מיט מיינע איי־
גענע אויגן ווי אזוי עס בויט זיך א סאָציאַליסטיש לעבן אויף
דער וועלט.

פארגלייכנדיג דעם ארט לעבן וואָס איך האָב באָאָבאכטעט
אין דעם פראָלעטארישן פאָטערלאנד, מיט די פארשימלטע פא־
ראנדקעס, וואָס עקזיסטירן אין פארשיידענע קאפיטאַליסטישע לענ־
דער, וואָס איך האָב באזוכט, בין איך געקומען צו דער איבערציי־
גונג, אז די עטלעכע צענדליג יאָרן וואָס איך האָב, לויט מיינע
כוחות, אוועקגעגעבן דער ארבעטער באוועגונג, זיינען ניט געווען
אומזיסט, און אז ניט ווייט איז דער טאָג, ווען די ליכטיגע זון
פון קלאסן־באוואוסטזיין וועט ארייגדרינגען מיט אירע שטראַלן
אין די מוחות פון אַלע ארבעטער און עס וועט געשאפן ווערן א ניי
גליקלעך לעבן פאר דעם ארבעטער און דער גאנצער מענטשהייט.

Free Public Library, Newark, N. J.